STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02490

# YIDISHE GESHIKHTE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יידישע געשיכטע

# יאר־הונדערט XIX

דרוק׳ ש. שיקארא אין י. מילנער ווארשא נאוואליפקי 6

# יידישע געשיכטע

# XIX יאָר־הונדערט

ערשטער טייל

## נאָך דובנאָוו'ן און אנדערע קוועלן.

באַרבעט דורך פ. ר—סקי—ב—ס.

פאַרלאַג / נייער שטראָם /

1920 וואַרשע

# פֿאָרבאַמערקונג.

די ערשטע 5—6 בויגן פון דערדאָזיקער אַרבעט זיינען געמאַכט געוואָרן לויט פאַרשידענע מקורים, ווי: פּיליפּזאָן, גרעץ, און די יידישע היסטאָרישע זשורנאַלן און צייטשריפטן, וואָס האָבן באַהאַנדלט די יידישע געשיכטע פונם XIX יאָר־הונדערט.

אַריינגעדרונגען אָבער טיפער אין דער אַרבעט, האָבן מיר איינגעזען, אַז דובנאָוו איז בעסער פון די אַלע מקורים, ווייל סיי דער היסטאָרישער מאַטעריאַל, וואָס ער גיט און סיי די באַאַרבעטונג פון דעמדאָזיקן מאַטעריאַל, האָבן נישט קיין גלייכן צו זיך אין דער יידישער געשיכטע־ליטעראַטור.

דובנאָוו איז אַן אוצר פון געשיכטע. דאָס זיינען אָפענע גאָלדענע טירן פאַר יעדן, וואָס האָט נאָר חשק אַריינצוגיין אין דעם עבר פון זיין פאָלק, און מיר האָבן באַשלאָסן איבערצו־שטעלן די דאָזיקע טירן אויך אין יידיש.

פ. ר־סקי־ב־ם.

# איינלייטונג.

די געשיכטע פון דער נייסטער צייט אין מערב-אייראָפּע הויבט זיך אָן מיט צוויי איבערקערענישן, וואָס האָבן געהאַט אַ גוואַלטיקע השפעה אויף דער גאַנצער געזעלשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג פון נייננצענטן יאָרהונדערט. די ערשטע איבערקערעניש איז געווען די פּאָליטישע רעוואָלוציע אין פראַנקרייך אין סוף פון XVIII יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך אויך באַלד פאַרשפּרייט אין אַנדערע מדינות.

די צווייטע איבערקערעניש איז שוין געווען אין איינגלאַנד אויך אין סוף פון XVIII יאָרהונדערט. דאָס איז אָבער געווען אַ ריין-עקאָנאָמישע רעוואָלוציע.

די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע אין אייראָפּע איז שטענדיק געווען אַ רעזולטאַט פון דער פּאָליטישער און דעריבער באַדאַרפן מיר באַטראַכטן די וויכטיקסטע מאָמענטן פון דער געזעלשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג אין XIX יאָרהונדערט בלויז פון יענער פּאָליטישער איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין סוף פון XVIII יאָרהונדערט.

פּאָליטישע איבערקערענישן קומען-פאָר אַ סך שנעלער, ווי עקאָנאָמישע און זיי ווירקן שטאַרק אויף דער פאַנטאַזיע פון מענטשן:

ער ווערט צוטרויסלט. אַמאָל פֿאַלט ער אַריין אין עקסטאַז, אַמאָל, ווידער, ווערט ער מוטלאָז. עקאָנאָמישע רעוואָלוציעס ווערן אָבער כמעט נישט באַמערקט. די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, וואָס איז אין דער אייגענער צייט פֿאָרגעקומען אין ענגלאַנד, איז גאַנץ שטיל דורכגעגאַנגען. פֿון איר האָט מען אָנגעהויבן ריידן ערשט דעמאָלט, ווען עס האָבן זיך געוויזן אַרויסווייזן ווילטיקע עקאָנאָמישע פֿאָלגען.

נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע אין פֿראַנקרייך הויבט זיך אָן אינם לעבן פֿון אייראָפּע אַ נייע היסטאָרישע תקופֿה. די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס האָט געהאַט לכתחילה אַ ריין אָרטיקן כאַראַקטער, האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיין-אייראָפּעיִשער איבערקערעניש. אינם יאָר 1792 האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן פֿראַנקרייך, וואָס האָט נאָר-וואָס דורכגעמאַכט אַ רעוואָלוציע און די אַנדערע מדינות, וואָס זיינען געגאַנגען באַשיצן און באַשירמען די אַלטע אָרדענונג. די דאָזיקע מלחמה האָט זיך געצויגן כמעט גאַנצע 25 יאָר און גלייכצייטיק האָט זי אויך פֿאַרשפּרייט אין באַזונדערע טיילן פֿון אייראָפּע די פּרינציפּן פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. אין יאָר 1815 איז שוין מערב-אייראָפּע אַריין אין אַ צושטאַנד פֿון געזיכערטן פֿרידן, אָבער אין מאַנכע מדינות האָט זיך נאָך אַלץ גערודערט, און די סיבה איז אַלץ געווען די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע.

אין די יאָרן 1820-21 זיינען פֿאָרגעקומען עטליכע מרידות אויפֿן פּירענייִשן און אַפּעניניִשן האַלבאינזל און אין צען יאָר אַרום האָט די יולי-רעוואָלוציע אָפּגעקלונגען נאָך זיך אַ גאַנצע ריי מדינות: בעלגיע, איטאַליע, פּוילן און דייטשלאַנד. אין יאָר 1848 זיינען ווידעראַמאָל אַלע לענדער, אַזוי ווי לויט אַ וואונק פֿון פּאַריז, אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט די פֿלאַמען פֿון רעוואָלוציע, וואָס זיינען גאַנץ לאַנגזאַם איינגעשטילט געוואָרן. די אַלע פּאָליטישע באַוועגונגען האָבן אין אַ משך פֿון אַ דרייסיק יאָר געהאַט איין-און-דעמזעלבן כאַראַקטער: זיי זיינען פֿאָרגעקומען אונטער איין פֿאָן.

די אַלע באַוועגונגען און איבערקערענישן זיינען געמאַכט גע-

וואָרן אין נאָמען פֿון צוויי אידייען: די אידייען פֿון פֿרייהייט און גלייכהייט.

די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע פֿון דעם יאָר 1789 איז קודם-כּל אַרויסגערופֿן געוואָרן געגן די אַלטע אָרדענונגען, סיי אין דער געזעלשאַפֿט און סיי אין דער מלוכה. דער יסוד פֿון דיזאָזיקע אָרדענונגען איז דערעיקרשט געווען—די נישט-גלייכהייט און נישט-פֿרייהייט פֿון די בירגער.

די פּאָליטישע רעוואָלוציע, וועגן וועלכער מיר ריידן איצט, איז, אַלזאָ, געווען אַ מלחמה, וואָס איז דערקלערט געוואָרן דעם אַבסאָלוטיזם און אַלע פּריווילעגיעס אין נאָמען פֿון גלייכהייט און פֿרייהייט.

די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון דריי פּראָצעסן, אייִנג באַהאָפֿטן צווישן אייִנאַנדער. צווישן די אַלע דריי פּראָצעסן ליגט אַ געוויסע קרובהשאַפֿט. די גרויסאינדוסטריע האָט געקאָנט קומען צו אַזאַ געוואַלטיקער אַנטוויקלונג בלויז דערפֿאַר, ווייל עס זיינען אָפּגעשאַפֿט געוואָרן די אַלטע מיטלען אין איינריכטונגען, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן די קליינפּאַבריקאַציע און ווייל די אַלע נייע טעכנישע דערפֿינדונגען האָבן זיך הויפּטזאַכלאַך אויסגעדריקט אין דער פֿולקומונג פֿון מאַשינעס, וואָס האָבן פֿאַרביטן די פֿריערדיקע האַנטאַרבעט. יעדער פּראָצעס אָבער קאָן באַטראַכט ווערן באַזונדער, נישט אָפּהייִנגיג פֿון צווייטן.

### 1. די אַנשטייאונג פֿון פּראָלעטאַריאַט איז איין פּראָצעס.

דערצו האָט גורם-געווען די ערדלאָזיקקייט פֿון די גרויסע פּאָלקסמאַסן.

די גרויסע פּאָלקסמאַסן אין מערב-אייראָפּע זיינען געבליבן אָן ערד. דער פּויער, וואָס איז שטענדיג צוגעשמידט געווען צו דער ערד, איז באַפֿרייט געוואָרן, אָבער צוזאַמען מיט דער באַפֿרייאונג איז ער אינגאַנצן אָפּגעריסן געוואָרן פֿון דער ערד. די ערד האָט אָנגעוואָרן איר צוזאַמענהאַנג מיט אים.

שטאַרקער און אינטענסיווער איז פֿאָרגעקומען דער פּראָצעס אין איינגלאַנד, וואו די געזעלשאַפֿט איז נאָך דעמאָלט, נאָך אין XVIII יאָרהונדערט, געטיילט געווען אין דריי קלאַסן: איין קלאַס

איז באַשטאַנען פון גרויסע ערדבאַזיצער, דער צווייטער—פון קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן מער אָדער ווייניקער אַריינגעלייגט זייערע קאַפּיטאַלן אין לאַנדווירטשאַפט און, צולעצט, דער איבעריקער טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז באַשטאַנען על-פּי-רוב פון אַרבעטער, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיונה דורכן פאַרקויפן זייער אַרבעטסקראַפט אין ווירטשאַפטלאַכע און פערמערישע אונטערנעמונגען.

2. דער צווייטער פּראָצעס, וואָס האָט מיטגעהאָלפן צו דער עקאָנאָמישער איבערקערעניש, איז באַשטאַנען אין דער צופאַלונג פון דער מיטלאַטערליכער אָרגאַניזאַציע פון דער צעך-אינדוסטריע. כל-זמן די אָרגאַניזאַציע האָט עקזיסטירט, האָט זי אונטערגעהאַלטן די קליינפּראָדוקציע, וואָס האָט מיט אַלע מעגליכקייטן געקעמפט געגן דער גרויסאינדוסטריע. אבער די איינפירונג פונם נייעם האַנדעלסאָפּצאָל און נאָך אַנדערע פאַקטאָרן מאַכן אַ סוף צו דער צעכאָרגאַניזאַציע. איצט האָט יעדער געהאַט פרייע הענט און יעדער האָט זיך געקאָנט באַשעפטיקן מיט פאַרשידענע מינים פּראָדוקציע אָן אַ שום מניעה פון עפּיס אַ קאָרפּאָראַציע.

3. דער דריטער פּראָצעס, וואָס האָט מיטגעהאָלפן צו דער עקאָנאָמישער איבערקערעניש, איז געווען דאָס איינפירן אַ נייעם מין געצייג אין דער אויסאַרבעטונג, ד. ה. די מאַשין.

דער נייער מיטל פון דער פּראָדוקציע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן וואוקס פון די נאַציאָנאַלע עשירות. די מאַשינעס האָבן זיך פאַרפולקומט און די צאָל פון די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן האָט אָנגעהויבן וואַקסן מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט; אָבער די דערשיינונג האָט נאָך געהאַט אַ צווייטע, נישט-גינסטיקע זייט: אויב די געזעלשאַפט האָט פריער געשפּירט אַ מאַנגל אין די נויטיגע סחורות, האָט זי איצט, פאַרקערט, געקאָנט זיך קלאָגן אויף אַן איבערפלוס, וואָס איז אויך געוואָרן אַ היבשע פּלאָג. די אונטערנעמער האָבן, אַ שטייגער, צו געגרייט אַ געוויסן מין סחורה אין זייער אַ גרויסן קוואַנטום. איז אַ גרויסע צאָל סחורה אויסגעבליבן. דאָס האָט גענויט די אונטערנעמער צו פאַרקלענערן די פּראָדוקציע, און צוליב דעם זיינען אַ סך אַרבעטער

געבליבן אינגאַנצן אָן אַרבעט, אָדער זיי האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט ווינציגער אַרבעטס-טעג.

יעדע אַנטשטייונג פון דעם אָדער יענעם צווייג פון דער אינדוסטריע האָט געבראַכט מיט זיך שווערע און געדריקטע צייטן. יעדער אינדוסטריעלער קריזיס האָט אַרויסגערופן אַ באַנקראָט פון די האַנדעלספירמעס און בענק, וואָס האָבן פאַרליען געלד צו די אונטערנעמער. עס זיינען פאַרמאַכט געוואָרן פאַבריקן אָדער עס פלעגן פאַרקלענערט ווערן די אַרבעטס-שעהן און אַז. וו. מען קאָן זאָגן, אַז אַזעלכע קריזיסן זיינען געוואָרן אַ כראָנישע מחלה פון דער אייגגלישער אינדוסטריע נאָך דער עקאָנאָמישער איבערקערעניש.

די געזעלשאַפט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אונטער דער מאַכט פון דער קליין-אינדוסטריע און האַנטאַרבעט, ווען די אויסאַרבעטונג איז געווען מער פלאַנמעסיק און דער לוין—אַ מער באַשטענדיקער, האָט בייגעלעבט דעם סוף פון דער פלאַנמעסיקקייט און דער באַשטענדיקקייט פונם לוין. דאָס אַלץ האָט געמוזט זייער געפערלאַך ווירקן אויף דעם מאַטעריעלן וואוילשטאַנד פון די אַרבעטער. עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל פון דער שטערבליכקייט און פאַרברעכנס, חתונות זיינען געוואָרן ווייניקער און אין די שפּאָרקאַסעס האָט אויפגעהערט אַריינצופליסן דאָס אָפּשפּאָרגעלט. יעדער קריזיס ברענגט מיט זיך נייע מאַסן בעטלער, וואָס פאַלן-אַריין אין פריזאָנען און תפיסות, וואו זיי ווערן אויפגעהאַלטן ביז אַ נייער אויפלעבונג פון דער אינדוסטריע.

דער לוין, וואָס איז געפאַלן אין דער צייט פון קריזיס, האָט זיך שוין נישט אויפגעהויבן אַזוי שנעל צוריק צו זיין פריערדיקער נאָרמע. אַזוי אַרום האָבן די קריזיסן נישט נאָר צייטווייליק געווירקט אויף דעם לוין און וואוילשטאַנד פון די אַרבעטער—זיי האָבן אויך געהאַט אַ מער טיפערע ווירקונג אויף דעם עקאָנאָמישן לעבן פון אַרבעטער און געלאָזן נאָך זיך טיפערע שפּורן. אמת, צוליב דער נייער טעכניק און דעם איבערפלוס פון דער פּראָדוקציע זיינען אַ סך פּראָדוקטן ביליגער געוואָרן, אָבער די מאַטעריעלע לאַגע פונם אַרבעטער האָט זיך פאַרערגערט און פאַרערגערט.

די איבערקערעניש האָט געווירקט אויף דער געוואַלטיקער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט

זי צוטיילט די געזעלשאַפט אויף צוויי שאַרף געגנזעצלעכע טיילן—אויף דער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע און דעם אַרבעטער-פּראָלעטאַריאַט. געוואוגען פון דער איבערקערעניש האָט די בורזשואַזיע. דער אַרבעטערקלאַס האָט פאַרשפּילט. דער פּועל-יוצא פון דער עקאָנאָמישער איבערקערעניש האָט שוין געטראָגן אין זיך דעם פונק פון דער אַזויגערופענער אַרבעטער-פראַגע, וואָס איז געוואָרן איינע פון די סאָציאַלע פּראָבלעמען פונם XIX יאָרהונדערט. די דאָזיגע פראַגע האָט געשאַפן די דעמאָקראַטישע באַוועגונג פון דער עפּאָכע און האָט אַרויסגערופן די פּאָליטישע רעוואָלוציע אין סוף פון XVIII יאָרהונדערט. דאָס אַלץ האָט אויך געמוזט האָבן אַ גרויסע השפּעה אויפן יידישן לעבן.

* * *

רייך און פילפאַרביק איז די יידישע געשיכטע פון XIX יאָרהונדערט. זי איז רייך נישט בלויז מיט אויסערלעכע, סאָציאַלע שנוים, נאָר אויך מיט טיפע אינערלעכע איבערקערענישן. דער פּראָצעס פון דער יידישער קולטורעלער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס איז געווען דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די פריערדיקע דורות, ווערט אין XIX יאָרהונדערט אַריינגעצויגן אין דער אייראָפּייאישער קולטור און פּראָגרעס. דאָס איז געשען אַמאָל אייליג און שנעל און אַמאָל לאַנגזאַם, ביסלעכווייז, אָפּהענגיק פון דער אַרומיקער קולטורעלער סביבה און דער בירגערלעכער עמאַנסיפּאַציע. די יידישע געשיכטע פון XIX יאָרהונדערט שטעלט מיט זיך פאָר אַ ריי פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע באַוועגונגען, איינג באַהאָפטן מיט די ענלעכע באַוועגונגען פון דער אייראָפּעישער געשיכטע. פון דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע ביז דער הייַנטיקער צייט קען די יידישע געשיכטע געטיילט ווערן אין פיר תקופות: 1) די פראַנצויזישע עמאַנסיפּאַציע (1789—1815); 2) די עפּאָכע פון דער ערשטער פּאָליטישער רעאַקציע (1815—1848); 3) די דייטשישע עמאַנסיפּאַציע (1848—80) און 4) די עפּאָכע פון

דער צווייטע רעאַקציע—סאָציאַלע אָדער אנטיסעמיטישע—פון יאָר 1880 ביז דער היינטיקער צייט, ד. ה. ביז דער וועלט-מלחמה. אין דער פּאָליטישער און בירגערלאַכער הינזיכט האָבן די יידן אין יעדן לאַנד אין סוף פון XVIII יאָרהונדערט פאַרנומען אַ שטעלונג פון אַן אויסטערלישער פרעמדן-גרופּע, וואָס האָט נישט איר אייגענע מלוכה און איז דעריבער נישט געשיצט דורך אונטערנאַציאָנאַלע טראַקטאַטן.

די מלוכה האָט זיי דערלויבט צו האַנדלען, פאַרנעמען זיך מיט פאַרשידענע מלאכות אין באַשטימטע ראַיאָנען און אין מער אָדער ווייניקער שווערע באַדינגונגען. דאָס איז געווען אַ געוויסער תּנאי צווישן בעל-הבית און פרעמדן, הגם דער פרעמדער האָט דאָ געלעבט פון אָבות-אַבותינו-אָן. אַ פעולה דערפון האָט געוויס געהאַט דער שטאַרקערער צד. דעם „פרעמדן” האָט מען צוגעלאָזט נאָר צו יענע צווייגן פון אַרבייט און סחורה, וואָס זאָלן נישט קאָנען קאָנקורירן מיטן בעל-הבית, און דערפון האָט דער פרעמדער אויך געמוזט צאָלן גרויסע שטייערן אין דער פאָרם פון „שוצגעלט”. אין אַ סך לענדער האָט מען נישט דערלאָזט אַפילו צו דער נאַטירליכער פאַרמערונג, מען האָט פשוט נאָרמירט די צאָל חתונות און נישט דערלאָזט צו קיין צו-וואוקס פון דער באַפעלקערונג. דידאָזיגע שטריינגע רעגלאַמענטאַציעס האָבן געהערשט אין צוויי יידישע צענטרעס פון אייראָפּע אין—דייטשלאַנד און עסטרייך. אין דער דעמאָלטיקער אָפּגעשטאָרבענער פוילן און איר יורשטע רוסלאַנד האָט זיך אויך דאָס לעבן נאָרמירט דורך ספּעציעלע קאָנצעסיעס—קייזערליכע, פּריצישע אָדער מוניציפּאַלע.

דערצו באַדאַרף מען נאָך צורעכענען די אויסערגעוויינלאַך שווערע מאַטעריעלע לאַגע. זייער אַ קאַרגע ספערע פון האַנדל און מלאכה האָבן די מאגיסטראַטן, צעכן און גילדעס איבערגעלאָזן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. אין מזרח-אייראָפּע האָט מען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג איבערגעלאָזט נאָר צוויי צווייגן: דעם קליינהאַנדל און די ליכווע; גרויסע סוחרים, פאַבריקאַנטן און באַנקירן האָט מען נאָך געקאָנט באַגעגענען אין דרום-פראַנקרייך, האָלאַנד און איינגלאַנד. אין סוף פון XVIII יאָרהונדערט האָבן זיי זיך אויך באַוויזן אין פרייסן און עסטרייך. די „אויפגעקלערטע” מאָנאַרכן, ווי פרידריך II און יוזעף II האָבן געשטיצט די יידישע פאַבריק-אינדוסטריע, אָבער דאָס איז שוין געווען אַן אויפטו פון דער פּלוטאָ-

קראַטיע, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט צו די אמתע
פאָלקסמאַסן. אין מזרח-אייראָפּע זיינען די יידישע עקאָנאָמישע גע-
ביטן באַשטאַנען פון קליינאינדוסטריע און האַנדל, אָרענ-
דע פון דאָרפווירטשאַפט און פריצישער ערד און איבערהויפט
פון „פּראָפּינאַציעס:” דער פאַרקויף פון משקאות אין די שטעט און
דערפער (שיינקען). פאַרטריבן אין די ווינקעלאַך פון דער פאָלקס-
ווירטשאַפט, שטענדיק נישט-זיכער אין די צרהדיקע און צופעליקע
פאַרדינסטן, איז די אומגליקלאַכע יידישע מאַסע געווען פאַר דער
אַרומיקער וועלט אַ צייכן פון עקאָנאָמישער פאַרשטויסונג. די אָנגע-
וואָרפענע ליבווע און שיינקעריי האָב נאָכמער פאַרטיפט דעם תהום
און האָבן דערוועקט אַ נישט-ביחאדיקקייט צו די שטיפקינדער פון פאָ-
טערלאַנד.

ביזן יאָר 1789 האָט די יידישע מאַסע אין די גלות-לענדער
פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן אָפּגעזונדערטע איינהייט מיט אַן אייגנאַר-
טיק לעבן, סיי גייסטיק, סיי געזעלשאַפטלאַך. די קהלה-אויטאָנאָמיע פון
די יידן, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער מלוכה, איז געווען
אַ רעזולטאַט פון דעמדאָזיקן אַרט לעבן. צוליב דעם באַוואוסטן היסטאָ-
רישן פּראָצעס האָבן זיך טיף צוזאַמענגעפלאָכטן אין די יידישע מאַסן
די נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן מיט די רעליגיעזע אַזוי, אַז מן-הצד האָט
מען געקאָנט מיינען, אַז די איינהייטליכקייט שטיצט זיך דאָ בלויז
אויף דער רעליגיע, אויף דער אַלגעמיינער אמונה און מנהגים. דער-
פון נעמען זיך די פאַרשידענע מיינונגען אין דער געזעלשאַפט וועגן יידן.
פאַר מאַנכע איז דאָס יידנטום אַ שאַרף אויסגעדריקטע נאַציאָנאַלע און
פאָלקס-געשטאַלט, וואָס נערט זיך מיט דעם בטחון, אַז זי וועט
אויפלעבן צוריק אין דער פאָרם פון אַ משיח-מלוכה; פאַר אַנדערע,
ווידער, איז זי בלויז אַ רעליגיעזע גרופּע אָדער סעקטע, וואָס גייט
אַריין, אָדער וואָס קאָן אַריינגיין אין דער צוזאַמענשטעלונג פון די
אַרומיקע אומות. אין דער צווייטער העלפט פון XXIII. יאָר-
הונדערט, אין דער „אויפקלערונגס”-עפּאָכע, האָט דידאָזיקע מיי-
נונגס-פאַרשידענהייט אַריינגעטראָגן אַ פּירוד אין דער יידישער גע-
זעלשאַפט.

דער הונדערטיאָריקער פונדאַמענט פון דער יידישער
קהלה-אויטאָנאָמיע הויבט-אָן פאַנאַנדערצופאַלן: אין מערב—אונטער

די קלעפּ פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, וואָס קוקט אויף דער אָפּ-געזונדערטקייט פון דעם יידנטום, ווי אויף אַ פאַרברעך; אין מזרח, ווידער, צוליב דעם, ווייל דער יידישער צענטער אין פּוילן, וואָס איז צוטיילט געוואָרן צווישן פּוילן, עסטרייך און רוסלאַנד, איז צוריסן געוואָרן. אין דעם געביט פון גייסטיקער קולטור ווייזט זיך אַרויס אין דערדאָזיקער עפּאָכע אַ שפּאַלטונג צווישן צוויי צענטרעס פון דעם אַלטן יידנטום אין דייטשלאַנד און פּוילן. אין דער צייט, ווען די אַל-טע קולטור אין פּוילן, וואָס האָט זיך ווייניק אונטערגעוואָרפן דער השפעה פון מתנגדות, האָט געפונען אַ געוואַלדיק גרויסן קוואַל אין חסידות און אויף אַ געוויסער צייט באַפעסטיקט איר פּאָזיציע—אין דערדאָזיגער צייט איז אין דייטשלאַנד ארויסגעטראָטן אין אַ קאַמף מיט איר די אויפקלערונגס-באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער צייט פון מענדעלזאָנען. דידאָזיקע באַוועגונג האָט געשטרעבט צו באַנייען די יידישע קולטור. אַזוי אַרום האָט די אַלטע אָרדענונג נאָך גע-הערשט אין איר פולער קראַפט אין יאָר 1789. זי האָט געוועלטיקט סיי אין עקאָנאָמישן און סיי אין בירגערליכן לעבן; בלויז אין נאַציאָנאַלען געביט האָט זיך אָנגעהויבן וואו-נישט-וואו אַ נייער ברוך.

---

## קאַפּיטל איינס.

אין יענעם היסטאָרישן פרילינג פון יאָר 1789, בשעת אין פּאַריז האָבן זיך פאַרזאַמלט די גענעראַל-שטאַטן פון פראַנקרייך, וואָס האָבן זיך דעמאָלט פאַרוואַנדלט אין אַ גרינדונגספאַרזאַמלונג, האָבן די פראַנצויזישע יידן פאַרשטאַנען, אַז די אויפגעהויבענע פרייהייטס-כוואַליע וועט אויך זיי אַרויסשלעפּן פון זייער רעכטלויזן מצב.

אין פראַנקרייך האָט מען דעם פּרינציפּ פון פרייהייט דערקאַנט ערשט פון זינט דער גרויסער רעוואָלוציע-אָן. צום סוף פון XIV יאָרהונדערט זיינען די יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון פראַנקרייך. אין יענע מדינות, וואָס זיינען אין יענער צייט (XV יאָרהונדערט) שוין אונטערטעניק געווען דער פראַנצויזישער קרוין, האָבן יידן נישט געטאָרט וואוינען. אָבער אין יענע מדינות, וואָס זיינען ערשט שפּעטער איבערגעגאַנגען אין רשות פון פראַנקרייך, האָבן זיך יידן יאָ געמעגט אויפהאַלטן.

ביז אינמיטן דעם XV יאָרהונדערט האָט דער דרום-מערב-טייל פון פראַנקרייך אָנגעהערט צו איינגלאַנד. און נאָכדעם, ווי דער פראַנצויזישער קעניג, קאַרל II, האָט דאָס צוריק אָבגענומען פון איינגלאַנד, האָט ער דאָך נישט אָפּגענומען דאָס וואוינרעכט פון די יידן אין באָרדאָ, ליאָן און אַנדערע שטעט אין יענע געגנטן, די

צאָל יידן איז דאָרט מיט דער בײַט נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן דורך די אַנטלאָפענע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, וואָס האָבן עמיגרירט קיין פראַנקרייך. אין דער שטאָט אַוויניאָן, וואָס האָט ביז צו דער רעוואָלוציע אָנגעהערט דעם פּאַפּסטליכן טראָן, האָט זיך געפונען אַ בליענדיקע יידישע געמיינדע. אין די מדינות: מעץ, לאָטאַרינגען און עלזאַס, וואָס האָבן אַמאָל געהאַט אָנגעהערט צו דייטשלאַנד, האָבן אויך געלעבט פיל יידן. פון דאַנען פלעגן זיך די יידן ביסלאַכווייז איבערקלייבן קיין פּאַריז, אין דער הויפּטשטאָט. לויטן געזעץ האָבן זיי אָבער אין פּאַריז נישט געטאָרט וואוינען, דערום זיינען זיי דאָ שטענדיק געווען אויף דער איינזעהעניש און מוטוויליקקייט פון דער פּאָליציי, וועלכע האָט זיי אָנגעטאָן כלערליי עינויים. אָבער נישט נאָר אין פּאַריז אַליין האָבן די יידן געהאַט צו ליידן. אין מיטן פונם „אויפגעקלערטן” XVIII יאָרהונדערט האָבן זיי, אויסער פּאַריז, געהאַט אויסצושטיין נאָך ערגערע אויסנאַמס-געזעצן. די צאָל יידן אין די פאַרשידענע ערטער, וואו זיי האָבן געוואוינט, איז געווען קליין. אויסער שטעט, האָבן זיי זיך מיט קיין האַנדעל נישט געטאָרט פאַרנעמען. זיי האָבן אויך נישט געטאָרט וואוינען מיט קריסטן אינאיינעם. און נאָר שבת האָבן זיי זיך געמעגט באַדינען מיט קריסטן. קיין שום בעל-מלאכהשער צעך האָט זיי צו זיך נישט אַריינגענומען. אַ ייד אונטערוועגנס האָט ביי יעדן שטאָט-טויער, וואו ער איז דורכגעפאָרן, געמוזט צאָלן „לייב-שטייער.” די יידן זיינען געווען עפּיס אַמין פאַראַכטעטע און פאַרוואָרלאָזטע סעקטע, וואָס זיך געמוזט שטרייכנג אונטערשיידן פון דער פראַנצויזישער אומה. אָן אַהיים, געטרעטן מיט די פיס טאָג-איין, טאָג-אויס, איז זייער גאַנץ לעבן אָפּהייבגיק געווען פונם חסד פון דעם אָדער יענעם, וואָס האָט געקוקט אויף זיי מיט פאַראַכטונג.

דער ווייכהערציגער קעניג לודוויג XVI האָט יאָ אין אַכט גענומען די שווערע לאַגע פון זיינע אומגליקלאַכע יידישע אונטערטאַנען. אינם קריסטליכן אייראָפּע איז ער געווען דער איינציגער מאָנאַרך, וועלכער איז פּרינציפּיעל געווען פאַר פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן. אין 1784 האָט לודוויג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אין וועלכען ער האָט מבטל-געמאַכט דעם קאָפּ-שטייער, וואָס איז ביז דעמאָלט חל-געווען אויף יידן און האָט זיי שרעקלאַך מבוזה-געווען, מיט פינף חדשים שפּע-

טער האָט ער אַ נײַע געזעץ אַרויסגעגעבן, אין וועלכן ער האָט בעוואָרנט דאָס לעבן פון די יידן אין עלזאַס, וואו זיי האָבן געוואוינט איך גרויסע מאַסן. אָבער אינאיינעם דערמיט האָט מען זיי פאַרבאָטן זיך צו פאַרנעמען מיט דער אייציקער פרנסה, וואָס איז זיי ביז דעמאָלט דערלויבט געוואָרן: וואוכערײַ. לודוויג האָט דאַן געוואָלט דער־גרייכן צוויי צילן: פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן און שיצן די קריסטן פון די יידישע וואוכערער.

דעם 29-טען יאַנואַר 1785 האָט דער פאַריזער פאַרלאַמענט אָנגענומען אַ באַשלוס און מודיע געווען, אַז פאַר באַליידיגן אַ יידן וועט מען באַשטראָפט ווערן. דאָס באַווייזט, אין וואָסער לאַגע די פראַנצויזישע יידן האָבן זיך געפונען סך-הכל פיר יאָר פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע און ווי אַזוי דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט זיך דעמאָלט נאָך פאַרהאַלטן צו זיי.

לודוויג XVI האָט צוגעגרייט אַן אויספירליכע, ברייטע גע־זעצגעבונג פאַר זיינע יידישע אונטערטאַנען. צו דעם צוועק האָט ער אַוועקגעזעצט אַ באַזונדער קאָמיסיע מיט אַ באַוואוסטן, אין יענער צייט, יוריסט בראש. די קאָמיסיע האָט אויך אויסגעהערט די מיינונגען פון אָנגעזעהענע יידן בנוגע צו דער יידנפראַגע. אָבער איידער נאָך די קאָמיסיע האָט צייט געהאַט, וואָס עס איז אויפצוטאָן, איז אָנגעקו־מען דאָס יאָר 1789 און די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן. די רעוואָ־לוציע האָט מיט אַמאָל אַראָבגעשווײנקט דעם גאַנצן גרויען שמוץ פון דער פאַרגאַנגענהייט און האָט געשאַפן אַ גלייכן, פרוכטבאַרן באָדן, אויף וועלכן עס האָט געקאָנט וואַקסן און זיך אַנטוויקלען די אידייע פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. קנעכטשאַפט, שטאַנדן-יחוס, די מאַכט פון די גלחים, פריווילעגיעס און אונטערדריקונג איז אויסגעראָט געוואָרן. נאָר איין אויסנאַם איז געבליבן, נאָר איין פאַר־צייטיגע פאַלשע מיינונג האָט זיך אָפּגעשטעלט — בנוגע צו די יידן. אַפילו בעת די רעוואָלוציע האָט די קלערט ווייכע ר נטשן-רעכט פאַר אַלע, האָט מען יידן אין דעם כלל נישט אַריינגענומען. בעת מען האָט אָנגענומען געזעצן בנוגע צו אמונה-פרייהייט, האָט מען די יידן אויס־געשלאָסן. אויך שפּעטער האָט מען אַלץ אָפּגעלייגט דאָס אויסבעסערן די פּאָליטישע לאַגע פון די יידן.

## די פאַרטיידיגונג פון יידישער גלייכבערעכטיגונג.

פונדעסטוועגן האָט דאָך די יידן נישט געפעלט קיין פאַרטיידיגער און מליצי-יושר. מער פון אַלע האָט אין דעם פרט געווירקט דער באַוואוסטער גראַף מיראַבאָ. נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, אין יאָר 1787, האָט ער אַרויסגעגעבן זיין בוך: „וועגן מענדעלזאָן און דער פּאָליטישער רעפאָרם פאַר יידן,“ אין וועלכן ער דערציילט די שבחים און וויזט-אָן די מעלות פון יידן, וועלכע ווערן אַזוי מוראדיק אונטערגעדריקט און שרעקלאַך פאַרהאַסט: ער שטרייט דאָרט געגן די יידישע שונאים און פאָדערט פאַר יידן פולשטענדיקע גלייכבערעכטיגונג. און ער איז אין פראַנקרייך געוועזן נישט דער איינציקער, וואָס האָט זיך פאַר יידן געשטעלט.

אָבער די פראַנצויזישע יידן האָבן אויך אייגענע, יידישע, פאַרטיידיגער געהאַט. אין עלזאַס האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ יידישער יונגערמאַן, יהושע בעערבינג, וועלכער איז אַרויסגעטרעטן צו פאַרטיידיגן יידן געגן אַנטיסעמיטישע באַשולדיגונגען. אין זיין גייסטרייכער און פעסטער פאַרטיידיגונג, געשטיצט אויף גרונדלאַכע קענטנישן, האָט ער געפאָדערט פּאָליטישע גלייכבערעכטיגונג פאַר יידן. גרויס אויפזעהן האָט אויך דעמאָלט אַרויסגערופן דער „מעצער קאָנקורס.“ די „געזעלשאַפט פאַר וויסנשאַפט“ אין מעץ האָט אין יאָר 1785 באַשטימט אַ פרעמיע פאַר דעם, וואָס וועט געבן די בעסטע תשובה אויף דער פראַגע: „צי זיינען דאָ מיטלען, ווי אַזוי ניצלאַכער און גליקלאַכער צו מאַכן די יידן אין פראַנקרייך?“ ניין מענטשן האָבן צוגעשיקט זייערע תשובות אויף דער געשטעלטער פראַגע, און נאָר צוויי פון זיי זיינען געוועזן נישט גינסטיק פאַר יידן. די פרעמיע האָט מען צוטיילט אויף דרייען: איין דריטל האָט באַקומען אַ ייד, זאַלקינד הורוויץ, דאָס צווייטע דריטל—אַן אַדוואָקאַט פון נאַ ז, טיער, און דעם דריטן חלק—דער גייסטליכער גרעגואַר. אַלע דריי האָבן זיי געפאָדערט, אַז אין נאָמען פון גערעכטיקייטס-פּרינציפּ—אָדער, ווי מען פלעגט זיך דעמאָלט אויסדריקן, אין נאָמען פון דער פילאָזאָפיע—זאָל מען פאָלשטענדיק אויסגלייכן די יידן מיט די איבעריגע בירגער. דאָס בעסטע פון אָט די דריי ווערק—וועלכע זיינען גאָפ-

דעם פערעפנטלאַכט געוואָרן—איז געווען יענס, וואָס גרעגואַר האָט אָנגעשריבן.

אַ טיף-איבערצייגטער, גלויביקער קריסט, איז ער צוזאַמען דערמיט געווען אַ פאַרברענטער אָנהייגער פון רעליגיעזער, פּאָליטישער און סאָציאַלער פרייהייט, פאַר וועלכע ער האָט זיין גאַנץ אַכציגיעריק לעבן געשטריטן און געליטן. אין יאָר 1789 זיינען זיך אונטער זיין אָנפירונג צונויפגעקומען פאָרשטייער פון די עלזאַסישע, לאָטאַרינגישע און מעצער יידן, כדי אויסצואַרבעטן זייערע פאָדערונגען און זיי איבערגעבן דעם קעניג און די גענעראַל-שטאַנדן. שפעטער זיינען צו זיי צוגעשטאַנען די פאַריזער יידן מיט זייערע אַדרעסן, וועלכע זיי האָבן צוגעשיקט צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אָבער דאָ האָבן זיי געהאַט שטאַרקע געגנער, וועלכע האָבן בעסער אויסגעדריקט די דעמאָלטיקע פאָלקסמיינונג, איידער יענע, וואָס האָבן געשטיצט די פרייהייט. אַ גרויסע צאָל וואַל-ראַיאָנען האָבן געפאָדערט אין זייערע אינסטרוקציעס, וואָס זיי האָבן געגעבן זייערע דעפוטאַטן, אַז מען מ'זאָל פאַרקלענערן די צאָל יידן און באַגרענצן זייער וואוכער-געשעפט; נאָר ווייניקע זיינען געווען אַ ביסל גערעכטער און פאָרגעלייגט, אַז פאַרווערגדיק יידן זיך צו פאַרנעמען מיט וואוכער, זאָל מען זיי אָנשטאָט דעם דערלויבן זיך צו פאַרנעמען מיט אַנדערע געשעפטן. נישט-קוקנדיק דערויף, וואָס פאַר אַ יידן האָבן זיך געשטעלט דער דערמאָנטער גרעגואַר, דער גראַף סטאַניסלאַוו פאָן קלערמאָנט-טאָנער און גראַף מיראַבאָ, איז מען דאָך אין דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג שטאַרק אָנגעפאַלן אויף יידן. פון צווישן די יידישע שונאים האָבן זיך אויסגעצייכנט: דער קאָלמאַרער אַדוואָקאַט רעבעל און דער גייסטליכער מאָרי. זיי האָבן זיך באַמיט אויפצווייזן, אַז אויב מ'וועט יידן אויך מזכה-זיין מיט פרייהייט, וועט דאָס זיין אַ פאַרברעכן געגן דעם וואוילשטאַנד פון פאָלק און געגן דער זיטליכקייט—ווייל די יידן וועלן קיינמאָל נישט זיין קיין אמתע בירגער פונ'ם פאָטערלאַנד.

ס'האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, ביז וואַנען די פרייהייטס-יסודות פון דער רעוואָלוציע האָבן גובר-געווען די פאַלשע טעוות געגן יודן. דעם 24-טען דעצעמבער 1789 האָט די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג אָנגענומען אַ החלטה וועגן דער יידנפראַגע. די נישט-גינסטיקע שילדערונגען, וואָס זי האָט געהערט, וועגן די עלזאַסישע און לאָטאַ-

רינגישע יידען, האָט אויף דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג אַ שלעכט ווירקונג געהאַט. די ספרדישע יידן פון באָרדאָ האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די אשכנזישע יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די פראַנצויזישע מזרח-פּראָווינצן. און זיי, די ספרדים, האָבן פאַרלאַנגט פון דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג, אַז בירגעררעכט זאָל מען נאָר זיי אַליין געבן. דעם 24-טען יאַנואַר 1789 האָבן די ספרדישע אָדער „פּאָרטוגעזישע" יידן פון באָרדאָ, ביאָן און אַוויניאָן באַקומען בירגעררעכט.

די פּאַריזער געמיינדע-פאַרוואַלטונג האָט דערלאַנגט אַ בקשה אין דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג, אין וועלכער זי האָט געבעטן גלייכבערעכטיגונג פאַר די איבעריקע יידן אויך. די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג האָט אָבער געקוקט אויף די אַשכנזישע אָדער „דייטשע" יידן ווי אויף אויסלענדער און האָט דערפאַר געמיינט, אַז זיי קאָן מען נאָר ביסלעכווייז אויסגלייכן אין זייערע רעכט מיט די איבעריקע בירגער. דעם 16-טען אַפּריל 1790 האָט די פאַרזאַמלונג אונטער איר שוץ גענומען די יידן און זייער פאַרמעגן. דעם 20-טען יולי האָט זי מבטל-געמאַכט די ספּעציעלע אָפּצאָלונגען, וואָס זיינען ביז דעמאָלט חל-געווען אויף יידן, אָבער דעם לעצטן טריט אויפן וועג פון יידישער גלייכבערעכטיגונג האָבן זיי נאָך אַלץ נישט געמאַכט. ערשט נאָכדעם ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן די קאָנסטיטוציע אין סעפּטעמבער 1791, וואו עס איז דערקלערט געוואָרן, אַז אַלע פראַנצויזישע בירגער זיינען גלייך פאַרן געזעץ — ערשט דעמאָלט האָט די פאַרזאַמלונג איינגעזען, אַז לויט איר אייגענער שיטה, לויט די יסודות, אויף וועלכע זי האָט די קאָנסטיטוציע אויפגעבויט, מוז זי מבטל-מאַכן אַלע באַגרענצונגען בנוגע צו יידן און אָנערקענען זייער גלייכבערעכטיגונג: דעם 27-טען סעפּטעמבער האָט זי דאָס אויך געטאָן. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון די קריסטליכע פעלקער זיינען יידן אָנערקענט געוואָרן פאַר גלייכע בירגער מיט אַלעמען.

אָבער אויך נאָכדעם, ווי די יידן האָבן שוין געהאַט אויפן פּאַפּיר באַקומען גלייכבערעכטיגונג, האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין אַ שטאַרקע רעאַקציע. דאָס אַלטע, יידנפיינדליכע געפיל און די מאַטעריעלע אינטערעסן האָבן געבראַכט דערצו, אַז פיל פראַנצויזן האָבן בשום אופן נישט געקאָנט מסכים-זיין צו דער פאָדערונג, מען זאָל די פאַראַכטעטע יידן, די וואוכערער—און, ווי מען האָט געגלויבט, זייגן צלע

יידן נאָר וואוכערער געווען—באַהאַנדלען, ווי זייער גלייכן. האָט דאָך דער פראַנצויז געוואוסט, אַז אין זיין שפּראַך גילט דאָס וואָרט „זשואיף“ (זשיד) ווי די גרעסטע באַליידיגונג. אין די מזרח-פּראָווינצן האָט די יידישע גלייכבערעכטיגונג נאָכמער געשטאַרקט און אויפגערייצט די שלעכטע שטימונג געגן יידן. אין הערבסט 1793 האָבן די נאַנטער יאַקאָבינער (עקסטע רעוואָלוציאָנערן) פאָרגעלייגט זייערע חברים אין פּאַריז, אַז מען זאָל נאָר אַרויסטרייבן אַלע יידן פון פראַנקרייך. פאַרשידענע פאָלקספאַרטרעטער האָבן נישט אויפגעהערט צו באַשולדיקן די יידן, אַז עס פעלט זיי ליבע צום פאָטערלאַנד, אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון אַ קליין געווינסל אַפילו דאָרט, וואו זיי זאָלן דערמיט שאָדן בריינגען דער מלוכה. עס איז נויטיק אָט די יידנפיינדליכע שטימונג צו געדיינקען, כדי צו פאַרשטיין די „יידן-געזעצגעבונג,“ וואָס נאַפּאָלעאָן האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן.

אין אמתן מוז מען אויך מאַכן אַ חלוק צווישן די דעמאָלטיקע יידן, וואָס האָבן געשטאַמט פון דייטשלאַנד און געלעבט אין מזרה און אין מזרח-צפון-פראַנקרייך, און צווישן די פּאָרטוגעזישע יידן, וואָס האָבן געלעבט אין דרום-פראַנקרייך. ס'איז קיין ספק נישט, אַז די „דייטשע“ יידן האָבן נישט אויפגעהערט, באַלד נאָכדעם ווי זיי האָבן באַקומען גלייכבערעכטיגונג, זיך צו פאַרנעמען מיט אַלע יענע געשעפטן, צו וועלכע זיי זיינען פון הונדערטער יאָרן אָן געצוואונגען געווען: ווי הלוואות מאַכן, סרסרות און נישט אַלעמאָל דוקא ביי ערליכע געשעפטן—און אויסנוצן די געדריקטע לאַגע פון אַ קריסט, וואָס איז אָנגעקומען צו זייער הילף. עס האָט אויך אַנדערש נישט געקאָנט זיין. עס האָט געמוזט געדויערן אַ לאַנגע צייט, ביז וואַנען די יידן האָבן זיך צוגעוויינט צו נייע געשעפטן, פון וועלכע זיי זיינען דורות-לאַנג אָפּגעוויינט געווען. אָבער די דעמאָלטיקע עלזאַסער און לאָטאַרינגער האָבן באַמערקט נאָר דאָס איינע, אַז די דאָרטיקע יידן נוצן-אויס די גלייכבערעכטיגונג דערצו, כדי נאָך טרייער און זיכערער זיך צו פאַרנעמען מיט זייערע נישט-זויבערע און נישט-ערליכע געשעפטן.

**דער מסירת-נפשדיקער קאַמף פאַר פרייהייט.**

גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער געוועזן מיט די פּאַריזער און מיט די פּאָרטוגעזישע יידן. די פינפהונדערט יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין פּאַריז, זיינען געווען באַגייסטערטע אָנהייגער פון דער רעוואָלוציע, זייער וואָלונטערין, זיי האָבן געדינט, גלייך מיט די פראַנצויזן, אין דער נאַציאָנאַל-גוואַרדיע; מער ווי הונדערט יידן האָבן אָנגעהערט צו די פּאָליטישע קלובן. זיי זיינען זייער טעטיק געווען אין די פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, האָבן פאַרנומען שטעלעס פון ריכטער. זיי זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פאַר וואַלמענער, האָבן פול געמאַכט די צייטונגען מיט לויבלידער לכבוד דער פרייהייט און אַ גרויסן חלק פון זייערע פאַרדינסטן האָבן זיי אָפּגעגעבן אויף די הצטרכותן פונם קאַמף פאַר פרייהייט. בשעת די אויסלענדישע מלוכות האָבן דערקלערט קריג דעם נייעם פראַנקרייך, זיינען מאַסן יידן געלאָפן אין דער אַרמיי, וואָס ביי די גרענעצן, און האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געשפילט קיין ערשטע ראָליע. קודם-כל איז קיין איינציקער ייד נישט געווען אין די מאָוימדיקע קאָמיטעטן און אין די רעוואָלוציאָנערע סודן, וועלכע האָבן הונדערטער-טויזנטער קעפּ אָוועקגעלייגט אונטער דער גיליאָטינע אָדער געשטעלט פאַר די אָפענע מיילער פון האַרמאַטן. פאַרקערט, 46 פּאַריזער יידן זיינען אין דער שרעקענסצייט אַרעסטירט געוואָרן און זיינען אומגעקומען אויפן עשאַפאָט. אין באָרדאָ האָט מען אויף רייכע יידן אַרויפגעלייגט אַ הויכן געלט-קנס דערפאַר, וואָס מען האָט פלומרשט געפונען, אַז זיי זיינען נישט גענוג איבערגעגעבן דער רעפּובליק. איין רייכן יידן האָט מען געהרגעט דערפאַר, וואָס ער האָט דערקלערט, אַז די יסודות פון זיין אמונה שטימען אויף קיין פאַל נישט מיט דער טעראָריסטישער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1793.

**נאַפּאָלעאָן און יידן.**

אַ נייע קראַפט האָט זיך צווייגעריסן אין אייראָפּע, וואָס האָט גלייכצייטיק געשאַפן אין צוטשערט, וואָס האָט באַהעפט אין זיך די הפקרות פון אַ דעספּאָט מיט דעם ברייטן זשעסט פון אַ פרייהייטסקעמפער — אָט דער געוואַלטיקער צוז האָט אויך פאַרכאַפּט דאָס יידישע פאָלק. נאַפּאָלעאָן I. איז

גלייכצייטיק געווען פאַר די יידן, ווי פאַר גאַנץ איירָאָפּע, אַן אונ-
טערדריקער און אַ באַפרייער, אַ שר פון שלעכטס און גוטס. אין דער
באַציונג פונם וועלטבאַזיגער צו דער יידישער אומה, וואָס קיינער
האָט זי נישט געקאָנט באַזיגן, האָט זיך שטענדיק אַרויסגע-
וויזן געמיינהייט און גרויסקייט צוזאַמען. נאַפּאָלעאָן האָט אַלץ אָפּ-
געראַמט פון זיין וועג. דער יונגער גענעראַל האָט נישט געהאַט קיין
שלעכטע מיינונגען וועגן יידן, וועלכע ער האָט לחלוטין נישט גע-
קאָנט. ער האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מיט זיי זיך צו באַדינען, פונקט
ווי מיט אַלצדינג און מיט אַלע יענע, פון וואָס און פון וועמען ער
האָט געהאָפט צו ציען נוצן. צווישן די געלערטע און קינסטלער, וואָס
ער האָט מיט זיך מיטגענומען, גייענדיג אין יאָר 1798 מלחמה האַלטן
מיט עגיפּטען, האָבן זיך געפונען צוויי יידן אויך: ווענטורע, אַ קענער
פון מזרח-שפּראַכן, נאַפּאָלעאָנס טאָלמעטשער, און דענאַן, אַ צייכנער
און אַ גראַווירער. מען ווייס, אַז בעת נאַפּאָלעאָן איז געווען אין
עגיפּטען און אין סיריען, האָט ער זיך אָנגעגעבן פאַר אַ טרייען אָנ-
הייגער פונם קאָראַן. ער האָט אויך נישט לאַנג טראַכטענדיק צוגע-
זאָגט די דאָרטיקע יודן, אַז ער וועט באַפרייען ירושלים און וועט
אין פּאַלעסטינאַ ווידער שאַפן אַ יידישע מלוכה. זיין האָפנונג, צו
זען, ווי פון אַלע זייטן ציען זיך קיין סיריען שטראָמען פון יידי-
שע קאָלאָניסטן און יידיש געלד, איז אַפילו נישט מקוים געוואָרן, זיי-
נע הבטחות האָבן אָבער געבראַכט דערצו, אַז פיל יידן זענען אַריינ-
געטרעטן אין די „היימישע באַטאַליאָנען,‟ וואָס ער האָט דאָרט אָר-
גאַניזירט, און האָבן געקעמפט פאַר די פראַנצויזישע אינטערעסן אין
מזרח.

באַלד האָט זיך נאַפּאָלעאָן אומגעקערט פון עגיפּטן צוריק קיין
פראַנקרייך. ער האָט אַראָפּגעוואָרן די דירעקטאָרן-רעגירונג און, אַלס
ערשטער קאָנסול, איז ער געוואָרן דער אומבאַשרייַנקטער הערשער
פון דער כלומרשטער רעפּובליק. אינגיכן האָט ער איינגענומען די
פאַרייניגטע מלוכות, וואָס זיינען געווען פראַנקרייכס שונאים, און
האָט שלום-געמאַכט מיט עסטרייך, רוסלאַנד און איינגלאַנד. אַ תקופה
פון רו און זיכערקייט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר פראַנקרייך, וועל-
כע האָט שוין געגאַרט צו פרידן נאָך די אַלע בלוטיקע איבערקע-
נישן, וואָס זי האָט אַריבערגעטראָגן. דאָס לאַנד האָט געוואָלט רייך

הערן און וויסן פון אַ גוט לעבן. די יידן האָבן זיך שטאַרק באַטייליקט אין אָט דער אַנטוויקלונג פון פראַנקרייך. זיי האָבן דערגרייכט צו אַ גרויסן ערפאָלג אין קונסט און וויסנשאַפט, אין ליטעראַטור און אין פאַרוואַלטונג, אין אינדוסטריע און קונסט-מלאכות. זיי זיינען זייער דאַנקבאַר געווען דעם ערשטן קאָנסול נאַפּאָלעאָנען פאַר זיינע גלאַנצפולע נצחונות, דורך וועלכע ער האָט פראַנקרייך גרויס געמאַכט און געשאַפן רו און אָרדענונג אין לאַנד. זייער פיל לויבלידער אויף העברעאיש, יידיש, פראַנצויזיש, דייטש און איטאַליעניש האָבן יידן פערפאַסט לכבוד נאַפּאָלעאָנען.

אָבער נישט-קוקנדיג דערויף, זיינען די יידן פאַרנאַכלעסיטק געוואָרן און נאַפּאָלעאָנס רעגירונג האָט זיי כמעט ווי נישט באַמערקט. אין יאָר 1802 האָט די מלוכה ווידער אָנדערקענט די קריסטלאַכע קירכע; די קאַטוילישע קירכע, ווי די פּראָטעסטאַנטישע, האָבן אין פראַנקרייך ווידער אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַנאַזירן. אָבער אויף דער יידישער געמיינדע האָט מען זיך נישט אומגעקוקט. דער ווינט, וואָס האָט דאַן געבלאָזן אין די פראַנצויזישע „הויכע ספערן,“ איז פאַר יידן נישט גינסטיק געווען. אַ גרויסער, אָנגעזעענער מלוכהראַט פון יענער צייט, דער ייִנגערער פּאָרטאַליס, האָט די יידן פאַרגעוואָרפן, אַז זיי זיינען נישט נאָר אַ „רעליגיעזע כתה,“ נאָר אַ באַזונדער פ אָ ל ק, וואָס זעט אויסצומיידן די פליכטן פון דער מלוכה מיטן תירוץ: „נאָר גאָט אליין אָנדערקענען זיי אָן פאַר אַ געזעצגעבער.“ און אָט די שלעכטע שטימונג געגן יידן האָט אויך געווירקט אויף דעם ערשטן קאָנסול, אויף נאַפּאָלעאָנען, וועלכער איז אין יאָר 1804 געוואָרן דער מלך פון פראַנקרייך.

אין אמתן האָט אין עלזאַס געהערשט אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט מיט די דאָרטיקע יידן, ווייל עס האָבן זיך געפונען צווישן זיי אַזוינע, וואָס האָבן אויסגענוצט די בעדריקטע קריגסצייט און שטאַרק באַנומען דידאָרטיקע נישט-יידישע איינוואוינער. די צאָל יידן אין עלזאַס איז אַליין גרעסער געוואָרן; דערהויפּט אין שטראַסבורג, וואו יידן האָבן פריער נישט געטאָרט וואוינען, איז שוין אין יאָר 1795 געווען אַזויפיל יידן, אַז זיי האָבן שוין געקאָנט אַפילו אויסהאַלטן אַן אייגענעם ראַבינער. מיט האַסט האָבן זיך די יידן אַ וואָרף געטאָן געלט צו פאַרדינען. אַנטלויפנדיק פון דער שרעקנס-הערשאַפט,

האָבן פיל פריצים איבערגעגעבן זייערע מאַיאָנטקעס אין יידישע הענט פאַר וועלכן פּרייז עס האָט זיך געלאָזט. נאָכדעם, אַז זיי, די פריצים, האָבן זיך אומגעקערט צוריק אויף זייערע נחלאות, האָבן זיי נאָר דורך גרויסע שוועריקייטן און אומגעהערטע באַדינגונגען זייער אייגענטום צוריק באַקומען. מען דערציילט אויך אַז אין משך פון אַכט יאָר האָבן די עלזאַסער יידן געהאַט פאַנאַנדערגעליִען אויף ערד־משכנות 21 מיליאָן און צוויי מאָל הונדערט טויזנט פראַנק, אַז זיי האָבן זיך נישט געשעמט צו נעמען 75 פּראָצענט. אויב מען האָט דאָרט פאַרקויפט פריצישע ערד פון אויקציאָן, האָט מען דאָס אין זעקס פעלן פון זיבן געהאַט די יידן צו פאַרדאַנקען. נאָט די אַלע צאָלן און ציפער זיינען אָבער שטאַרק איבערגעטריבן. פיל ערדגיטער זיינען נישט איבערגעגעבן געוואָרן אין יידישע הענט לחלוטין פאַר די הלואות, נאָר זיי זיינען בפירוש געווען פאַרשריבן אין די גרונט־ביכער אַלס משכונות, כדי צו זיכערן דעם חוב, און אַנדערע האָבן, ווידער, אָנגעהערט קריסטלאַכע מלוים, און די יידן זיינען דערביי געווען נאָר סרסרים. דער עיקר איז אָבער, אַז דער ווערט פון די ערד־משכנות, וואָס האָבן זיך אין יענער צייט געפונען אין יידישע הענט אין גאַנץ פראַנקרייך, האָט אָנגעטראָפן נישט מער ווי 10 טויזנט פראַנק. עס איז, אַלזאָ, דער אַלטער פעלער פון די אַנטיסעמיטן—אין אַלע שעדלאַכע דערשיינונגען אין לעבן פון לאַנד אַזוי אָדער אַנדערש שולדיק צו מאַכן די יידן.

נאָך אַן אַנדער באַשולדיגונג האָט מען אַנטקעגן די יידן אַרויסגעשטעלט, וואָס האָט באַזונדערס שטאַרק געווירקט אויף דעם סאָלדאַטן־קייזער נאַפּאָלעאָן און האָט אים געבראַכט צו אַ פאַרביטערטער שטימונג געגן די יידן. מען האָט געטענהט: יידן מיידן־אויס דעם מיליטערדינסט. דאָס פירן זיי אויס דורכדעם, וואָס זיי מאַכן פאַרשידענע פעלשונגען אין די מעטריקעס. די שטאָטפאַרוואַלטונגען האָבן געבראַכט ציפער, אין וועלכע זיי האָבן באַוויזן, אַז אין אַ משך פון זעקס יאָר איז קיין איינציקער ייד נישט געגאַנגען דינען. אָבער אַפילו אויף אָט די, שוין אָפיציעלע, ציפער קאָן מען זיך אויך נישט שטאַרק פאַרלאָזן. די יידישע געמיינדע־פאַרוואַלטונג פון פאַריז אַליין פאַרעפנטלאַכט אין יאָר 1810 אַ רשימה פון 85 יידישע סאָל-

דאַטן, אונטעראָפיצירן און אָפיצירן, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט, בײַם-לעבעדיק די פיל גרעסערע צאָל פון יענע, וואָס זײַנען געפאַלן אין די מלחמות, וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט געפירט, אָדער וואָס האָבן זיך אין יענער צײַט געפונען אין די שפּיטאָלן. צווישן זיי זײַנען געווען אַזוינע, וואָס האָבן פאַר זייער אויסגעצייכנטן דינסט באַקומען דעם מעדאַל פון ערן-לעגיאָן, אָדער דעם טיטול „מלוכה-ריטער."

שפּעטער האָבן אפילו די שונאים געמוזט מודה זײַן, אַז די באַשולדיגונג איז נאָר שייך די אַשכּנזים, עס הייסט: די דײַטשע יידן, אָבער געגן די פּאָרטוגעזישע יידן, די ספרדים, אַזוי ווי געגן דער גאַנצער פּאַריזער געמיינדע, האָבן זיי גאָרנישט צו זאָגן.

אָבער אויב מיר זאָלן אַפילו אָננעמען, אַז די באַשולדיגונגען געגן די יידן, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן פון עלזאַס-לאָטאַרינגען, זײַנען נישט אינגאַנצן געווען אויסגעטראַכט, זײַנען זיי דאָך געווען שטאַרק פאַרגרעסערט און מגוזמדיג. אַלענפאַלס איז דאָ געשען דאָס אייגענע, וואָס איז שטענדיק, אומעטום געשען: דאָס פאַרברעכן פונם פּרט לייגט מען אַרויף אויפן כּלל.

צום אומגליק זײַנען געראָד נאַפּאָלעאָנס מקורבים, וואָס האָבן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אים, געווען פון די ערגסטע יידישע שונאים. דאָ דאַרף מען ווידער דערמאָנען פּאָרטאַליס דעם ייגגערן; ער האָט דאָס ממציא-געווען דעם שכל, אויסצושליסן יידן פון דעם כּלל, וואָס די רעוואָלוציע האָט אָנדערקענט, אַז אַלע בירגער פון לאַנד האָבן גלייכע רעכט און אַלע רעליגיעס דאַרף מען גלייך דולדן—ווייל יידן זײַנען פרעמדע, „זיי זײַנען נישט נאָר אַ רעליגיעזע געזעלשאַפט, נאָר אַ באַזונדער פאָלק." און פּאָרטאַליס האָט געהאַט אַ חבר, אַן עלזאַסער, דעם מאַרשאַל קעלערמאַן, וואָס זײַנע פרײַנט און קרובים האָבן אים פאַרשאָטן מיט באַשולדיגונגען געגן די עלזאַסער יידן. און אין יאָר 1806 האָט ער פיל אַזוינע באַשולדיגונגס-באַריכטן איבערגעגעבן דעם קייזער.

נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף יידן, ווי אויף מענטשן, וואָס פאָלגן נישט די געזעצן פון לאַנד, וואָס זײַנען דער מלוכה פרעמד און שעדלאַך.

און פון דער קלעריקאַלער זײַט, ווי פון דער אַריסטאָקראַטיש-רעאַקציאָנערער זײַט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע געגן יידן

און ס'האט דעם קייזער אנגעהויבן עצהן ארויסצוגעבן פאר יידן אויס-נאמס-געזעצן.

וואס איז די פעולה דערפון, וואס מוטיקע יידן,—צווישן זיי אויך א דאמע, וואס האט איר נאמען פארבארגן,—זיינען אין אייניקע ציישונגען ארויסגעטרעטן מיט ארטיקלען יידן צו פארטיידיקן? וואס האט עס געקאנט העלפן, ווען דער בישאף גרעגואר האט מיט א זעלטענער און ריירנדיקער טריישאפט צו זיינע אידייען זיך אנגענומען פאר די יידן? דער קייזער האט שוין לאנג גרעגווארן צוגענומען זיין בישאפליכע מאכט און זיינע קירכנ׳יטער אוועקגעגעבן לטובת די פאבסט-געטרייע פאנאטישע גלחים.

**דער דעקרעט פון 1806.** נאפאלעאן האט באשלאסן פון די יידן וואס האבן נישט געוואלט זיין קיין פראנצויזישע בירגער, צוצונעמען, כאטש פארלויפיק, דאס בירגעררעכט. זיין כונה איז נישט געווען אויף שטענדיק די בירגערליכע זכיות ביי זיי אפצונעמען, ער האט נאר געוואלט מאכן פון זיי אמתע פראנצויזן, און אלס דערציונגס-מיטל האט ער אויסגעקליבן זיין גאליבטן דרך: מאכט און געוואלט. „עס וואלט געווען א שוואכקייט די יידן ארויסצוטרייבן, עס וועט זיין א גבורה זיי אויסצובעסערן,” האט ער אליין געזאגט; „איך וויל אנווענדן אלע מיטלען, אז די יידן זאלן זוכן זייער ירושלים אין פראנקרייך.” דעם 6-טען מערץ 1806 האט ער פארגעלייגט פאר דער געזעצגעבנדיקער אפטיילונג פון רעגירונגס-ראט, זי זאל דורכקוקן און באקלערן א גאנצן גאנג אויסנאמס-געזעצן געגן די יידן, דערהויפט געגען די יידן, וואס שטאמען פון דייטשלאנד און פוילן. ער האט געוואלט יעדן דריטן יידן צווינגען חתונה צו האבן מיט א קריסטליכע פרוי; יעדע דריטע יידישע טאכטער—חתונה צו האבן מיט א קריסט,—אן עכט-נאפאלעאן-נישער געדאנק זאן א טיראנישער בטול און נישט רעכענען זיך מיטן ווילן און איבערצייגונג פון דעם אנדערן.

מען מוז דערמאנען צו גוטן דעם רעגירונגס-ראט, וואס זיינעביידע אפטיילונגען—די געזעצגעבערישע און די אדמיניסטראטיווע—האבן אזעלכע אויסשליסליכע געזעצפראיעקטן נישט אנגענומען. די העכסטע און וויכטיקסטע מיטגלידער פון דער הויכער קאמיסיע

האָבן דערקלערט אויף דער גרויסער פאַרזאַמלונג פון דעם רעגירונגס-ראַט, דעם 30-טען אַפּריל 1806, פאַרוואָס זיי ווילן אַזעלכע געזעצן נישט אָננעמען. דאַגעגען האָבן מאַנטאַן און מאָלע אַרויסגעוויזן אייגענע זייער שנאה און פשוט פאַרלאַנגט, מען זאָל די יידן אַרויס-טרייבן און זייערע גיטער און פאַרמעגען צונעמען. אמת, דער קייזער איז אַזוי ווייט נישט געגאַנגען, נאָר ער האָט דאָך מיט זיין מיינונג מכריע געווען נישט לטובה פון יידן. פון דעם פּראָטאָקאָל, וואָס איז אים צוגעשטעלט געוואָרן וועגן יידן, האָט ער אָנגענומען די ערטער, וואו יידן ווערן אָנגערופן אַן אָבגעזונדערט פאָלק, און דערצו נאָך אַן אַרונטערגעקומען, פאַרדאָרבן פאָלק, זייער צאָל מוז באַ-שריינקט ווערן, זייער האַנדל—געשטערט און באַגרענצט ווערן, זייער געלט-געשעפט מוז פאַרבאָטן ווערן.

געגן אַזאַ מיינונג פון דעם הערשער האָט דער רעגירונגס-ראַט גאָרנישט געקאָנט טאָן. אויף דער צווייטער זיצונג, וואָס דער רעגירונגס-ראַט האָט אָפּגעהאַלטן וועגן דעם—דעם 6-טען מאַי—האָבן שוין די יידישע געגנער גובר-געווען; דעם 21-טען מאַי איז שוין פאַרפאַסט געוואָרן דער נוסח פון דעקרעט, וועלכער איז דעם 30-טען מאַי פאַרעפנטלאַכט געוואָרן.

דער דעקרעט איז באַשטאַנען פון צוויי טייל. אין ערשטן טייל איז געזאָגט געוואָרן, אַז אַלע חובות, וואָס יידן האָבן אויף ערד-באַזיצער אין די צפון-מזרחדיקע פּראָווינצן, זאָלן נישט קאָנען אויפ-געמאָנט פריער ווי אין אַ יאָר אַרום, דאָס הייסט, מען זאָל נישט קאָנען גערייכטלאַך פאַרקויפן די גיטער פון די בעלי-חובות אין משך פון אַ יאָר. די תקנה, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו שיצן די פאַרשולדיקטע פּריצים פון אַ זיכערן אונטערגאַנג, וויניקסטנס אויף אַ יאָר, איז געווען געגן דעם געזעץ,—ווייל זי איז אַרויסגעגעבן גע-וואָרן אָהן דער הסכמה פון דער געזעצגעבערישער קאָמיסיע. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ התחלה, אַ מין הכנה צו נאָך שטרייגערע פאַראָרדנונגען.

דער צווייטער טייל פון דעם דעקרעט איז געווען באַשטימט דערצו, איינצאַמלען איבערצואַנדערשן די יידישע באַפעלקערונג. אָבער דער קייזער האָט איינגעזען, אַז אַזאַ רעפאָרם קאָן נישט קומען פון אויסווייניק, דאָס הייסט פון דער רעגירונג, נאָר פון אינווייניק

דאָס הייסט פון די יידן אַליין מוז זי זיך קאָנווייבן און זיך אויף אַ נאַטירליכן אופן ענטוויקלען. דערצו האָט מען געדאַרפט, אַז די גרעסטע מענטשן פון צווישן די פראַנצויזישע און איטאַלעניש יידן זאָלן זיך אונויפקומען און אויפשטעלן רעליגעזע עיקרים, דורך וועלכע זיי זאָלן ווירקן אויף די יידן אין דעם גייסט, ווי נאַפּאָלעאָנען איז ביחוד.

ביי אַ הערשער, ווי נאַפּאָלעאָן איז עס געווען גאַנץ נאַטירלאַך, אַז אַזאַ פאַרזאַמלונג איז מחויב מסכים צו זיין צום ווילן פון מאָנאַרך; נאָכמער: געבן אים דעם ווילן, דעם שיין פון אַ רעליגיעזן געבאָט, אַז יידן זענען על פּי דין מחויב צו טאָן אַזוי, ווי דער מאָנאַרך פאַרלאַנגט. די חשובים, די עלטסטע פון פאָלק, פון וועלכע די פאַרזאַמלונג איז באַשטאַנען, זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דורך די שטאָט-פאַרוואַלטער אָדער בירגערמייסטער. די פאַרהאַנדלונגען זיינען געפירט געוואָרן פון קייזער אַליין, דורך זיין אינערן-מיניסטער, שאַמפּאַני, וועלכע האָט פריער אַרויסגעגעבן גענויע אינסטרוקציעס, וואָס די פאַרזאַמלונג האָט צו טאָן. אויף יעדער פראַגע, וואָס די רעגירונג האָט פאַר זיי פאָרגעלייגט, האָט מען פאָרויס באַשטימט די תשובה, וואָס דאַרף אויף איר געגעבן ווערן. די הוצאות, וואָס דאָס צונויפזאַמלען די חשובים האָט געדאַרפט קאָסטן, האָבן די יידישע קהלות געמוזט אַליין ליידן.

דעם 26-טען יולי 1806 זיינען זיך די ראשים פון די יידן פון פראַנצויזישן קייזערטום און איטאַליעניש קעניגרייך צוזאַמענגעקומען אין דעם פּאַריזער-מאַגיסטראַט. זיי האָבן אויסגעקליבן דעם פּאָרטוגעזישן יידן אברהם פורטאַדאָ פאַר אַ פאָרזיצער. באמת האָבן די קייזערליכע קאָמיסאַרן געפירט די זיצונגען. צוויי פון די קאָמיסאַרן, פּאָרטאַליס און מאָלע, זיינען געווען פון די גרעסטע יידישע שונאים, דער דריטער—דער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער זיגל-היטער פון דער רעגירונג, פּאַסקיע—איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליינע פּערזענלאַכקייט. מיט אַ קאַלטער און באַליידיקענדיקער רעדע האָט זיך מאָלע געווענדט צו דער פאַרזאַמלונג. „די אָנקלאָגן געגן די יידן—האָט ער בעזאָגט—זיינען באַוויזן מיט פאַקטן. זיין מאַיעסטעט וויל, אַז איר זאָלט ווערן פראַנצויזן.” און אַזעלכע קריינקונגען, אַזעלכע גראָבע באַליידיגונגען האָבן דאָך נישט אָפּגעהאַלטן די חשובים פון זייער ענטוזי-

זיאַטטישער באַגייסטערונג פאַרן קייזער, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן אויף דער אַסיפה מיט אַ משונהדיקער התלהבות, וואָס האָט דערגרייכט ביז צו דער מדרגה פון שגעון; עס האָט זיך צווישן זיי נישט גע-פונען קיין איינציקער, וואָס זאָל מוטיק ענטפערן אויף מאָלעס בלבולים.

אויף די תשובות אויף די צוועלף פראַגן, וואָס די רעגירונג האָט געשטעלט די חשובים, זענען—נאָר מיט איין אויסנאַם—געווען אַזוינע, ווי דער קייזער האָט פאַרלאַנגט. די פאַרזאַמלונג האָט דער-קלערט: אַז האָבן מער ווי איין פרוי איז פאַרבאָטן; אַז אַ גט מוז באַשטעטיקט ווערן דורך דער רעגירונג; אַז די פראַנצויזן זענען ברידער פון די יידן, וועלכע וואוינען אין פראַנקרייך און זיינען פאַר זיי נישט קיין פרעמדע; אַז נישט-קוקנדיק אויף די רעליגיעזע איבערצייגונגען, איז נישטאָ קיין שום חלוק צווישן אַ יידישן און אַ נישט-יידישן פראַנצויז! אַז די יודן קוקן אויף פראַנקרייך. ווי אויף זייער פאָטערלאַנד און די געזעצן פון לאַנד זיינען אויך זיירע געזעצן; אַז דאָס אויפנעמען רבנים דאַרף איינגעאָרדנט ווערן לויט די פאָ-דערונגען פון דער צייט, און די רבנים האָבן נישט צו באַפעלן אין דיני-ממונות-ענינים; אַז די יידישע תורה פאַרווערט נישט די יידן אָנצונעמען וואָסער-עס-איז אַמט און זיך פאַרנעמען מיט מלאכה; אַז די יידן מעגן נעמען פראָצענט פון זיירע אייגענע ברידער, פונקט ווי פון מענטשן פון אַן אַנדער גלויבן, אָבער מיט די לעצטע, דאָס הייסט מיט די פראַנצויזן, טאָרן זיי קיין וואוכער נישט טרייבן.

נאָר בנוגע צו געמישטע חתונות צווישן יידן און קריסטן האָבן זיך די יידישע פאָרשטייער דערלויבט אַ ביסל פרייער און זעלב-שטענדיקער צו זיין. זיי האָבן געגעבן וועגן דעם אַזאַ דערקלערונג: אַזאַ מין מיש-חתונה צווישן יידן און קריסטן קאָנען אין רעליגיעזן זין נישט אָנדערקענט ווערן פאַר גילטיק, אָבער די יידן, וואָס האָבן אויף אַזאַ אופן חתונה געהאַט, ווערן פונדעסטוועגן גערעכנט פאַר יידן. צו די אַלע תשובות האָבן זיי צוגעגעבן אַ הקדמה, אין וועלכער די חשובים האָבן אויסגעדריקט די שטענדיקע אונטערגעגעבנקייט פון די יידן דעם ווילן פון קייזער און קעניג און די געזעצן פון דער רעגירונג (17-טען אויגוסט 1806).

די אונטערטעניקסטע ערקלערונגען פון די חשובים האָט גע-

מוזט דעם קייזער זייער אָנגענעם זיין, און ער האָט באַלד געזוכט א מיטל, ווי אַזוי דידאָזיקע דערקלערונגען הייליק צו מאַכן ביי אַלע יידן פון זיין מדינה, און—אויב מעגלאַך—ביי די יידן פון גאַנץ איירָאָפּאַ; ער האָט געזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי צוצוגעבן דידאָזיקע דערקלערונגען אַ כאַראַקטער פון אַ רעליגיעזער געזעצגעבונג, וועלכע שטעלט זיי אויף איין מדרגה, ווען נישט מיטן תנ"ך, איז, ווייניקסטנס, מיטן תלמוד און קאָנען—אין אַ געוויסן זין—אָנגענומען ווערן אָנשטאָט דעם תלמוד. דעריבער האָט ער באַשלאָסן צונויפצורופן אַ „סנהדרין" (די רעליגיעזע פאַרוואַלטונג פון די יידן אין דער צייט פון בית-שני), וואָס איז שוין בטל געוועזן צווי טויזנט יאָר. פון צווישן דער „חשובים" - פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט זיך אַזוי גוט אויסגעצייכנט, זיינען אויסגעווילט געוואָרן אין סנהדרין אַריין 15 רבנים און 26 בעלי-בתים, און צו זיי האָט מען נאָך צוגעגעבן נאָך דרייסיק רבנים. די חשובים האָבן געדאַרפט דאָס גרויסע געשעעניש מודיע זיין די יידישע קהילות אין דער גאַנצער וועלט און פאָדערן פון זיי צו פאָלגן די באַשלוסן, וואָס דאָס „סנהדרין" האָט אָנגענומען. ליתר-בטחון האָט מען דעם סנהדרין פאָרגעלייגט נישט נאָר דיזעלבע צוועלף שאלות, וואָס מען האָט פאָרגעלייגט פאַר די חשובים, נאָר אויך די תשובות, וואָס זיי האָבן צו ענטפערן, און דערביי האָט מען פונם סנהדרין פאַרלאַנגט, ער זאָל מסכים זיין צו געמישטע חתונות צווישן יידן מיט קריסטן—געגען דעם איינציקן זעלבשטענדיקן באַשלוס פון די חשובים. דערביי האָט מען געגעבן אָנצוהערעניש, אַז אויב זיי וועלן נישט אָננעמען די באַשלוסן לויטן קייזערס פאַרלאַנג, וועט מען אַרויסטרייבן אַלע יידן פון פראַנקרייך, איטאַליע און דייטשלאַנד.

נאַפּאָלעאָן האָט דאָ, אַזוי ווי אומעטום, אָן יעדע אַכטונג אויפ׳ן געוויסנס איבערצייגונג געוואָלט מאַכן פון דער יידישער רעליגיע אַ פּאָליטיש מיטל צו זיינע צוועקן.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז דאָס איז געשען אין אַ גלענצנדיקער און גרויסאַרטיקער אויסערליכער פאָרם. דאָס איז געווען אַ גרויסע זכיה, אַ מין שוחד פאַר די ביז דעמאָלט פעראַכטעטע און געטרעטענע יידן,—אַז דער וועלט-הערשער און גרויסער קייזער, וועלכער האָט זיך נאָר-וואָס געגרייט איינצונעמען פּרייסן און רוסלאַנד, מאַכט

פון זיי, פון די יידן, אַזאַ וועזן און לייגט אויף זיי אַזויפיל געוויכט. די וועלט האָט דאָך גאָרנישט געוואוסט פון דעם טיראַנישן כוח, וואָס האָט דיקטירט דידאַזיקע פאַרזאַמלונגען זייערע החלטות וואָרט ביי וואָרט — די וועלט האָט נאָר געזען דעם שיין, דעם גלאַנץ, די כלומרשט פרייע מיינונג און דערקלערונג פון אַ יידישן סינאָד.

דעם 17טען סעפטעמבער האָט מאָלע איבערגעגעבן די חשובים דעם קייזערס באַשלוס אין אַ רעדע, וועלכע האָט אַפילו פריינט־לאַכער געקלונגען, ווי די רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיי מיט אַכט וואָכן צוריק, אָבער דאָך איז זי געווען אַ מין התראה, אַז עס קאָן קומען צו שלעכטע פאָלגן, אויב די יידן וועלן נישט צו־טרעפן דעם ווילן פון זיין מאַיעסטעט.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די „חשובים“ האָבן מיט דער גרעסטער התלהבות זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פלאַן פון אַ סנהדרין. איידער דער סנהדרין איז זיך צוזאַמענגעקומען, האָבן זיי דערקלערט שריפטלאך די הויפּט־יסודות פון דער אָרגאַניזאציע פון די יידישע קהלות און געמיינדעס. אויפן פאָרשלאַג פון אַ געמיינדע־פאָרשטייער פון דער זע־אַלפּן־פּראָווינץ, אביגדור, האָבן זיי געשיקט אַ דאַנק צו די קאַטוילישע גלחים פאַר דעם הן און פאַר דעם חסד, וואָס די קאַטוילישע גייסטלאַכקייט טוט מיט די יידן. עס איז אוממעגלאַך זיך פאָרצושטעלן נאָך אַ נידריקערע עבדות, ווי עפנטלאַך צו דאַנקען אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס זינט זי עקזיסטירט, איז זי געווען — מיט קליינע אויסנאַמען — די גרעסטע פיינדין פון יידן. האָבן דען די חשובים געקאָנט האָפן, אַז דורך אַזאַ נידרי־קער חנופה וועלן זיי זייערע געגנער ווייכער מאַכן און פאַר זיך גייע־פריינט געווינען?

## די פאַרזאַמלונג פון „סנהדרין.“

דעם 9־טען פעברואַר 1807 איז דער סנהדרין זיך צוזאַמענגעקומען. ער איז באַשטאַנען אַזוי ווי דער אַמאָליקער סנהדרין פאַר צוויי טויזנט יאָר — פון 71 מיטגלידער, פון וועל־כע 46 זיינען געווען רבנים און נאָר 25 — בעלי־בתים. נאָפּאָלעאָן, וואָס האָט מיט זיינע גרויסע גייסטיקע פעהיגקייטן אַלץ געהאַט אין אויג, האָט נאָך זיינע גרויסע נצחונות פון יענאַ און אויער־

שטאָט און אינמיטן די גרויסע שווירִיקקייטן פון דעם פּוילישן
קריג, זיך גריגדלאך פאַרגומען מיטן סנהדרין אויך. ער האָט פאַר
די מיטגלידער פון סנהדרין באַשטימט רייזע-קאָסטן און אַלע הוצאות
פון דער רעגירונגס-קאַסע. די אונטערהאַנדלונגען זיינען געפירט
געוואָרן, אונטער דער השגחה פון מיניסטער פון אינערן שאַמפּאַני,
מיט דער גרעסטער שנעלקייט. דעם 9-טען מערץ איז אין דער אַב-
טער זיצונג שוין אַלץ געווען פאַרטיק. אין אַ פייערליכן טאָן האָט
דער סנהדרין איבערגעחזרט און אויפגעפאַסט אין אַ פאָרם פון רע-
ליגיעזע מצוות די תשובות פון די חשובים; נאָר בנוגע צו די
מיש-חתונות (נשאי-תערובות) צווישן יידן און קריסטן האָבן זיי,
אַזוי ווי די חשובים, נישט נאָכגעגעבן דעם ווילן פון קייזער. באַלד
נאָכדעם איז דער סנהדרין פאַרשוואונדן געוואָרן און אויף דער
סצענע איז ווידער אַרויסגעטרעטן די חשובים-פאַרזאַמלונג.

די פאַרזאַמלונג האָט אַרויסגעזאָגט איר וואונש, אַז דער קיי-
זער זאָל אָנווענדן מיטלען, אַז „דער שאַכער האַגדל און דער וואו-
כער פון איינִיגע יידן זאָל מער נישט אַרויסרופן קיין אומרו און
אומאָרדענונג.” ווי שאַמפּאַני האָט געמאָלדן דעם קייזער, האָט עס
געקאָסט פיל מי אַרויסצוקריגן דעמדאָזיקן באַשלוס פון די חשובים,
וואָס האָבן זיך געהאַלטן, לויט זיינע רייד, זייער „עגאָאיסטיש” און
האָבן מורא געהאַט פאַר ספּעציעלע געזעצן געגן יידן. אָבער אפילו
אַזוי האָבן זיי אויך געטאָן זייער אַ שענדלאַכן שריט; זיי האָבן
אַזאַ פאַרלאַנג בשום-אופן נישט געדאַרפט נאָכגעבן. אַזאַ פאָדערונג,
וואָס די יידישע פאָרשטייער אַליין האָבן געשטעלט פאַרן קייזער
בנוגע צו זייערע אייגענע ברידער, איז אַ באַווייז, ווי ווייט דער-
נידריקט דער יידישער גייסט איז דעמאָלט געווען; אַזאַ ביטע,
וואָס איז געקומען פון יידן אַליין, האָט נאָר געגעבן אַ תוקף צו די
אויסנאַמס-געזעצן, וואָס זיינען שוין פריער באַשלאָסן פון דער
מערהייט פון זיינע יידישע אונטערטאַנען. דעם 6-טען אַפּריל 1807
איז די חשובים-פאַרזאַמלונג,—נאָכדעם ווי זי האָט עקזיסטירט 8½
חדשים,—פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן.

דידאָזיקע פאַרזאַמלונג, און בפרט דער „סנהדרין,” האָבן ביי
זייער גאַנצער הכנעה און שפלות געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף
די יידן, דערהויפּט אין פראַנקרייך. די אָפיציעלע אָנדערקענונג פון

אַ קריסטליכן קייזער,—אַזאַ כּבוד, וואָס איז דעם יידנטום צום ערשטן מאָל אַרויסגעוויזן געוואָרן—האָט אויפגעהויבן דאָס יידישע זעלבסטגעפיל, און צוזאַמען מיט דעם געפיל פון זייער אייגענער ערע און אייגענער אַכטונג האָט עס זיי אויך געבראַכט צום שטרעבן, אַז דאָס־דאָזיגע זעלבסט־געפיל און זעלבסט־אַכטונג זאָל זיך וואָס שטאַרקער אַנטוויקלען. די רעליגיעזע און מאָראַלישע תּקנות פון די סנהדרין האָבן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אין גאַנץ פראַנקרייך, אָבער אויך אויסער פראַנקרייך האָט מען זיך אויף די תּקנות געשטיצט. אַנשטאָט דער גלייכגילטיקייט און אומטעטיקייט, וואָס האָט געהערשט ביז אַהער אין דעם מערב־אייראָפּייאישן יידנטום, האָט מען איצט אָנגעהויבן צו באַמערקן אַ פרישע לעבעדיקייט און אַ נייע באַוועגונג. וויפיל דער סנהדרין האָט אויך געהאַט אין זיך קאָמישע און טעאַטראַלישע זייטן, וויפיל ער איז אויך געשטאַנען אונטער דעם אייזערנעם כּוח און שטאַרקן איינפלוס פון דעם מעכטיקן קאָרסיקאַנער (נאַפּאָלעאָן), האָט ער דאָך געהאַט די ווירקונג, וואָס שטעקט אין יעדער גרויסאַרטיקער דערהויבענער ערשיינונג.

איבעריגנס, האָט דער קייזער אַלע פּראַקטישע פאָרשלאָגן און אונטערהאַנדלונגען, וואָס די חשובים־פאַרזאַמלונג האָט פאָרגעלייגט, געלאָזט אויספירן אין לעבן. דעם 17־טען מערץ 1808 האָט ער באַפוילן, אַז דער יידישער קולטוס (יידישע גאָט־דינסט און די גאַנצע הנהגה פון די קהלות), זיינע דינער און איינריכטונגען זאָלן שטיין אונטערן שוץ פון געזעץ. צום פאַרוואַלטן מיט די סינאַגאָגען, אַכטונג געבן אויף די קולטוס־בעאַמטע און כּלי־קודש האָט מען געגרינדעט פאַר די 77162 יידן אין פראַנקרייך דרייצען קאָנסיסטאָריעס און איין צענטראַל־קאָנסיסטאָריעס אין פּאַריז. יעדע קאָנסיסטאָריע איז באַשטאַנען פון איין ראַבינער און דריי בעלי־בתּים. די ראַבינער האָבן געגאָלטן פאַר דער רעגירונג אַזוי ווי אַנדערע גייסטליכע און האָבן באַקומען אַ באַשטימט געהאַלט, אָבער נישט פון דער רעגירונג־קאַסע, נאָר פון די יידישע בירגער אַליין. ווי עס איז, האָט דאָ די רעגירונג צום ערשטן מאָל אָנדערקענט די יידישע רעליגיע־טעטיקייט און די גאָט־דינסטלאַכע אָרדענונג גלייך ווי אַלע איבעריקע קירכן און רעליגיעס; צום ערשטן מאָל איז די יידישע רעליגיע־טעטיקייט פּראַקטיש אָרגאַניזירט געוואָרן. נאַפּאָלעאָנס קלאָרער, פּראַקטישער

גייסט האָט אויך דאָ געשאַפן אָרדענונג. דאָס יידנטום איז אויסגע-לייזט געוואָרן פון דער טונקלקייט, אין וועלכער די קריסטלאַכע הער-שער האָבן עס זינט פופצען הונדערט יאָר מיט כונה געהאַלטן.

**דער שענדלאַבער דעקרעט.** אָבער דידאָזיקע גליקלאַכע ייע איינ-פירונג איז באַלד אָפגעשוואַכט געוואָרן דורך אַ גלייכצייטיקן דעקרעט, וואָס האָט דעם גרעסטן טייל פון די פראַנצויזישע יידן, ווייניקסטנס לפי שעה, אויסגעשלאָסן פון די אַל-געמיינע לאַנדגעזעצן. די יידן פון די צפון-מזרח-פראָווינצן זיינען אונטערגעוואָרפן געוואָרן אונטער באַזונדערע באַגרענעצונגען בנוגע צו זייער וואוינרעכט; יידישע קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן געהאַט וועקסלען אויף קריסטן, האָבן געהאַט אויסצושטיין שווערע באַדינגונגען ביים אויפמאָנען זייערע חובות. אַ ייד האָט אַנדערש נישט געטאָרט האַנד-לען, סיידען דער בירגערמייסטער אָדער פּאָליצמייסטער פון זיין גע-בורטסאָרט האָט וועגן אים אַ שטאַרקע חקירה ודרישה געמאַכט און ערשט נאָכדעם אים אַ פּאַטענט אַרויסגעגעבן. דידאָזיקע שטרייגגע באַשטימונגען האָבן נאָכגעשלעפּט נאָך זיך גאָך חומרות און אויסנאַם-געזעצן געגן יידן. צום ביישפּיל, די יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן געדאַרפט זיך שטעלן צו מיליטערדינסט, אויב זיי זיינען געווען פון יענע פּראָווינצן, וואו דער אויבנדערמאָנטער דעקרעט איז געווען גילטיק, האָבן נישט געטאָרט שיקן אַן אַנדערן דינען אויף זייער אָרט, וואָס איז—לויטן פראַנצויזישן געזעץ—בפירוש דערלויבט יעדן בירגער. יידן האָבן געמוזט אַליין גיין דינען. דער דעקרעט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף צען יאָר, אָבער עס איז אויסדריקלאָך אויסגערעדט געוואָרן, אַז נאָך די צען יאָר וועט מען דעם דעקרעט באַנייען, אויב די יידישע אויפפירונג וועט דעמאָלט אויך אַרויסרופן אונצופרידנקייט ביי די איבעריקע בירגער.

דערדאָזיקער דעקרעט איז אייגער פון די מאַסן טיראַנישע מעשים פון נאַפּאָלעאָנס רעגירונג, וועלכע האָבן אויף איר אַרויפגע-לייגט דעם שטעמפּל פון אַ דעספּאָטיע געגן אַלע יסודות, אויף וועל-כע די רעוואָלוציע האָט אויפגעבויט די גאַנצע הנהגה פון דער רע-גירונג און אויף וועלכע נאַפּאָלעאָן גופא האָט זיין קייזערטום גע-

מבטל ער האָט געזעץ, פאַרן בירגער אַלע פון גלייכהייט די גרינדעט. אויף אונטערטאַנען זיינע צוטיילט האָט ער וואָס דערמיט, געמאַכט אָדער בירגער, נישט-עכטע אויף און בירגער עכטע אויף : קלאַסן צווייי בא- האָט דאָס יידן, די : הייסט דאָס — קלאַס צווייטן פון בירגער אָרדענונג שטאַנדן- אַלטער דער צו זיך אומקערן ווי אַזויפיל, דייטש האָט ייד אַ וואָס דערמיט, הערשאַפט. מיטלאַלטערליכער דער פון בא- אַנדער אַן אויף אָדער האַנדעל אויף פּאַטענט אַ האָבן געדאַרפט אַר- און- האַנדלס פון יסוד דער געוואָרן צושטערט איז שעפטיקונג, בחזקת בירגער יעדן האַלט געזעץ דאָס ווען דאַן, בעסט-פריידיגט. אונערלאַב- זיין אויף באַווייזן פאַראַן זיינען עס ווען סיידן כשרות, אומערלאַבע, אויף ווי געקוקט, לכתחילה יידן אויף מען האָט קייט, זיינען זיי אַז ראיות, געבראַכט האָבן זיי וואַגען ביז פאַרדעכטיקע, ערלאַך.

איינער, וואָס האָט געגעבן דערקלערונגען צו דעם איבנדער- מאַנטן דעקרעט, באַמערקט דערביי : „דער געזעצגעבער, וועלכער זיך שטענדיג גרייט דעם יידישן שווינדל צו באַשטראָפן" — גלייך ווי דער- צו וואָלט נישט גענוגט דאָס אַלגעמיינע שטראָפגעזעץ : — „גלויבט פונדעסטוועגן אין דער ערלאַכקייט פון איינציקע יידן, און איך שפּיר אַ באַהאַלטענע פרייד דערמיט, וואָס איך קאָן אויך אַזוי גלויבן." דאָס איז געווען דער שטאַנדפּונקט, פון וועלכן עס האָט זיך גענומען יענער דעקרעט, וועלכער איז מער חרפּה פאַר דעם פאַרפאַסער, ווי פאַר די, וואָס האָבן פון אים געליטן. דאָס גאַנצע וועקסל-רעכט, דער כּוח פון אַ שולדיקקייט-פליכט, צו באַצאָלן יענעם דעם חוב, וואָס איז קומט — האָט אויפגעהערט צו גילטן, קוים זיינען די וועקסלען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אויף אַ יידן, אונטערגעוואָרפן גע- וואָרן אונטער אַ חקירה ודרישה וועגן דער ערלאַכקייט פון דעם וועקסלבאַזיצער, וועגן דער פעהיקקייט פון דעם געלטגעבער צו מאָ- גען, וואָס אים קומט! דער הויפּט-יסוד פון דעם נאַפּאָלעאָנישן קאָ- דעקס, אַז יעדער פּראָנצויז באַזיצט פולשטענדיקע בירגערלאַכע רעכט, איז בטל געוואָרן דורך דעם פאַרבאָט, אַז יידן טאָרן נישט ענדערן ייערע וואוינונגסערטער. אויך די גזרה, אַז יידן טאָרן נישט שיקן קיין שטעל-פאַרטרעטער אין מיליטער, איז געווען געגן די אַלגעמיינע געזעצן בנוגע צו מיליטערדינסט.

דידאָזיקע אַלע מאַסן גזרות און נייע געזעצן געגן דער מלוכה-
אָרדונג און געגן דער קאָנסטיטוציע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן
נאָר דורך אַן איינפאַכן בעפעל פון קייזער, אָן דער צושטימונג פון
דער געזעצגעבערישער פאַרוואַלטונג און אָן דער באַטייליקונג פון
וועלכער עס איז קאָמיסיע! און אַזוי איז געווען דער דעקרעט פון
17-טען מערץ 1808 נישט נאָר אַ געוואַלט-טאַט געגן די יידן, וואָס
האָבן דערפון געהאַט צו ליידן, נאָר אויך געגן דעם גאַנצן פראַנ-
צויזישע פאָלק און געגן דער קאָנסטיטוציע, וואָס דער קייזער אַליין
האָט געגעבן. מען מוז אָבער באַמערקן,—כדי די זאַך נישט צו-
פיל איבערצוטרייבן,—אַז אַזעלכע עבֿרות געגן דער קאָנסטיטוציע
האָט נאַפּאָלעאָן געטאָן שוין פון יאָרן לאַנג ביי יעדער געלעגנהייט;
אַז ער, שטיצנדיק זיך אויף זיין געוואַלטיקן כח און אַלמעכטיקקייט,
האָט געגלויבט, אַז ער שטייט איבער יעדן געזעץ און יעדער מלכה-
אָרדונג.

דאָס עובֿר-זיין אויף דער קאָנסטיטוציע טרעט נאָך שאַרפער
אַרויס, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דעם 13-טען סעפּטעמבער 1806
האָט נאַפּאָלעאָן פייערלאַך צוגעזאָגט די יידן, „אַז זיי וועלן קאָנען
פריי היטן זייער רעליגיע און געניסן גלייך מיט אַלע בירגער פון די
פּאָליטישע רעכט.“

מען דאַרף אויך נישט רעכענען, אַז דער דעקרעט איז געווען
אַ רעזולטאַט פון אַ פּלוצלונגער אויפרייצונג געגן יידן אָדער אַ שלעכטן
איינדרוק, וואָס זיי האָבן אויף דעם קייזער געמאַכט. דערדאָזיקער
דעקרעט איז גאַנצע צוויי יאָר צוגעגרייט געוואָרן,—פון יולי 1806
אָן,—אין דערזעלבער צייט, ווען נאַפּאָלעאָן האָט מיט פאַלשע הבטחות
צוזאַמענגערופן די יידישע חשובֿים און האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ
מענטשן, וואָס וויל באַנייען דעם אַלטן כבֿוד פון יידישן פאָלק. דער
מיניסטער פון אינערן שאַמפּאַני האָט דעם (20-טען אויגוסט 1806) ביי
דעם פאַל אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג געגן יעדן אויסנאַמס-געזעץ און
געגן יעדע באַגרענעצונג אויף די יידן, ווייל אַזאַ באַגרענעצונג איז
געפערלאַך און אומגערעכט און זי מאַכט די יידן אומזיסט און אומ-
נישט ללעג ולקלס, בעת די קריסטלאַכע וואוכערער, וועלכע זיי-
נען אויך דאָ אָן אַ שעור, גייען-אַרום פראַנק און פריי און האָבן פאַר

קיין שום שטראָף קיין מורא נישט. די חסרונות פון די יידן — האָט ער דאַן געמיינט — נעמען זיך פון דעם פריערדיקן דרוק. און דורך אַ גוטער דערציונג פון דעם וואַקסנדיקן דור וועלן זיי פון זיך אַליין פאַרשווינדן. אויך דער רעגירינגס-ראַט האָט זיך אַ לאַנגע צייט אָפּגעהאַלטן פון צו באַשטעטיקן דעם דעקרעט. זיין איינציקער און אויסשליסלאַכער פאַרפאַסער און אויפטוער איז געווען נאַפּאָלעאָן.

צו גוטן קאָן מען דערמאָנען אַ דעקרעט פון 20-טען יולי 1809, אַז יידן זאָלן אָננעמען שטענדיקע פאַמיליען-נעמען. דורך דעם האָט מען געוואָלט אויסמיידן זייער פיל אומרעגלמעסיקקייטן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון דער אומזיכערקייט פון די יידישע נעמען און אַגב האָט מען דערמיט—אין דעם פרט—אויסגעגליכן יידן מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג.

זעקס חדשים נאָך דעם פריער-דערמאָנטן דעקרעט, — דעם 21-טען סעפּטעמבער 1808,—האָט דער מיניסטער פון אינערן אין יענער צייט, גראַף גרעטע, מודיע געווען דעם קייזער פאָלגענדיקס:

„די 2643 יידן, וואָס וואוינען אין פּאַריז, האָבן קיינמאָל—נישט פאַר און נישט בשעת דער רעוואָלוציע — געגעבן קיין שום גרונד, מען זאָל זיך אויף זיי קאָנען באַקלאָגן. זיי האָבן קיינמאָל נישט אָנגעהערט צו די וואוכערער, שווינדלער, שפּעקולאַנטן און אויפקויפער. פערקערט, זיי זיינען ערליכע און נוצליכע בירגער, וואָס גיבן מאַסן קריסטן אַרבעט און פאַרדינסט. זיי באַשעפטיקן זיך מיט וויסנשאַפט און קונסט; פון זיי זיינען אויך דאָ דאָקטוירים און מעדיצין-געלערנטע. זיי זיינען גוטע פּאַטריאָטן; מער ווי 150 פון זיי — דאָס הייסט פולע 6 פּראָצענט — דינען אין מיליטער.“ אין 2½ יאָר שפּעטער, דעם 13-טען מערץ 1811, האָט דער נייער מיניסטער פון אינערן, מאָנטאַליווע, מודיע געווען דעם קייזער וועגן אַלע (נישט נאָר פּאַריזער) פראַנצויזישע יידן מיט די ווערטער: די אויסבעסערונג פון די יידן לאָזט זיך באַמערקן; וואוכער און ליציטאַציעס זיינען ווייניקער געוואָרן; די יידן נעמען דינען מיטן גוטן ווילן; זיי ווערן איבערגעצאַנדערשט; זיי הויבן זיך אָן צו פאַרנעמען מיט נוצלאַכע באַשעפטיקונגען; זיי פאַרדינען די „פּאָטערלאַכע גוטסקייט“ פון זיין מאַיעסטעט.

עס איז געווען קלאָר, אַז אַ פאָלק, וואָס איז בטבע פאַר־דאָרבן, וואָס צוליב זיינע שווינדל און פאַרברעכן האָט מען געמוזט — נעגן אַלע קאָנסטיטוציאָנעלע יסודות — שטרייננ באַשטראָפן און אויס־שליסן פון אַלע אַנדערע בירגער, אַז אַזאַ פאָלק קאָן זיך בשום־אופן, אין אַ משך פון עטלאַכע חדשים, נישט באַפרייען פון אַלע זיינע חסרונות און פלוצלונג ווערן ריינע מלאכים. מען האָט געמוזט אָננע־מען, אַז די באַשולדיקונג אויף אַלע יידן, וואָס איז דעמאָלט אויס־געבראָכן צוליב דער שלעכטער אויפפירונג פון איינצלנע, האָט זיך גענומען פון קליינמוטיקקייט, פאָראורטייל אָדער רשעות.

דידאָזיקע מיינונג באַשטעטיגן די פאַרשידנסטע דעפּאַרטאַמענטן און פּראָווינצן. זינט דעם יאָר 1808 האָט די פּראָווינציאַל־פאַרוואַל־טונג געגעבן די יידן די בעסטע צייגנישן. די טעטיקקייט פון די קאָנסיסטאָריעס ווערט גאַנץ באַזונדער גערימט מיט איר גוטער ווירקונג אויף דער יידישער דערציונג און מאָראַל.

און נאַפּאָלעאָן אַליין הויבט־אָן ביסלאַכווייז זיין דעקרעט נענן יידן מבטל־צו־זיין. די גזרות און באַשריינקונגען ווערן קלענער און לייכטער. בנוגע צו צוויי און צוואַנציג ווייטע פּראָווינצן איז ער מבטל זיין דעקרעט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1808 — ווייל דאָרט האָבן זיך די יידן גוט אויפגעפירט און „ערליך פאַר־דינט“ גערעכנט צו ווערן גלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער. בנוגע צו די איבעריגע דעפּאַרטאַמענטן און פּראָווינצן האָט ער דערלויבט דעם מיניסטער פון אינערן, לויט זיין פאָרשלאָג פון 11־טען אַפּריל 1810 — צו באַפרייען איינצעלע שטעדט פון יענעם שטרייגגן דעקרעט. און דעם 9־טען יולי 1812 האָט ער דערלויבט אַלע יידן, וואָס דאַרפן דינען אין מיליטער, צו שיקן אַן אַנדערן, אָנשטאָט זיך, בתנאי אַז זיין פאַרטרעטער זאָל אויך זיין אַ ייד.

עס וואָלט געווען נאַריש צו מיינען, אַז דער דעקרעט פון 1808 האָט געווירקט אויף יידן ווי אַ דערציונגס־מיטל, זיי צו פאַרבע־סערן — אַ נאַציאָנאַלער כאַראַקטער ווערט נישט אין אַ פאַרלויף פון דריי ביז פיר יאָר גרינדלאַך אומגעענדערט. גיכער איז אַזוי געווען: איבער די פריערדיקע מיטלאַלטערליכע בלבולים און טענות אויף יידן זיינען שוין געווען סיי־ווי־סיי גענוג איבערגעטריבן, זיינען נאָך דאָס ביסל חסרונות און פעלערן, וואָס יידן האָבן יאָ געהאַט דורך דער

ווירקונג פון דעם לאַנגן גלות און שרעקלאַכער קנעכטשאַפט און הונדערט-יעריגע רדיפות, אַלעמאָל קלענער געוואָרן צוליב דער פרייהייט, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן אין יאָר 1791, און עס האָבן זיך ביי זיי אַנטוויקלט די גוטע מעלות און אייגנשאַפטן, וואָס קאָנען זיך אַנטוויקלען נאָר ביי אַ גוטער און פרייער בירגער-באַהאַנדלונג. דאָסזעלבע האָבן שוין פאָרויסגעזאָגט דער מיניסטער פון אינערן שאַמפּאַני און דער רעגירונגסראַט.

אין חודש מערץ 1818 איז דער שענדלאַכער דעקרעט אין פראַנקרייך פאַרשוואונדן געוואָרן אויף אייביג.

עס וואָלט געווען אומגערעכט פון אונז, ווען מיר וואָלטן זיך אַפּילו אָפּגעשטעלט אויף דעמדאָזיקן פאַקט פון אַ שלעכטער פאַרוואַלטונג און וואָלטן דעריבער פאַרגעסן די טובות, וואָס די נאַפּאָלעאָנישע הערשאַפט האָט געבראַכט פאַר יידן. דער דעקרעט פון 17-טען מערץ איז נאָר געווען טעטיג לפי שעה, זיין כח איז געווען באַשריינקט נאָר אויף געוויסע ערטער; דאָס איז נישט געווען קיין פעסטע גזרה, נאָר אַן אויסנאַמסגעזעץ, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך געוויסע אומשטענדן נאָר אויף אַ געוויסע צייט. אין דעם גרעסטן טייל פון פראַנקרייך האָבן די יידן נישט אויפגעהערט צו געניסן אַלע בירגערלאַכע רעכט; האָט איינער געוואָלט זיך אָפּגעבן דער וויסנשאַפט—האָט איהם קיינער דערין נישט געשטערט. דאָס נאַפּאָלעאָנישע פראַנקרייך האָט געגעבן דעם יידן מוט און ענערגיע דעם האַנדל אַוועקצוואַרפן און זיך פאַרנעמען מיט פרייע פראָפעסיעס און אויך צו טראָגן דאָס געווער צו שיצן דאָס פאָטערלאַנד. אין די פרטים איז קיין חלוק נישט געווען צווישן יידן און קריסטן. אין יאָר 1810 זיינען נאָר אין מעץ אַליין פינף יידן מיט אַמאָל אויפגענומען געוואָרן פאַר אָפיצירן. נאַפּאָלעאָן האָט דער ערשטער אין אייראָפּע איינגעפירט דעם פרינציפּ, אַז אַלע רעליגיעס זיינען גלייך. די אָנדערקענונג פון דעם יידישן קולטוס און די הנהגה פון די קהלות דורך דער רעגירונג און איר זאָרג פאַר יידישע ענינים זיינען אַזוינע ביישפילן, וועלכע זיינען נאָך ביז איצט,—נאָך אַ גאַנצן יאָרהונדערט,—נישט אין אַלע קולטורלענדער נאָכגעטאָן געוואָרן. דער „סנהדרין און די יידישע קולטוס און געמיינדע-

אָרדנונג פון 1808 האָבן געשטאַרקט און געהויבן דאָס זעלבסטבאַוואוסט-
זיין און ערגגעפיל פון די פראַנצויזישע יידן און זיי געגעבן אַ
קרעפטיקע אָרגאַניזאַציע. אמת, זי שטיצט זיך אַ ביסל צופיל אויף
דעם אויסאָרימעט, וואָס איז איר געגעבן געוואָרן פון אויסן, אין האָט
געהאַט אין זיך צו-ווייניג אינערלאַכע מאַכט. אָבער פאַר יענע צייטן
האָט זי די פראַנצויזישע יידן אַ גרויסע טובה געטאָן און איר ווירק-
קונג האָט אַ גרויסן ווערט געהאַט. דאָס קאָן נישט אָפּגעלייקנט ווערן

# קאַפּיטל צוויי.

## די השפּעה פֿון פֿראַנקרייך אויף דייטשלאַנד.

די אינערליכע פּאָליטיק פֿון די דייטשישע מלוכות האָבן זיך פֿאַרענדערט נישט אונטער דער השפּעה פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, נאָר אונטערן דרוק פֿון נאַפּאָלעאָנס אימפּעריע. די פֿראַנצויזישע אידייען האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף אַ געוויסן טייל פֿון דער דייטשישער געזעלשאַפֿט; דאָס פֿראַנצויזישע געווער, ווידער, האָט מנצח געווען די דייטשישע הערשער און דירעקט אָדער אומדירעקט געצוואונגען זיי איינצופֿירן רעפֿאָרמען אין דער מלוכה־אָרדענונג. דאָס יאָר 1806 איז געווען אַ יאָר פֿון אינערליכן איבערברוך: נאַפּאָלעאָן האָט צוקלאַפּט פּרייסן; עס איז געשאַפֿן געוואָרן דער ריינישער פֿאַרבאַנד און דער פֿראַנצויזישער פּראָטעקטאָראַט אויף אַ גאַנץ היבשן שטח פֿון דער דייטשישער טעריטאָריע. אין אַן איינגן צוזאַמענבונד מיט דעמדאָזיקן איבערברוך האָט זיך אויך געפֿונען דער גורל פֿון דייטשישע יידן. דער טונקעלער פּאַס פֿון יידישע רעכטלאָזיקייט האָט זיך געצויגן פֿון יאָר 1789 ביזן יאָר 1806, איינציקע שטראַלן ווייזן זיך

דאָ און דאָרט אין דער קורצער צווישן-צייט פון די יאָרן 1807—1813.

אין אָנהויב פונם נייַנצענטן יאָרהונדערט, בשעת דער אָבמאַך פון לונעוויל האָט געמאַכט לפי שעה אַן ענדע צו די מלחמות אין אייראָפּע און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה פון אַלגעמיינעם שלום, — האָט אַ יונגער פראַנצויזישער ייד, מיכאל בער, געשיקט (1801) „אין נאָמען פון אַלע איינוואוינער פון אייראָפּע, וואָס געהערן צו דער יידישער רעליגיע", אַן אויפרוף צו אַלע פירשטן און פעלקער פון איירָאָפּע. אין אַ פייערדיקער, באַגייסטערטער, נאָר צופיל מליצהדיגער שפּראַך, האָט ער געפאָדערט פון אַלע מדינות, און דערהויפּט פון די דייטשע, גערעכטיקייט פאַר זיינע גלויבנסברידער, זייער באַפרייאונג און אויסגלייכונג מיט אַלע אַנדערע בירגער, לויט דעם ביישפּיל, וואָס פראַנקרייך האָט געגעבן. בער אַליין האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די פאַרייניקונג פון דעם אַלטן יידענטום מיט דעם דעמאָלטיקן, מאָדערנעם גייסט: ער איז געווען דער ערשטער אַדוואָקאַט אין פראַנקרייך און אין דער גאַנצער וועלט.

אויך די דייטשע יידען האָבן געגלויבט, אַז דאָס פראַנצויזישע ביישפּיל מוז האָבן אַ ווירקונג אויף דייטשלאַנד, וואָס איז דעמאָלט געווען ביי זיך געפאַלן נאָך נאַפּאָלעאָנס נצחונות אין דייטשלאַנד. לויט דעם אויפטו פון אייניגע דייטשע יידען, וועלכע זענען נישט אָנגערופן מיט די נעמען, האָט אַ קריסטליכער אַדוואָקאַט, כּריסטאָף גרונד, דעם 15-טען נאָוועמבער 1802, דערלאַנגט אַ ביטע צו דער רעגירונגס-דעפּוטאַציע אין רעגענסבורג, וועלכע איז געווען פאַרטרויט מיט דער איינריכטונג פון דייטשלאַנד אויף להבא — אַז מען זאָל מבטל מאַכן די אויסנאַמסגעזעצן פאַר יידען און דערהויפּט זאָל מען אָפּשאַפן דעם לייבשטייער (קאָפּ-געלד), וואָס האָט אַזוי שטאַרק באַליידיקט יעדעס מענטשלאַכע ערן-געפיל. אויסדריקלאַך האָט מען אין דער ביטע אָנגעוויזן אויפן ביישפּיל פון פראַנקרייך. אָבער דער כח פון דער רגילות און פון דער איינגעוואָרצעלטער שנאה איז נאָך אין דייטשלאַנד געווען צושטאַרק, הגם דער עסטרייכישער באָטשאַפטער האָט אונטערשטיצט די ביטע, און מ'האָט פאָרגעלייגט, מ'זאָל יידען געבן בירגער-רעכט, איז דאָך די ביטע געבליבן ליגן אין דעם גרויסן אַרכיוו פון דער דעפּוטאַציע און האָט קיין שום ווירקונג נישט געהאַט.

דעם טאָלעראַנץ-בעפעל פון קייזער יאָזעף דעם צווייטן לטובת

די יידען, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1781, האָבן נור ווייניקע דייטשע מדינות אָנגענומען. די העסישע פירשטן, אייניקע ריינישע דינאַסטיעס, ברוינשווייג, די שטאָט פראַנקפורט-אַם-מאַין און אייניקע טירינגשע הערשער האָבן זייער לאַנגזאַם און נישט מיט אַמאָל, ווייניקסטנס, דעם לייב-שטייער אָפּגעשאַפט. דידאָזיקע אָרטיקע פאַרגרינגערונגען האָבן יידן געהאַט צו פאַרדאַנקען דער ענערגישער השתדלות פון דעם ברוינשווייגישן יידישן פינאַנצראַט ישראל יאַקאָבסאָן, און נאָכמער דער השתדלות פון דעם איזענבורגער פירשטליכן הויף-אַגענט וואָלף ברײידענבאַך, וועלכע האָבן ביי זייער הויכער לאַגע זיך באַמיט מיט אַלע כחות זייערע ברידער אַ טובה צו טון. אויך אין פרייסן האָט דער קעניג פרידריך ווילהעלם דער צווייטער מבטל געווען דעם לייב-שטייער. אָבער אין אַלע איבעריקע דייטשע מדינות, אויסער פרייסן, האָט דער ייד געמוזט, ביי יעדער ראָגאַטקע און ביי יעדן איינציקן שלאַגבוים, וואָס איז געווען ביי די מאַסן דייטשע גרעניצן, צאָלן פאַר זיך שטייער ווי פאַר אַ חיה. נאָר פראַנצויזישע יידן זענען, לויט אַ שטרייגער פאָדערונג פון דער פאַריזער רעגירונג, באַפרייט געוואָרן פון דעם לייבשטייער—פאַרנדיק דורך דייטשלאַנד. אָבער די דייטשע יידן האָבן אים געמוזט צאָלן.

געגן דער גלייכבערעכטיקונג פון די יידן אין דייטשלאַנד האָבן געקעמפט זייער פיל דייטשע שריפטשטעלער און האָבן געהאַט ערפאָלג ביים דייטשען פאָלק. אומזיסט זענען אַרויסגעטרעטן מיט זייערע פאַרטיידיקונגען פאַר יידן: מענדעלסאָן, לעסינג, דאָהם, מיראַבאָ, דאָס קנעכטישע געפיל, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצלט ביים דייטשן פאָלק, צוליב דער אונגעהויערער פיזישער און מאָראַלישער אָרימקייט, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם דרייסיקיעריקן קריג און זיינע נאָכווייענישן: די ממשלה פון די פריצים און די הערשאַפט פון דעם קליין-אַדעל, יענע לאַקייען-קריכעריי און משרתים-נאַטור, וואָס בוקט זיך מיט הכנעה פאַר די „הערשאַפטן” און נעמט זיך אָפּ דאָס איריקע דערמיט, וואָס זי טרעט מיט די פיס יענע, וואָס שטייען נאָך נידריקער. —די דערשיינונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם פערהאַלטן זיך פון די דייטשן צו די יידן. אַפילו דער באַרימטער דייטשער פילאָזאָף פיכטע איז געווען געגן דעם, מען זאָל געבן די יידן בירגעררעכט. און די דייטשן, וואָס האָבן זיך געשפּירט זייער געקרענקט דורך זייערע

מפּלות, וואָס זיי האָבן געהאַט פון די פראַנצויזן, האָבן ממש געשלונגען די אַנטיסעמיטישע שריפטן. אָן די שוואַכע, ווערלאָזע יידן האָט מען זיך געקענט אַביסל קילן פאַר די אַלע מפּלות, וואָס מען איז אויסגעשטאַנען. אַ געוויסער פרידריך בוכהאָלץ, וואָס האָט זיך אויסגעגעבן פאַר אַ פילאָזאָף, האָט פאָרגעלייגט אַ פּראָיעקט, מען זאָל די יידן אַרויסטרייבן פון לאַנד אַזוי ווי אַ ציגיינערבאַנדע. און נאָך ערגערע פּראָיעקטן האָבן זיך געלאָזט הערן. די פאַרטיידיקונגסשריפטן פון יידן און קריסטן, וואָס זענען פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן געגן אַזעלכע אָנפאַלן, זענען געווען מייסטנס שוואַך און נישט גענוג דרייסט געשריבן און האָבן דערום קיין ווירקונג נישט געהאַט. אַ בעסערונג איז ערשט געקומען דורך די נייע נצחונות, וואָס די פראַנצויזישע אַרמיי האָט געהאַט איבער דייטשלאַנד.

צום ערשטן זיינען בטל געוואָרען די באַגרענצונגען געגן יידן אין די פּראָווינצן, וואָס ליגן אויפ׳ן לינקן ברעג פון ריין, וועלכע די פראַנצויזן האָבן איינגענומען און וועלכע זענען דורך דעם פרידנס-אָפּמאַך פון לונעוויל איבערגעגאַנגען צו פראַנקרייך.

ווי אַלע דייטשע שטעט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שנאה צו פרעמדע איינוואוינער, אַזוי האָט אויך קעלן אין יאָר 1424 אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון שטאָט. נאָך אין אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן—אין 18-טען יאָרהונדערט—האָט מען דאָרט יעדן מענטש, וואָס האָט געטראָגן אַ באָרד, פאַרהאַלטן ביי דער ראָגאַטקע, ווייל מ׳האָט מורא געהאַט, טאָמער איז ער אַ ייד. אַ קריסטלאַכער יונגער סוחר פון אַן אַנדער שטאָט איז, צוליב זיין יידיש קלינגענדיקן נאָמען, אַרויסגעפירט געוואָרן מיט אַ קאָנוואָי פון דעם „הייליגן קעלן”. יידן, וואָס זענען דורכגעפאָרן קעלן מיט פאַספּאָרטן, זענען דורכגעפירט געוואָרן מיט סאָלדאַטן פון איין ראָגאַטקע צו דער אַנדערער. אָבער באַלד ווי פראַנקרייך האָט מנצח געווען, איז דער מצב פּלוצלונג אַנדערש געוואָרן. „אַלץ, וואָס שמעקט מיט שקלאַפעריי—איז געזאָגט געוואָרן אין דעם אויפרוף, וואָס די נייע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן,—ווערט אָפּגעשאַפט. נור פאַר גאָט אַליין וועט איר דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון פאַר אייערע גלויבנס-מיינונגען. אייערע בירגערלעכע רעכט וועלן דערפון נישט אָפּהייבגיק זיין, מעגן יענע מיינונגען זיין ווי זיי ווילן, וועלן זיי אָן אַ שום אונטערשיד געדולדעט ווערן און גלייכן שוץ געניסן”.

נאָך אין דעמזעלבן יאָר האָט זיך אַ יידישע פאַמיליע באַזעצט אין קעלן און באַלד נאָך איר זענען געקומען אהין נאָך אַכטצען יידישע פאַמיליעס: זיי האָבן שוין זייט דעם יאָר 1802 זיך פאַרייניקט אין אַ באַזונדער געמיינדע, וועלכע האָט זיך נאָכדעם גלענצנדיק אַנטוויקלט. זי איז אָבער דערווייל געשטאַנען אונטער דער השגחה פונם גרויסראַבינער פון באָן. די קריסטלאַכע איינוואוינער האָבן נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן סימן פון שנאה און אומטאָלעראַנץ. אַן עלילת-דם געגן אַ יידישן שוחט, וואָס איז דעמאָלט געהאַט אויפגעקומען, האָט זיך געענדיקט מיט אַ שטרענגער שטראָף געגן די פאַלשע אָנקלאָגער. דאָס איז געווען אין יאָר 1808.

**דער אָנהייב פון דער באַפרייונג.**

אין באָן איז נאָך פריער געקומען פאַר יידן דער טאָג פון באַפרייונג. פריער זיינען זיי געווען צוגעפרעסט אין דער אייגער יידנגאַס, וואָס פלעגט אַלע נאַכט און יעדן זונטאָג פאַרשפאַרט און פאַרשלאָסן ווערן מיט אַ ספּעציעלן טויער. אָבער אין סעפּטעמבער 1797 זענען די אָנהענגער פון דער נייער אָרדנונג מיט אַ פייערלעכער פּראָצעסיע אַריין אין דער יידנגאַס; מיט גרויס פאַראַד זענען זיי אַריינגעקומען אין דאָס געטאָ מיט אייזערנע סטאָליאַרעס, וועלכע האָבן גלייך גענומען מיט העק צוהאַקן דאָס שענדלאַכע געטאָטויער. די יידן, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט, זיינען געשטאַנען אָנגעטאָן אין יום-טובדיקע קליידער און האָבן מיט פרייד-אויסגעשרייען באַגלייט די קלעפּ פון די העק, וואָס האָבן איינגעבראָכן די אַלטע גלותווענט.

בשעת דאָס טויער איז איינגעפאַלן, איז די פּראָצעסיע אַריינגעקומען אין גאַס אַריין. מען איז געפאַלן איינער דעם צווייטן אויפן האַלז, מ'האָט זיך געקושט, די הענט געדריקט און מ'איז ווייטער געגאַנגען אין אַ פייערלאַכן מאַרש צום הויפּגאָרטן. דידאָזיקע סימבאָלישע טאַט האָט געדינט פאַר אַ סימן פון פולקומער באַפרייונג פון אַלע באַגרענצונגען, וואָס די באָנער יידן האָבן ביז דאַן געליטן. אין יאָר 1808 איז אויך אין די נידער-ריין-פּראָווינצן דורכגעפירט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער קולטור- און געמיינדע-אָרדנונג; אין קרעפעלד, באָן און טריער האָבן קאָנסיסטאָרעס און אויבער-ראַבינער אָנגעהויבן זייער טעטיגקייט.

אויך אין מאַינץ האָט דער אויפגעקלערטער קורפירסט פרידריך קאַרל יאָזעף פאָן ערטהאַל געמאַכט די יידן געוויסע הנחות און האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר זייערע שולן און קינדערדערציונג. אָבער די דאָרטיקע יידן האָבן זייער מורא געהאַט פאַר וועלטלאַכער בילדונג, און האָבן דעריבער נאָך אין יאָר 1787 נישט געוואָלט אָננעמען דעם קורפירסטס פאָרשלאָג—צו שיקן זייערע קינדער אין עפּענטלאַכע שולען. זיי האָבן אויך מיט גרויס אומצופרידנקייט געקוקט אויף דעם פראַנצויזישן בצחון און אויך דאָס איבערגיין פון די דייטשע פראָווינצן אין רשות פון פראַנקרייך. צי איז דאָס געווען די ליבע צו דייטשלאַנד, אָדער די מורא, אַז די שטרייַנגע אָרטאָדאָקסישע פרומקייט זאָל נישט ליידען דורך די פלוצלינגע פרייהייט און גלייכהייט,—איז שווער פעסטצושטעלן. אָבער מיט דער צייט האָט זיך דער נייער דור צוגעוויינט צו די נייע באַדינגונגען און איז גערן צוגעשטאַנען צו די פרייע רעפאָרמען, וואָס די פראַנצויזן האָבן איינגעפירט. מיט דער גרעסטער ענערגיע האָט דער נייער דור זיך באַטייליקט אין דער אינדוסטריעלער, גייסטיקער און מיליטערישער טעטיקקייט פון די פראַנצויזן, און מיר זעען טאַקע, אַז מאַינץ האָט אַממייסטן זיך געהאַלטן אָן דעם פראַנצויזישן גייסט ביז טיף אין דער צווייטער העלפט פון 19-טען יאָרהונדערט.

ערשט אין יאָר 1798 איז אין מעץ געפאַלן דער טויער פון געטאָ איינעם מיט אַלע אויסנאַמסגעזעצן פאַר יידן—דאָס הייסט, ערשט נאָכדעם, ווי מעץ איז איבערגעגאַנגען אין פראַנצויזישע הענט. דערהויפּט האָט מען געזאָרגט פאַר דער קינדערדערציונג און פאַר דער אַלגעמיינער בילדונג פון די מאַינצער יידן. פון דער אַנדער זייט ווידער האָט דער מאַינצער טריבונאַל געפּועלט ביים גרויס-זיגעל-היטער די דערלויבניש, אַז בעת מען גיט אַ יידן אַ שבועה אין געריכט, זאָל מען אים נויטן צו שווערן לויטן יידישן מנהג. דאָס אַלטע זויערטייג האָט נאָך דאָרט נישט אויפגעהערט צו יערן.

פון די מדינות, וואָס זענען דירעקט פאַרייניקט געוואָרן מיט פראַנקרייך, איז די יידישע גלייכבאַרעכטיגונג איבערגעגאַנגען אין יענע לענדער, וואו נאַפּאָלעאָנס קרובים זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר הערשער און זיינען אונטערטעניק געווען פראַנקרייך.

די גרעסטע און מעכטיקסטע פון אַלע מדינות איז געווען דאָס קעניגרייך ו ע ס ט פ אַ ל ע ן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין נאָוועמבער

1807. צו דעם קעניגרייך האָבן אָנגעהערט טיילען פון פרייסן, ברוינשוויג, קורהעסן און שפעטער אויך דער גרעסטער טייל פון האַנאָווער און אַנדערע קליינע מדינות. פאַר אַ הערשער אין וועסטפאַלען האָט נאַפּאָלעאָן באַשטימט זיין יינגסטן ברודער זשעראָם,—אַ לייכטזיניקער, גוטער און פריידיינקענדיקער יונגערמאַן.

דער צענטערפונקט אין דער קאָנסטיטוציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר דער נייער מלוכה, דערקלערט: „אַלע אונטערטאַנען דאַרפן גלייך זיין פאַרן געזעץ און מעגן פריי האַלטן זייער אמונה". אַלץ, וואָס איז אין דעם פונקט געזאָגט, איז פאַר יידן אויך גילטיק געווען. זשעראָם און זיינע מיניסטאָרן האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון נאַפּאָלעאָנס יידנפיינשאַפט, ווי ער האָט דאָס אין יענער צייט געהאַט אַרויסגעוויזן אין פראַנקרייך. אויפן דייטשען באָדען האָט יידן צוערשט אין וועסטפאַלען בעוואָרנט אַ דעקרעט, אין וועלכן עס איז אויסדריקלאַך געזאָגט געוואָרן: „די יידן זאָלן געניסן דיזעלבע רעכט און פרייהייטן, ווי אַלע איבעריקע אונטערטאַנען". פרעמדע יידן האָבן דאָ געהאַט די אייגענע רעכט און פרייהייטן, ווי אַנדערע פרעמדע. אַלע באַזונדערע אָבצאָלן, וואָס זענען ביז דאַן געלעגן אויף יידן, דאָס נויטיקן זיך אין אַ דערלויבניש פון דער אַדמיניסטראַציע, כדי וואו עס איז זיך צו באַזעצן און די באַגרענצונג אין דער וואַל פון אַ וואוינאָרט, וואָס איז ביז איצט חל געווען אויף יידן, זענען בטל געוואָרן. די יידן האָבן אויפגעאָטעמט, נאָכדעם ווי מ'האָט זיי באַפרייט פונם צוויטויזנטיעריגן דרוק. אין פיל לויבלידער ווערט באַזונגען, געלויבט און באַגריסט דער וואוילטעטיגער הערשער.

די יידן האָבן באַלד אויסגענוצט די גינסטיקע לאַגע און האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן. זייער אַן אָנגעזעענע ראָליע האָט דערביי אויך געשפילט ישראל יאַקאָבסאָן (1768—1828), וועלכער איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן.

זיינע עלטערן זיינען געווען רייכע און וואוילטעטיקע יידן, זייער זון האָבן זיי דערצויגן—ווי אַלע אין יענער צייט—אויף תלמוד און פוסקים. ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן חשק צו מענדעלסאָנס אויפקלערונג און די אידעאַלן, וואָס מענדעלסאָן האָט פאַרשפרייט, איז ער דאָס גאַנצע לעבן טריי געבליבן. זיינע קענטענישן און זיין ערלאַכקייט אין האַנדל, צו וועלכן ער איז זייער פעהיק געווען, האָבן געבראַכט דער-

צו, אַז דער הערצאָג קאַרל ווילהעלם פון בראונשווייג האָט אים געמאַכט
פאַר זיין פּערטרויטן קאָמעראַגענט; אויפן הערצאָג פון בראונשווייג
קוקנדיק, האָבן אים אויך אַנדערע פירשטן איבערגעגעבן צו פירן זייערע
פינאַנציעלע אָנגעלעגנהייטן. דעם גאַנצן איינפלוס, וואָס ער האָט באַ-
קומען אין דידאָזיקע הויכע קרייזן, האָט ער אויסגענוצט צו גונסטן
פון זיינע ברידער, וועלכע ער איז הייס, מיטן גאַנצן האַרצן איבער-
געגעבן געווען. אויב מען האָט אין אַ גאַנצער ריי דייטשע מדינות
מבטל געמאַכט דעם קאָפּ-שטייער, אויב מען האָט אין באַדען און אין
קורהעסן געגעבן די יידן וועלכע עס איז בירגעררעכט—האָט מען דאָס
אים געהאַט צו פאַרדאַנקען. ער האָט שוין אָבער דאַמאָלט פאַרשטאַנען
ווי ריכטיק דער זאַץ איז: „די אויסערלאַכע באַפרייונג וועט די יידן
נור דאַמאָלט נוצלאַך זיין, אויב זיי וועלן דורך אַלגעמיינער בילדונג
דערהויבן ווערן ביז צו יענער קולטור-מדרגה, אויף וועלכער זייערע
אַרומיגע שכנים שטייען”. צו דעם צוועק האָט יאַקאָבסאָן אין יאָר 1801
געגריינדט אין זעזען אַ בירגער-און האַנדווערק-שול פאַר יידישע קינדער.
באַלד נאָכדעם האָט מען קריסטלאַכע קינדער אויך אָנגעהויבן אָננעמ-
מען אין דער שול, און דאָס איז געווען דאָס ערשטע ביישפּיל פאַר
געגענזייטיקע סבלנות און התקרבות צווישן יידן און קריסטן. אויף יאַ-
קאָבסאָנס קוקנדיק, האָט אויך זיין שוואָגער יצחק הערץ סאַמסאָן אַזאַ
שול געגריינדט אין וואָלפענביטעל. דערהויפּט אינם פּרט פון אָננעמען
אין שול קריסטלאַכע קינדער, אַזאַ שול, וואו עס זאָלן אָנגענומען ווערן
יידישע קינדער צוזאַמען מיט קריסטלאַכע, איז זיך אוממעגלאַך פאָרצושטעלן
אָן דעם הומאַניש-פילאַנטראָפּישן פּרינציפּ, וואָס מיר זעען אים פאָרווירק-
לאַכט אין די צוויי דערמאָנטע שולן. אָבער דער הויפּט-מיין איז דערביי גע-
ווען—דעם יונגן יידישן דור צו דערציען ווי גוטע בירגער, וואָרום נור
מענטשן מיט אַזאַ דערציונג—האָט מען געמיינט—קאָנען און מעגן פאָדערן, זיי
זאָלן האָבן די אייגענע ווערדע און מען זאָל זיי אַזוי באַהאַנדלען ווי
די קריסטן. דידאָזיקע מענטשן האָבן פאַרלאַנגט, אַז די יידן זאָלן
באַווייזן, אַז זיי זענען ווירדיג צו באַקומען אַלע בירגער-רעכט דורכ-
דעם, וואָס זיי וועלן נעמען אויף זיך אַלע פליכטן, וואָס די ניט-יידי-
שע בירגער טראָגן, און אויסראָטן אַלץ, וואָס שטערט די יידן צו טון
און ווירקן אײנײגעם מיט אַנדערש־גלױביקע. דער פּטר ז״ל אין די שולן

געלערנט ווערן די שפּראַך פון לאַנד און זייגע זיטן,—כּדי איינצו־פלאַנצן די יידן ליבע צום פאָטערלאַנד און זיי דערציען צו נוצלאַכע באַשעפטיקונגען פונםווירקליכן לעבן, וואָס האָט זייער געשאַדט דעם אויסערן אַנזען פונם יידנטום.

אין זעזען האָט יאַקאָבסאָן אַ יידישן טעמפּל (שול) אויסגעבויט, און האָט דאָרט צום ערשטן מאָל געדרשנט אין דער דייטשער שפּראַך. ער האָט דאָרט אויך איינגעפירט דייטשן געזאַנג, מיט דער באַגלייטונג פון אַן אָרגאַן—בייסן, וואָס זיינען דעמאָלט די קריסטן געפעלן געוואָרן פיל מער איידער די יידן. אין יאָר 1807 האָט די ברוינשווייגישע אוניווערזיטעט אין העלמשטעדט געשיינקט יאַקאָבסאָנען דעם טיטול ערן־דאָקטאָר פאַר זיין זייער גרויסע וואוילטעטיקקייט־אַרבעט. אַן ערך פון דרייסיקטויזנט טאָלער הכנסה האָט ער געהאַט אַ יאָר, האָט ער פאַר־לעבט פירטויזנט און 26 טויזנט פלעגט ער פאַרנוצן צו וואוילטעטיקע צוועקן. געלערטע פלעגן גיין פאַרברייגען מיט דעם מאַן, וואָס איז געווען אַ גרויסער קענער און זייער וויציק אין אַ געזעלשאַפטס־אונטער־האַלטונג. דער פריידיינקנדיקער און שטענדיק גוטבאַדערפטיקער, נייער קעניג זשעראָם, פלעגט אים אויך זייער פריינטלאַך אויפנעמען און האָט אים געמאַכט פאַר אַ וועסטפאַלישן פינאַנץ־ראַט. איינגיכן יוערט ער, יאַקאָבסאָן, דער פאַרמיטלער צווישן דעם יונגן וועסטפאַלישן מאָנאַרך און זיינע נייגבנטויזנט יידן. לויט זיין אויפטו האָט מען צונויפגע־רופן אַ קאָמיסיע פון יידישע פאָרשטייער, פון אַלע פאַרשידענע דעפּאַר־טאַמענטס, כּדי צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן אַ יידישער אָרגאַניזאַציע. דער פאָרזיצער און דער פירער פון דער קאָמיסיע איז געווען יאַ־קאָבסאָן און ער איז אויך געווען דער שטענדיקער דאָלמעטשער ביי אונטערהאַנדלונגען צווישן דער קאָמיסיע און צווישן דעם קעניג און אַנדערע הויכע באַאַמטע.

די וועסטפאַלישע יידן האָט מען אָפט באַשולדיקט דערין, אַז זיי האָבן נישט ליב געהאַט דייטשלאַנד, דערפאַר האָבן זיי זיך אַזוי געשאַרט אַרום דעם נייעם פראַנצויזישן קעניג. דאָס איז אָבער אַן אומ־זיסטע באַשולדיקונג. נור ווייניקע דייטשן אַפילו האָבן זיך דאַן אויס־געצייכנט מיט אַ נאַציאָנאַלן געפיל; ווילאַנד און געטע, למשל, די גרויסע דייטשע גייסטער האָבן זיך דערמיט נישט אויסגעצייכנט. ערשט דורך באַפאָלעאָנס דרוק איז דאָסדאָזיקע געפיל אין פאָלק דער־

וועקט געוואָרן, האָבן דען נישט אַלע דייטשע הערשער קאָנקורירט
צווישן זיך—וועלנדיק פאַר זיך נור געווינען די וואוילגעוויגטקייט פון נאַפּאָ-
לעאָנען און זיינע מיניסטאָרן? צי האָבן זיך דען די גרעסטע דייטשע מיוחסים
און אַריסטאָקראַטן, פריערדיקע פּרייסישע און העסישע בעאַמטע, נישט
באַמיט צו בלייבן אויף זייערע פאַרוואַלטונגסשטעלעס ביים נייעם פראַנ-
צויזישן קעניג? צי האָבן זיי דען נישט אָנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי
זייערע טעכטער דעם קעניג פאַר קעפּסווייבער צו פאַרשאַפן? און
זיי האָבן דאָך געוויס געהאַט ווייניקער סבות זיך אונטערצוואַרפן דעם
נייעם הערשער ווי די יידן, וועלכע ער האָט פון שקלאַפן פאַר פולגאַ-
רעכטיקטע, פרייע בירגער געמאַכט

**דער וועסט־פאַלישער דעקרעט.**

וועסטפאַלען איז דעמאָלט געווען דאָס לאַנד, וואו מען
האָט די יידן באַהאַנדלט גערעכטיקער ווי אומעטום און
גינסטיקער ווי אומעטום. לויט דעם פאָרשלאַג פון דער
יידישער קאָמיסיע, איז דעם 31-טען מערץ 1808 דער-
שינען אַ קעניגליכער דעקרעט, וועלכער האָט פאַראָרדנט צו שאַפן אַ
יידישע קאָנסיסטאָריע, איבער-און אונטער-ראַבינער, געמיינדעס און פאַר-
שטייער פאַר די וועסטפאַלישע יידן און האָט זיי געגעבן אַ געוויסע
מאַכט ווי מלוכה-בעאַמטע. אַלע הוצאות, וואָס זענען פאַרבונדן געווען
מיט דער נייער אָרדנונג, האָבן די יידן אַליין געדאַרפט טראָגן, אָבער
בכלל איז די יידישע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע אָנדערקענט געווען גלייך
ווי אַלע אַנדערע קריסטלאַכע אמונות. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז
יאַקאָבסאָן איז געווען דער פּרעזידענט פון דער קאָנסיסטאָריע. כדי דאָס
אַנזען פון דער אָרגאַניזאַציע צו פאַרגרעסערן, האָט ער פייערלאַך גע-
שוואָרן טרייקייט דעם קעניג פאַרן קולטוס-מיניסטער אין די אויגען, מיי
זיינע חברים האָט ער אויך אַזאַ שבועה גענומען און האָט זיך איינ-
געשאַפט אַן אַמטליכן קאָסטיום: „אַ שוואַרצן מאַנטל מיט זילבער געשטיקט
און די עשרת הדברות אויף דעם האַלז אָנגעהאָנגען".

דאָס זענען אַלץ געווען אַזוינע קלייניקייטן, וואָס האָבן אין עצם
דאָך קיינעם נישט געשאַדט. ער האָט אָבער דערמיט געוואָלט אויס-
פירערן די פאַרנאַכלעסיקטע אויסערע פאָרמען פונם יידישן גאָטס-
דינסט און זיי ענלאַך מאַכען צו יענע פאָרמען, וואָס זענען ביי קריסטן
אָנגענומען. אונטער זיין פירונג האָט די קאָנסיסטאָריע זייער פיל אויס-

געטאָן בנוגע צום רעליגיעזן און סאָציאַלן פאַרשריט פון דעם וועסטפאַלישן יידנטום. דאָס דאַוונען, בר-מצוהס און חתונות זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן מיט פּאָמפּע און טיילווייז האָט מען דערביי אָנגעווענדט די דייטשע שפּראַך. שולן פאַר קינדער זענען געגרינדעט געוואָרן, אַ לערער-און ראַבינער-סעמינאַריע האָט מען געעפנט. קורץ מיט אַ זעלטענער גיכקייט זיינען פיל נוצלעכע און וואוילטעטיקע איינריכטונגען געשאַפן געוואָרן.

אָבער די גייאיקקייטן, וואָס די קאָנסיסטאָריע מיט יאַקאָבסאָנען בראש האָבן איינגעפירט, און די אָפּצאָלונגען, וואָס מען האָט אַרויפגעלעגט אויף די וועסטפאַלישע יידן, כדי אויסצוהאַלטן די אָרטיקע און צענטראַל-רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, האָט ביי פיל יידן אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט.

און די אומצופרידנקייט פון די אָרטאָדאָקסישע יידן איז דאָך גערעכט געווען. די האַסטיקע און מוטוויליקע רעפאָרמען האָבן באַליידיקט דאָס רעליגיעזע געפיל פון די פרומע. די קאַסעלער קאָנסיסטאָריע, למשל, האָט אָנגעווענדט פּאָליציימאַכט געגן יענע אָרטאָדאָקסישע געמיינדעס, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָננעמען די נייע רעפאָרמען. אַפילו דאָס דאַוונען אין אַ פּריוואַט-מנין, נישט לויט דער פאַראָרדנונג פון קאָנסיסטאָריע, האָט געקאָסט טויזנט פראַנק שטראָף. נור אויב דאָס נייטן מיט געוואַלט אָננעמען די רעפאָרמען אין רעליגיע זאַכן, איז געווען אַ מיאוסע עובדא, איז דאָך דאָס בעקלאָגן זיך אויף די אָפּצאָלונגען אומגערעכט, האָט מען דאָך די וועסטפאַלישע יידן—גראָד טאַקע צוליב יאַקאָבסאָנס באַמיונגען—באַפרייט פון פיל פאַרשידענע אָפּצאָלונגען! ס'מאַכט אָבער נישט אויס. דאָס, וואָס מען האָט זיי באַפרייט פון אָפּצאָלונגען, האָבן זיי אָנגענומען ווי אַ נאַטירלעכע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. אָבער מיטן צאָלן די געמיינדעשטייערן זיינען זיי געווען אומצופרידן.

זעקס יאָר האָט די וועסטפאַלישע מלוכה עקזיסטירט און די גאַנצע צייט איז די רעגירונג גלייך גוט געווען צו יידן. פרעמדע אָרענטלעכע יידישע איינוואַנדערער האָט זי אָן שוועריקייטן געגעבן בירגעררעכט; זי האָט באַפרייט די יידן פון די אָפּצאָלונגען, וואָס זיי האָבן ביז דעמאָלט געהאַט צו צאָלן די קריסטלעכע גייסטלעכע; שבת און יום-טוב זענען יידן מער נישט מחויב געווען צו קומען אין געריכט.

מען זעט, אַז דעמאָלט האָט מען אין וועסטפאַלען בעהאַנדלט די יידען
פיל הארציקער ווי איצט אין דייטשלאַנד. די יידישע שבועה אין געריכט
איז געווען אַ יידישע, אָבער אָן אַלע צערעמאָניעס ווי שוואַרצע ליכט
א. ד. ג. רעגירונגסשטעלעס האָבן יידן באַקומען גלייך, ווי קריסטן,
יידן זענען פון יידן אויסגעקליבן געוואָרן אין די שטעדטישע מוניציפּאַל-
טונגען. יידן האָבן באַקומען אויסצייכנונגען, ווי אין דער געטינגענער
„אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן", אַזוי אויך אין דער מאַרבורגער אוניווער-
זיטעט. אַפילו די קריסטלאַכע באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן צו
קוקן אויף דער יידישער באַפרייונג, ווי אויף אַ נאַטירלאַכע, זעלבסט-
פאַרשטענדלאַכע זאַך.

איבער די יידן גופא זיינען אויך אַנדערש געוואָרן. אויב פריער
איז אין דער אויסערלאַכער זייט פונם יידישן לעבן קיין שום אָרדנונג
נישט געווען, איז איצט אומעטום געווען צו באַמערקן אָרדנונג, אַ גע-
רעגלט געמיינדעלעבן און אינטערעס צו מלוכהלעבן. זיי האָבן געמוזט
אָננעמען דייטשע פאַמיליענעמען און זייערע ביכער פירן אויף דייטש.
ווי ערגמענטשן האָט מען זיי באַהאַנדלט, און זיי האָבן זיך באַמיט,
מער ווי שטענדיק, זיך צו האַלטן אָן שטרייגער אָרענטלאַכקייט. מיט
מוט און פלייס זיינען יידן געגאַנגען אין מיליטערדינסט: און אויב
פיל פון זיי זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה פאַר דער פרעמדער,
פראַנצויזישער הערשאַפט—האָבן זיי דאָך געדינט ווי אַ ביישפּיל פאַר
די איבערגעבליבענע, ווי אַזוי מיט וואָפן זיך צו באַנוצן און האָבן
זיך אויפגעהערט שרעקן פאַר קערפערלאַכער אַרבייט און בכלל איז
פאַרשוואונדן די אָבנייגונג פאַר אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו
מלחמה—וואָס די לאַנגאַניקע קנעכטשאַפט און אויסגעשלאָסנקייט האָט
אין זיי איינגעפלאַנצט. אַ קאַפּיטאַן פון דער קעניגלאַכער לייב-גוואַרדיע,
וואָלף, און אַ קוואַרטירמייסטער פון דער יעגער-גוואַרדיע זיינען גע-
ווען יידן. יידישע דאָקטוירים פלעגן באַשטימט ווערן אַלס מיליטער-
דאָקטוירים און באַכדעם, אַז ס'איז געקומען צום גרויסן באַפרייונגס-
קריג, האָבן יידישע יונגעלייט מיט באַגייסטערונג געשטריטן פאַר
דייטשלאַנדס באַפרייונג. פון קאַסעל אַליין זיינען צוועלף יונגעלייט
צוגעשטאַנען צו דער פרייסישער אַרמיי און אינאיינעם מיט איר אַלע
קריגסגעפאַרן דורכגעמאַכט.

אין יאָר 1810 איז דער גרעסטער טייל פון האַנאָווער באַרייניגט

געוואָרן מיטן וועסטפאַלישן קעניגרייך.

אין פיל ערטער, וואו יידן האָבן ביז דעמאָלט נישט געטאָרט וואוינען, האָבן זיך איצט יידן באַזעצט: אין דער שטאָט מאַגדעבורג, שמשל, און אָסנאַברוק. אין יאָר 1796 האָבן זיך אין געטינגען נור 3 יידן געפונען, וואָס האָבן געהאַט אַ ספּעציעל רעכט דאָרט צו וואוינען. אַז די באַגרענצונגען זענען בטל געוואָרן, האָט זיך אומעטום די צאָל יידן שטאַרק פאַרגרעסערט, און האָט געהאַלטן אין שטענדיקן וואַקסן.

אין יאָר 1808 האָט נאַפּאָלעאָן געשאַפן דאָס גרויסהערצאָגטום בערג, אויפן רעכטן ברעג פון'ם נידער-ריין, דאָסדאָזיקע גרויסהערצאָגטום איז באַשטאַנען פון עטלאַכע טיילן: אַ טייל האָט ער אָפּגעריסן פון וועסטפאַלן, אַ טייל פון העסן-נאַסאַו, פון אָסט-פריסלאַנד א. ד. ג. תהלת האָט ער דאָרט באַשטימט פאַר אַ קעניג זיין שוואָגער מוראַ, שפּעטער, אַז דער שוואָגער איז געוואָרן קעניג אין נעאַפּאָל, איז אין הערצאָגטום בערג באַשטימט געוואָרן פאַר אַ קעניג נאַפּאָלעאָנס פּלימעניק, נאַפּאָלעאָן-לואי, וועלכער איז נאָך דעמאָלט נישט-מינדיק געווען. אַלס רעגענט איז באַשטימט געוואָרן דער וועסטפאַלער פינאַנצמיניסטער בענאָ. זייענדיק אין וועסטפאַלן, האָט זיך בענאָ דערוואָרבן די ליבע און אַכטונג פון די דאָרטיקע יידן. זייענדיק איצט דער פערוואַלטער פונם נייעם הערצאָגטום, האָט ער באַלד אָפּגעשאַפט אַלע באַגרענצונגען און אויסנאַמסגעזעצן, וואָס זיינען דאָ גילטיק געווען פאַר יידן. יידן האָבן אויך דאָ בירגערלאַכע גלייכבערעכטיגונג באַקומען. די פרומע, אָרטאָדאָקסישע יידן האָבן אויך דאָ מורא געהאַט, אַז די פרייהייט זאָל נישט ווירקן שלעכט אויפן יידנטום, און האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו שטערן די באַפרייונג. זיי האָבן אָבער מיט זייערע באַמיונגען נישט אויסגענומען ביי דער נייער רעגירונג. אַלע ספּעציעלע אָפּצאָלונגען, וואָס זיינען געלעגן אויף יידן, האָט די נייע רעגירונג אָפּגעשאַפט. נאַפּאָלעאָנס דעקרעט געגן יידן פונם 17-טען מערץ 1808 האָט דאָ פונקט אַזוי וויניק געווירקט, ווי אין וועסטפאַלן. דעם ערשטן יאַנואַר 1810 איז דאָ איינגעפירט געוואָרן דאָס ציוויל-געזעץ-בוך, און דערמיט איז די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג געזעצלאַך אָנדערקענט געוואָרן.

נאָך אַ גרויסהערצאָגטום האָט נאַפּאָלעאָן געשאַפן: דאָס גרויסהערצאָגטום פראַנקפורט. אָבער דאָ איז די יידן פיל ערגער צוגעגאַנגען, ווי אין די אַנדערע דייטשע מדינות, וועלכע זיינען

אויבערגעגאַנגען אין באַפעלעכנס רשות—ווייל דאָ האָט נאַפּאָלעאָן באַ-
שטימט אַ דייטשן פירשט פאַר אַ הערשער, דאָס איז געווען דער אַמאָ-
ליקער מאַינצער קורפירשט, קאַרל טעאָדאָר פאָן דאַלבערג. ער איז
אַפילו געווען נישט קיין שלעכטער, זייער אַ ליבנסווירדיקער און געביל-
דעטער מענטש, אָבער שוואַך, אָן פעסטע פּרינציפּן און אָן יעדן פּאָלי-
טישן קוק. אין סך-הכל ערטער, פון וועלכע דאָס נייע גרויסהערצאָגטום
איז צונויפגעשטעלט געוואָרן, האָבן די יידן—אויסגענומען אָן ערך פון
זעקסטויזנט — געלעבט לחלוטין אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער באַ-
פעלקערונג מיט אַן אייגענער פאַרוואַלטונג. באַזונדערע אָפּצאָלונגען
זיינען אויף זיי חל געווען און זייער וואוינרעכט איז פונקט אַזוי באַ-
גרענעצט געווען, ווי זייערע באַשעפטיקונגען; קיין ערד האָבן זיי נישט
געטאָרט קויפן. נאָר אין יענע טעריטאָריעס, וואָס האָבן אַמאָל געהערט
אָנגעהערט דעם מאַינצישן קורפירשטענטום, זיינען יידן געווען אַ ביסל
פרייער. ערגער ווי אַנדערשוואו—נאָך ערגער, ווי צו קאַטאָליקן—האָט
מען זיך צו יידן פאַרהאַלטן אין דער הויפּטשטאָט—פראַנקפורט.
מער ווי 500 יידישע פאַמיליעס האָבן זיך דאָ נישט געטאָרט געפינען
און מער ווי צוועלף פאַר אַ יאָר האָבן נישט געטאָרט חתונה האָבן.
געוואוינט האָבן זיי אין דער אייגער יידנגאַס—דאָס „נייע מצרים",
אָדער „נייע געפענג" האָבן דאָס יידן גערופן—אין דער גרעסטער ענג-
שאַפט, אַרויסגייענדיק פון דער גאַס, האָבן זיי געמוזט אָנטון אַ געוויסן
מין קליידער, נישט ווי אַלע אַנדערע, כדי מען זאָל קאָנען דערקענען,
אַז דאָס זיינען יידן. די עפענטלאַכע שפּאַציר-פּלעצער, רעסטאָראַנען
און קאַפעס זענען פאַר יידן פאַרשלאָסן געווען. דער ערגסטער גאַסן-
יונג האָט געקאָנט מאַכן אַ יידן ללעג ולקלס און דערפאַר איז קיין
שטראָף נישט געקומען. נאָך אין יאָר 1616 איז יידן פאַרבאָטן געוואָרן
זיך צו פאַרנעמען מיט פיל פאַרשידענע באַשעפטיקונגען, און אין דעם
צושטאַנד האָבן זיי זיך ערשט איצט געפונען. די אַלע יידישע באַגרענ-
צונגען, וועלכע זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דייטשער
קליינקרעמערײ אין 17-טען און 18-טען יאָרהונדערט, האָבן אָבער איצט
לחלוטין קיין זין נישט געהאַט, נאָכדעם ווי צווישן די פראַנקפור-
טער יידן—אונטער מענדעלסאָנס השפּעה—איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע
ריי אויפגעקלערטע און אָנגעזעענע יידישע פאַמיליעס. נאָכמער, די
אויפגעקלערטע יידן האָבן זיך שטאַרק בעטייליקט אין דער דייטשער

בילדונג און קולטור פון יענער צייט. די אויסגעצייכנטע שול פאַר יי־
דישע קינדער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1804 האָט געוויזן,
אַז יידן האָבן גרויס אינטערעס צו אַלגעמיינע אָנגעלעגנהייטן אויך.

דאַלבערג אַליין איז געניגט געווען צו געבן יידן גלייכבאַ־
רעכטיקונג. די עפנטלאַכע שפּאַצירפּלעצער און קאַפעס האָט ער זיי
געעפנט. זיין וואונש, צו געבן יידן וועלכע עס איז ממשותדיקע רעכט,
האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן דער האַרטקייט פון דער פראַנקפורטער באַ־
פעלקערונג, וואָס איז געווען געגן דעם. סוחרים און בעלי-מלאכות, באַ־
אַמטע און סתם פרומע לייט האָבן מורא געהאַט צוצולאָזן פרייהייט
פאַר יידן—ווייל די יידן וואָלטען אָנגעהויבן מיט זיי קאָנקורירן אין
געשעפט און מלאכה. דעם 30-טען נאָוועמבער 1807 האָט מען אַרויס־
געגעבן „נייע שוץ-אָרדנונגען פאַר די יידן אין פראַנקפורט-אַם-מאַין״,
וועלכע זיינען אין עצם געווען פונקט די אייגענע, ווי די פאַרצייטיקע
אָרדנונגען, נאָר אין עטלאַכע קלייניקייטן לייכטער. אויף די יידן האָט
מען אויך איצט נישט געקוקט, ווי אויף בירגער, נור ווי אויף פרעמדע;
זיי האָבן אויך איצט געמוזט וואוינען אין איין באַשטימטן שטאָט־
וואַצירק, מ׳האָט אים איצט נאָר אַ ביסל פאַרברייטערט און ס׳איז זיי
ערלויבט געווען דאָרט צו קויפן ערדשטיקער צום פאַרבויען. אַ גרויסע
צאָל באַשעפטיקונגען זענען זיי אויך איצט געבליבן פאַרבאָטן, און 22
טויזנט גולדן געלט האָבן די יידן געהאַט יערלאַך צו צאָלן. איצט, ווי
פריער, האָט די פראַנקפורטער יידישע באַפעלקערונג געדאַרפט באַשטיין
נישט מער ווי פון 500 פאַמיליעס און חתונה איז דערלויבט געווען נאָר
דאַן, ווען אַ יידישער פאַמיליען-פאָטער איז געשטאָרבן. דערפאַר האָט
מען געזוכט צו דערציען יידן צו מלאכה און זיי געבן דייטשע שול־
בילדונג.

**די לאַגע אין פראַנקפורט.**

די פראַנקפורטער יידן, זעענדיק די באַפרייונג פון זייע־
רע ברידער אין די אַרומיקע מלוכות: וועסטפאַלן,
בערג און פראַנקרייך, האָבן די נייע אָרדנונגען
שטאַרק געקריינקט און זייער אומצופרידנקייט האָבן זיי שטאַרק און
הויך אַרויסגעזאָגט. דערהויפּט האָבן זיי זיך געפילט באַליידיקט דערפון,
וואָס מ׳האָט זיי אין די נייע פאַראָרדנונגען אָפּגעשטעמפּעלט פאַר אַ
פרעמדער נאַציע, וואָס איז פון מזרח צוהער געקומען—פונקט ווי

עס טוען אַלע אַנטיסעמיטן ביז אויפן הייגטיקן טאָג, 360 פאַמיליענפאָרשטייער האָבן געחתמעט אַ פּעטיציע, אין וועלכער זיי האָבן פּראָטעסטירט געגן די נייע אָרדנונגען און האָבן מוטיק געקעמפט פאַר זייער ערע און פאַר זייער פרייהייט. לויט די נייע פאַראָרדנונגען האָט די אַדמיניסטראַציע עטלעכע יידן באַשטימט אַלס פאָרשטייער פון דער געמיינדע, נור די יידן האָבן זיך דערפון אָפּגעזאָגט.

דערהויפּט האָט זיך שטאַרק משתדל געווען פאַר די פראַנקפורטער יידן דער אויבנדערמאָנטער ישראל יאַקאָבסאָן, דער בּרוינשווייגישער פינאַנצראַט. ער האָט זיך געווענדט מיט אַן אונטערטעניקסטן פאָרשלאָג צום פירשט, וואו ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם ביישפּיל פון אַנדערע פירשטן פון יענער צייט, דערהויפּט אויף נאַפּאָלעאָנען, דער „העלד פון דעם יאָרהונדערט". יידישע געגנער האָבן אָבער באַלד אַרויסגעלאָזט אַ געגנשריפט געגן דער השתדלות. די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע שריפט האָט געמאַכט גרויס אויפזען און איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם גרויסן דייטשן פּאָעט געטע, וועלכן די פראַנקפורטער יוגנטערינערונגען האָבן געמאַכט פאַר אַ געגנער פון יידן. דעם דריטן אַפּריל 1808 האָט ער געשריבן צו זיינער אַ בעקאַנטע: „האָרן בּרוינשווייגישן יידישן משיח פּאַסט עס גאַנץ גוט, זיין פאָלק צו זען, ווי עס האָט געדאַרפט זיין און ווי עס וועט ווערן. דעם פירשט איז, אָבער, אויך נישט צו פאַרדענקען, ווען ער באַהאַנדלט דאָס פאָלק אַזוי ווי עס איז און ווי עס וועט נאָך בלייבן אַ געוויסע צייט". און דעם 20-טען אַפּריל שרייבט ער ווידער: „עס איז מיר בעוועגן זייער אָנגענעם צו זען, אַז מ'האָט דעם „פינאַנצגעהיימנאָטירלאַכן יאַקאָבינישן אויזשעליאָן" אַזוי שיין געוויזן דעם וועג אַהיים".

צום גליק איז אָבער דער פירשט נישט געווען אַזאַ שונא ישראל, ווי געטע האָט זיך אים פאָרגעשטעלט.

ביי דער פולקומער באַגרינדונג פון דעם גרויסהערצאָגטום פראַנקפורט—אין יאָר 1810—איז ווידער געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן יידישער גלייכבערעכטיקונג. אייגנטלעך איז שוין די פראַגע באַשלאָסן געוואָרן נאָך דורך דעם אַלגעמיינעם קאָנסטיטוציאָנעל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 16-טען אויגוסט 1810, אין וועלכן עס איז געגעבן געוואָרן גלייכע רעכט אַלע איינוואוינער פון דער נייער מלוכה. דאָס איז אָבער דערווייל געבליבן פאַר די יידן גאָר אויפן פּאַפּיר,

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער מיניסטער עקערשטיין האָט געהייסן אויף די יידן אַרייננעמען אין כּלל. דאַלבערג האָט פאַרלאַנגט פאַר אַזאַ גלייכבאַרעכטיקונג, אַז יידן זאָלן אַריינטראָגן אין דער רע-גירונגסקאַסע צוואַנציק מאָל אַזויפיל, וויפיל זייער שוצגעלד באַטרעפט אַ יאָר און דערמיט אויסלייזן זיך אויף אייביק פון דעם ספּעציעל יידישן שטייער. אויף פראַנקפורטער יידן אַליין איז אויסגעקומען אַריינצוטראָגן 440,000 גולדן. די יידן אין פאַרשידענע ערטער פון דעם גרויסהערצאָג-טום האָבן אָנגעהויבן די פאָדערונג נאָכצוגעבן, און ווי נאָר אַ קהלה האָט איינגעצאָלט דעם צוואַנציק-פאַכן שטייער, האָט זי גלייך באַקומען אַלע בירגערעכט. די פראַנקפורטער יידן האָבן סוף כל סוף אויך זייער געלט איינגעצאָלט און דעם 28-טען דעצעמבער 1811 האָבן זיי באַקומען זייערע בירגערלאַכע זכיות. דער גרויסהערצאָג האָט זיי גלייך פּראַקטיש באַ-שטעטיקט. די פראַנקפורטער איידעללייט האָבן געמוזט דערלעבן אַזאַ אומגעריכטע לאַגע, אַז אַ ייד זאָל זיצן מיט זיי צוזאַמען אין דער וואַל-קאָלעגיע פון דעם דעפּאַרטאַמענט, וואו אַן אַנדערער ייד טראָגט אויף זיך די ווייס-רויטע שאַרף פון אַ שטאָטראַט און דעסגלייכן.

ווי באַוואוסט, האָט לודוויג בערנע,—וועלכער האָט פאַרפאַסט אַ גייסטרייכן, נאָר דעמאָלט נישט פאַרעפנטלאַכן שריפט געגן די „תקנות" פון 1807—פאַרנומען דעמאָלט די שטעל פון אַן אַקטואַר (אַקטן-אויפזעער) אין דער דירעקציע פון דער פראַנקפורטער אָבערפאָליציי. מיט ענער-גיע און פלייס האָבן זיך די יידן אויך גענומען צו די האַנדלס-און אַרבעטס-צווייגען, וועלכע זיינען זיי ביז איצט געווען פאַרבאָטן—צום גרויסן שרעק פון די קליינהענדלער און בעלי-מלאכות. דער פירשט האָט זייער גנעדיק באַהאַנדלט די יידישע שול-„פילאַנטראָפּן", וועלכע ער האָט רייך געשטיצט מיט געלט און געשטעלט אויף אַ גלייכער מדרגה מיט די קריסטלאַכע שולן. אַ דאַנק זיין גוטן פאַרהאַלטן זיך צו יידן, איז באַלד געשטיגן די צאָל פון די יידישע שילער פון 20 אויף 229; און אין יאָר 1810 האָבן יידן געגרינדעט אַ מיידלשול אויך. די יידי-שע לערער פון דיזאָזיקע שולן זענען געוואָרן הייסע קעמפער פאַר דער אַלגעמיינער בילדונג און רעליגיע-רעפאָרמען, און זייערע תלמידים האָבן באַלד געבילדעט אַ גרויסע מחנה פון „אויפגעקלערטע" אין דער פראַנקפורטער יידישער געמיינדע.

דאָס זיינען געווען די ווירקונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלו-

### די לאַגע אין ווירטעמבערג.

אין דעם שכנותדיקן ווירטעמבערג האָבן יידן געהאַט פיל צו ליידן פון דעם טיראַנישן הערצאָג פרידריך, וועלכער איז פון יאָר 1803 אָן געווען קורפירשט און פון יאָר 1806 אָן—קעניג. אין דעם אַלטן הערצאָגטום האָבן איבערהויפּט יידן נישט געטאָרט וואוינען, אויסער אין שטוטגאַרט, וואו מען האָט עטלאַכע יידישע פאַמיליעס געמעלדעט. אין די לאַנדטיילן, וואָס זענען ערשט פריש איינגענומען געוואָרן, האָט געלעבט אַ קליינע צאָל יידישע פאַמיליעס נאָך פון די אַמאָליקע „שוץ-יידן", דאָס הייסט, פון יענע, וואָס זיינען געשטאַנען אונטערן ספּעציעלן שוץ פון דעם קעניג אָדער לאַנדהערשער. דעראָזיקער יידישער קבוץ האָט געהאַט אין פריידנטאַל אַ רב, אַ שול, אַ הקדש און אַ בית-הקברות. פרעמדע, דורכפאָרנדיקע יידן האָבן ביי דער ראָגאַטקע געמוזט באַצאָלן דעם לייבשטייער און די בירגער איז שטרייננג פאַרבאָטן געוואָרן יעדער משא ומתן, יעדעס געשעפט און באַרירונג מיט זיי, אַזוי ווי מיט פאַרברעכער אָדער אָנשטעקנדיקע קראַנקע. נאָר ווייניקע יידן איז צוגעגעבן געוואָרן, אונטער'ן נאָמען „הויף-שוץ-ייד" אָדער „הויף-פאַקטאָר", אַ באַזונדער דערלויבניש צו גרינדן אַ האַנדלסהויז. נאָך אין רעכטן מיטן פון דעם גרויסן נצחון פון די בייע אידייען אין יאָר 1797 האָבן זיך בעקלאָגט די ווירטעמבערגישע בירגער אויף דער רעגירונג, פאַרוואָס זי האָט אַריינגעלאָזט אַ יידישע פאַמיליע קיין שטוטגאַרט. נאָכדעם ווי ווירטעמבערג איז אַריינגעטרעטן אין דעם ריינבונד, וואָס איז געשטאַנען אין נאַפּאָלעאָנס רשות, איז פאָרגעקומען אַ קליינע בעסערונג אין דער לאַגע פון די שוואַבישע יידן. דערביי, וואָס דער קעניג פרידריך האָט זיי דערלויבט צו קויפן ערד אויף צו בויען הייזער אָדער צו בעאַרבייטן און זיך צו באַשעפטיקן מיט די צעכאָווע מלאכות און אַרבעטסצווייגן. ווי קליין אַזאַ הנחה איז געווען, איז זי דאָך געווען אַ טובה פאַר יידן, און איז אויך געשען נור דורך דעם פראַנצויזישן איינפלוס.

### די לאַגע אין באַדען.

בעסער, פיינער און פריינדליכער האָט זיך אַרויסגעוויזן דער אויפגעקלערטער גרויסהערצאָג קאַרל פרידריך פון באַדען. דער טאָלעראַנטער פירשט האָט ליב געהאַט

בײַ פֿײַערלעכע געלעגנהייטן, פֿערזענלאַך צו זײַן בײַ די גאָט-דינסטן
פֿון אַלע רעליגיעס און אויך אין דער יידישער שול. און אין דעם
ערשטן פּונקט פֿון די נײַע קאָנסטיטוציע-בעפֿעלן פֿון יאָר 1807 האָט
ער אויסגעדריקט דעם פּרינציפּ: „אַז יעדער מענטש, וואָסער גלויבן
ער זאָל נישט האָבן, קען געניסן בירגעררעכט". די נאָנטקייט צו פֿראַנק-
רייך און די האַנדלספֿאַרבינדונג מיט יענעם לאַנד האָט אַרויסגערופֿן אין
בעדען אַ גערעכט און ערלאַך פֿאַרהאַלטן זיך צו די יידן. די קאָנסטיטוציע
פֿון דער מדינה, וועלכע איז דורך נאַפּאָלעאָנען שטאַרק פֿאַרגרעסערט
געוואָרן, האָט דעם 4-טען יוני 1808 דערקלערט די יידן פֿאַר „פֿרײַע
בירגער", וועלכע זאָלן האָבן אַלע בירגעררעכט בנוגע צו וואוינען או-
מעטום און אַנדערע זכיות—קוים וועט זיך נאָר אַרויסווײַזן, אַז „זיי האָבן
אַזוינע פּרנסות, ווי קריסטן", דאָס הייסט, אַנדערע באַשעפֿטיקונגען, ווי
הלוואות און פֿי-האַנדל. באַלד נאָכדעם—אין יאַנואַר און פֿעברואַר 1809
—האָט קאַרל פֿרידריך געהייסן דעם גראַף ווענצעל פֿון שטערנוי, דער
שטענדיקער יידישער מליץ יושר, אויסצואַרבעטן פֿאַר די יידן כּללים
פֿון אַן אייגענער הנהגה. ער האָט געגעבן פֿולקומע גלײַכבאַרעכטיקונג
די יידן, וואָס האָבן זיך באַשעפֿטיגט מיט קונסט, וויסנשאַפֿט און האַנדל.
ער האָט, אָבער, דערפֿון אויסגעשלאָסן די מלוים, פֿי-מעקלער, הויזירעס
און קליינע הענדלער; די אַלע האָבן געמעגט וואוינען נאָר אין די
שטעדט, אי דאָס דורך אַ בעזונדער דערלויבניש פֿון דער אָרטיקער באַ-
פֿעלקערונג און מיט אַ ספּעציעלער הסכּמה פֿון דעם הערשער,—אַן אויס-
נאַם, מיט וועלכער מען איז אויסן געווען די יידישע טובה אין דעם
זין פֿון דערציונג און פּראָגרעס. די דײַטשע פֿירשטן און רעגירונגסלײַט
האָבן זיך דעמאָלט נישט געקאָנט אָפּזאָגן פֿון דעם געדאַנק, אַז זיי זיי-
נען מחויב צו באַגליקן און אויסבעסערן זייערע אונטערטאַנען מיט
געוואַלט, אַפֿילו געגן זייער אייגענעם ווילן. דערום איז דער רוב באַדי-
שע יידן אויסגעשלאָסן געווען פֿון דער באַפֿרײַונג און גלײַכבאַרעכטי-
קונג. אין דער פֿאַראָרדנונג וועגן יידן אין באַדן איז אויך אַרײַנגעקו-
מען די אָרגאַניזאַציע פֿון יידישע קהלות און זייער זעלבסטשטענ-
דיקע הנהגה, וועלכע איז אין אמתן געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק נאָר
פֿונם ווילן פֿון הערשער. דער גרויסהערצאָג האָט אַליין אויסגעקליבן
אַ אויבעראַט פֿון אַכט יידן, וועלכער האָט ווידער אויפֿגענומען די רבנים
און אויסגעקליבן די גבאים אין איינצלנע קהילות. די געמיינדעמיטגלי-

דער אַליין אין יעדער קהילה באַזונדער האָבן דאָ געהאַט אַ קנאַפּע דעה אין די וואַלן פון די רבנים. און די גאַנצע זאַך האָט געטראָגן אַ כאַ־ראַקטער פון אַ געצוואונגענער אַליינהערשערישער הנהגה; אָבער דער יידי־שער קולטוס און די שול און די געמיינדע־אָרדנונג איז פאַקטיש גע־שטאַנען אויף איין מדרגה מיט די קריסטלאַכע קירכן. די איינפירונג פון דעם נאַפּאָלעאָנישן קאָדעקס אין יאָר 1810 האָט נאָך בריטער גע־מאַכט די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע באַדישע יידן.

**די לאַגע אין בייערן.**

אַמערגסטן און טרויעריגסטן איז געווען די לאַגע פון די יידן אין בייערן. זיי זענען נאָך באַהאַנדלט גע־וואָרן ווי קנעכט, חיות און אַלערליי סחורות. עס פאַר־שטייט זיך, אַז זיי האָבן געדאַרפט צאָלן דעם לייבשטייער. נאָר דער, וואָס האָט אָפּגעצאָלט אַ געוויסע סומע פאַר אַ יאָר פאָרויס, איז געווען פּטור דערפון. יעדער ייד איז באַטראַכט געוואָרן אַלס באַטריגער און שווינדלער, און די סחורות און פּראָדוקטן, וואָס יידן האָבן פאַרקויפט, זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער אַ באַזונדער השגחה. דאָס הויזירן, אַרומגיין איבער די הייזער מיט סחורה איז געווען פאַרבאָטן, די דער־לויבניש צו האַנדלען און צו באַקומען אַ ספּעציעלן פּאַטענט, וואָס איז געווען פאַר זיי עקסטרא באַשטימט, איז געווען אָפּהייניגיק פון דער רע־גירונג אָדער פון הערשער אַליין. עס איז זיי פאַרבאָטן געווען צו זיצן אין סוכות און צו פייערן דעם יום־טוב עפנטלאַך מיט לולב און אתרוג, —עס זאָל נישט אויסזען, אַז די יידן קאָנען זיך אויך אַמאָל פרייען מיט זייער רעליגיע און זייער לעבן. זייער צושטאַנד איז געווען—אי מאַטעריעל, אי גייסטיק—זייער אַ טרויריקער. נאָך אין סעפּטעמבער 1801 האָט דער קורפירשט, מאַקס יאָזעף, ערקלערט, אַז די גלייכבערעכטיקונג, וואָס ער האָט געגעבן מיט אַ יאָר פריער די נישט־קאַטאָליקן, באַציט זיך נישט אויף יידן, ווייל זייער רעליגיע און זייערע דינים האָבן אין זיך אַזעלכע מנהגים און זיטן, וואָס שטעלן אַ מחיצה צווישן זיי און די קריסטן.

די שטאַרקע פאַרגרעסערונג פון בייערן, דורך די פרייסישע און שוואַבישע פּראָווינצן, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט איר אַלע מאָל צוגעגעבן האָט נאַטירלאַך אויך פאַרמערט די צאָל פון די יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין דעם נייעם קעניגרייך. אַנשטאָט דעם, וואָס אין יאָר 1[illegible] האָבן

דאָרט געוואוינט נאָר 250 יידישע פאַמיליעס, מיט לערך 1500 נפשות׳ איז זייער צאָל געשטיגן אויף דרייסיקטויזנט נפשות. די לאַגע פון די יידן אין די צוגעגעבענע פּראָווינצן איז געווען אַ בעסערע ווי אין אַלט-בייערן, און ביסלעכווייז האָט זיך דאָרט אויך אָנגעהויבן צו באַווייזן אַ כּאָרשרינג. אין יאָר 1804 זענען דאָרט די יידן צוגעלאָזט געוואָרן צו די שולן. אין יאָר 1805 האָט מען זיי דערלויבט צו טראָגן געווער און אין יאָר 1808 האָט מען דאָרט ענדלאַך דעם שענדלאַכן לייבשטייער בטל געווען. אָבער פון פולקומער פרייהייט און גלייכבארעכטיקונג איז נאָך אַלץ נישט געווען צו באַמערקן, נישט-קוקנדיק דערויף, וואָס בייערן האָט שוין אָנגעהערט צום ריין-בונד, וועלכער איז געשטאַנען אין רשות פון די פראַנצויזן, און נישט קוקנדיק אויף אַלע הבטחות, וואָס מ׳האָט זיי געגעבן.

אַ נייע הבטחה האָט געבראַכט דער רעליגיע-בעפעל פון 24-טען מערץ 1809, וועלכער האָט אַנטהאַלטן דעם פאָלגנדיקן זאַץ: „דער גלויבן דאַרף קיינעם נישט שטערן צו געניסן בירגערלאַכע פּריוואַטרעכט און די שטאַטסבירגעררעכט״, אָבער דאָס איז נאָך אַלץ געבליבן נאָר אויפן פּאַפּיר און זייער פּראַקטישע אויספירונג אין לעבן איז אָפּגעלייגט געוואָרן נאָך אויף יאָרן לאַנג. אַפילו דער יידן-בעפעל פון 10-טען יוני 1813 האָט אויך נור אַ קליינעם טייל פון יענע הבטחות מקיים געווען. דערדאָזיקער בעפעל האָט זייער גרויסמוטיק אָנדערקענט די בייערישע יידן פאַר בירגער, אָבער נאָר בנוגע צו טראָגן דעם עול און די פליכטן גלייך מיט אַנדערע בירגער. אָבער זכיות, ר ע כ ט גלייך מיט אַלע האָבן זיי נישט בעקומען. אפילו די פּריוואַט-בירגער-רעכט זענען פאַר זיי געבליבן זייער באַשריינקט, די פרייהייט צו וואוינען אין וועלכן עס איז אָרט איז געווען אָפּהייגניק פון געוויסע באַדינגונגען; יידישע חתונות זענען פאַרבונדן געווען מיט זייער שווערע „מעטריקול״-באַדינגונגען, וואָס זיינען פאַר יידן ספּעציעל אַרויסגעגעבן געוואָרן. גאַנץ אָפן איז געזאָגט געוואָרן, וואָס פאַר אַ צוועק אַזעלכע שווערע באַגרענצונגען האָבן: „די צאָל פון די יידישע פאַמיליעס אין די ערטער, וואו זיי געפינען זיך פון אַמאָל, דאַרף געוועגלאַך נישט פאַרגרעסערט ווערן, נאָר פאַרקערט, זי דאַרף ביסלאַכווייז פאַרקלענערט ווערן, אויב זי איז צוגרייט״. באַזונדערע זכיות האָבן געהאַט די יידישע ערדאַרבייטער, האַנדווערקער, פאַבריקאַנטן און געלערטע; די בייערישע רעגירונג האָט אויך

געוואַלט, אַזוי ווי אַ סך אַנדערע רעגירונגען, דערציִען די יידן און זיי מאַכן פאַר „בעסערע מענטשן” דורך צוואַנגמיטלען, ווי פאַר אַ פאָלק אַלט די פרייהייט, גופא נישט געווען דאָס בעסטע דערציִונגסמיטל!

צו דער ערע פון די בייערישע יידן פון יענער צייט דאַרף מען דערמאָנען, אַז זיי האָבן זיך נישט געוואָלט באַגנוגן מיט אַזעלכע „טובות”, אַנשטאָט די רעכט, וואָס זיי האָבן געפאָדערט. זיי זענען גלייך אַריינגעטרעטן אין אַ קאַמף פאַר זייער פולשטענדיקער באַפרייונג. דער קאַמף איז געווען נישט קיין גרינגער און האָט זיך געצויגן גאַנצע פופציק יאָר.

**זאַקסן.** גאַנץ אַנדערש איז עס צוגעגאַנגען אין זאַקסן. בא־וואוינט פון אַ פאַנאַטישער, איינגעאַרציקער לוטעראַנישער באַפעלקערונג,— האָט אָט דאָס „פראָטעסטאַנטישע שפּאַניען” גאָרנישט געוואָלט הערן פון די פאָדערונגען פון דער נייער צייט בנוגע די רע־ליגיע־פרייהייט. די יידן האָבן געזעצלעך נישט געטאָרט וואוינען אין זאַקסן. נור אין דרעזדען האָבן געמעגט וואוינען, לויט דער יידן־אָר־דנונג פון יאָר 1746, איניקע פריווילעגירטע יידן, אָבער אויך דאָרט איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט אַ שווערן ספּעציעלן שטייער, און זיי האָבן געמוזט זייער פריווילעגיע אַלע מאָל באַנייען. אויפשטעלן עפנט־לעכע שולן צום דאַווענען איז זיי געווען פאַרבאָטן. אין מסחר און פאַבריקאַציע זענען די געזעצן אונטערגעוואָרפן שווערע באַגרענצונגען. דער לייבצאָל האָט נאָך עקזיסטירט אין זיין שאַרפסטער פאָרם, אפילו דאַן, ווען ער איז שוין אין אַלע אַנדערע דייטשע לענדער אָפּגעשאַפט געווען. נאָר די פראַנצויזישע און וועסטפאַלישע יידן, קומענדיק קיין זאַקסען, זענען פריי געווען פון דעמדאָזיקן שענדלאַכן אָפּצאָל,—ווייל מ׳האָט מורא געהאַט פאַר נאַפּאָלעאָנען. אין זאַקסן איז דער לייבצאָל בטל געוואָרן ערשט אין יאָר 1813, נאָכדעם ווי זאַקסן איז איינ־גענומען געוואָרן פון די פעראייניקטע שטאַטן, אָבער די זאַקסישע רע־גירונג אַליין האָט קיינמאָל פון איר אייגענעם ווילן אַזאַ באַרבאַריש געזעץ נישט אָפּגעשאַפט.

איבעריגנס איז דאָס אייגענע פאָרגעקומען נישט בנוגע צו יידן, נאָר אויך אויף אַלע געביטן פון פאָליטישן און געזעלשאַפטלאַכן לעבן. זעענדיק די גלענצנדיקע ערפאָלגן און די גרויסע הצלחה פון פראַנקרייך,

האָט מען געמוזט מודה זיין, אַז די אַלטע אָרדנונגען זיינען ווירקלאַך פֿאַרעלטערט, און דאָך האָט מען ביי זיך נישט געקאָנט פּועלן דרייסט זיך צו שטעלן אויפֿן נייעם וועג. אין דייטשלאַנד האָט מען זיך קיינמאָל נישט געקאָנט באַשליסן, צו גרויסע זאַכן, אויב מען האָט נישט געהאַט דערצו פֿון די ריסן מענטשן ווי לוטער, פֿרידריך דער צווייטער און ביסמאַרק שטייען דעריבער אין דער קליינלאַכער דייטשער וועלט ווי ריזן צווישן קאַרליקעס.

און ווי אין די גרעסערע, אַזוי אויך אין די קלענערע מדינות פֿון דייטשלאַנד, האָט מען זיך נאָר באַשעפֿטיקט מיט יידן-געזעצן, מיט שאַפֿן מער אָדער ווייניקער ספּעציעלע רעכט אָדער ספּעציעלע אומרעכט פֿאַר די יידן.

אַ מיטלפּונקט פֿאַר דער טעטיקקייט פֿון יידישן לעבן איז געווען די היים און געבורטסלאַנד פֿון משה מענדעלסאָן,—די מדינה אַנהאַלט און די שטאָדט דעסוי,—עפּיס אַזוי ווי די דאָרטיקע יידן האָבן געפֿילט די פֿליכטן, וואָס מענדעלסאָנס גייסט האָט אַרויסגעלעגט אויף זיי. אין יאָר 1809 איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע לער-אַנשטאַלט, וואָס איז אויך פֿון דער רעגירונג געשטיצט געוואָרן, און זי האָט געהאַט אַ שם אין דייטשן יידנטום מער ווי אַ גאַנצן דור. איר דירעקטאָר: דוד פֿראַנקל, אירע לערער: גאָטהאָלד סאַלאָמאָן, יוסף וואָלף און משה פֿיליפּזאָן, זיינען געווען באַריהמטע געלערטע. פֿיליפּזאָן האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטע העברעאישע דרוקעריי און בוכהאַנדלונג און האָט פֿאַרפֿאַסט לערביכער פֿאַר יידן, ווי אויך איבערזעצונגען פֿון געוויסע חלקים פֿון תנ"ך. פֿראַנקל און וואָלף האָבן אַרויסגעגעבן אין דעסוי די ערשטע יידישע מאָנאַטשריפֿט „שולמית" פֿון 1806 ביז 1818. די רעגירונג האָט אפֿילו געזאָרגט פֿאַר דעם וואוילשטאַנד פֿון די דאָרטיקע יידן; אָבער לויטן געזעץ זענען זיי באַהאַנדלט געוואָרן ווי שוצייִדן, וואָס זענען אויסגעשלאָסן פֿון דעם רעכטשוץ פֿון אַלע איבעריקע בירגער, נאָר זיי שטייען אונטערן ספּעציעלן שוץ פֿון דער רעגירונג: זיי האָבן אויך געמוזט וואוינען אין אַ באַזונדער שטאָטפּערטל (געטאָ). פֿרעמדע יידן האָבן זיך אַנדערש נישט געקאָנט באַזעצן אין אַנהאַלט-דעסוי סיידן מיט אַ באַזונדער דערלויבניש פֿון דעם לאַנדהערשער. די לייבשטייער איז ערשט אין יאָר 1804 בטל געוואָרן, נאָר די גוטע באַציונג פֿון די פֿירשטן צו די יידן האָט אַ ביסל לייכטער געמאַכט דעם דאָרטיקן יידישן מצב, וואָס וואָלט געווען אומ-

דערטרעגלאַך פאַר אַ יידישע אינטעליגענטע באַפעלקערונג. אַ בעסערע באַהאַנדלונג האָבן געהאַט די יידן אין אַנהאַלטבערנבערג און אַנהאַלט-קעטען, וואו מ'האָט זיי געגעבן אין 1810 און 1811 פולע גלייכבערעכטיקונג און מ'האָט זאָגאָר אייניקע יידן פאַר בעאַמטע באַשטימט.

דאָסזעלבע מזל ווי אין דעסוי האָבן געהאַט די יידן פון העסען-דאַרמשטאַדט. דער גרויסהערצאָג לודוויק איז געווען אַ גוטער און אָרענטלאַכער מאַן, ער איז אָבער געווען צושוואַך, כדי ענערגיש דורכצופירן גרויסע רעפאָרמען אין זיין לאַנד, זיין גאַנצער געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט די געאָגראַפישע ענדערונגען פון זיין מדינה און פאַר יידן איז אים קיין צייט נישט געבליבן. ווארום אין יענער צייט, ווען העסען-קאַסעל איז כמעט אינגאַנצן איבערגעגאַנגען צום קעניגרייך וועסטפאַלן און אייניקע טיילן זענען איבערגעגאַנגען צו פראַנקפורט, איז העסען-דאַרמשטאַדט געבליבן נישט נור אַ באַזונדער לאַנד, נאָר זי איז נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן אויפן חשבון פון אייניקע קליינע אַרומיקע מלוכות, וואָס זענען צו איר איבערגעגאַנגען. אמת, מען איז זיך מיט יידן דאָרט בעסער בעגאַנגען: דעם לייבשטייער האָט מען אָפגעשאַפט, מ'האָט אויך דערלויבט יידן צו קויפן הייזער און נחלאות, און אויסערדעם האָט מען זיי פיל טובות געטאָן; זיי זענען אָבער געבליבן שוצייִדן ווי פריער און נישט קיין בירגער. דערפאַר האָבן זיי אין זאַקסן—וויימאַר באַקומען דאָס אָרטיקע בירגעררעכט. די הערצאָגין-רעגענטין פון זאַקסן האָט זיי געגעבן אין יאָר 1811 דאָס רעכט בעלי-מלאכות צו זיין, ערד און נחלאות צו קויפן און צו גרינדן מאַנופאַקטור-פאַבריקן, נאָר בתנאי זיי זאָלן זיך דערביי באַדינען נאָר מיט יידישע אַרבעט. יידן האָבן געקאָנט שיקן זייערע קינדער אין אַלע עפענטלאַכע שולן און האָבן געמעגט געניסן פון אַלע סטיפענדיעס און שטיצע פאַר שילער. די גוטע און טאָלעראַנטע פירשטין האָט איינגעפלאַנצט אין אירע אונטערטאַנען די גרעסטע סבלנות און אַכטונג צו יידן.

### פאָרפאָמערן.

אַזוי ווי אין מייניגנען, אַזוי איז אויך געווען דער יידישער מצב אין מערב-פאָרפאָמערן, וואָס איז נאָך געשטאַנען אונטער דער שוועדישער הערשאַפט. בעת אַז אין שוועדן גופא האָבן נאָר לוטעראַנער געמעגט וואוינען, האָט דער רעגירונגסראַט אין שטראַלזונד דעם 23-טען נאָוועמבער 1810 געגעבן אַ

פאַרפּאַמערישע יידן פּאַרשידענע פריי־הייטן, ווי אויך דאָס רעכט אויפֿצושטעלן פֿאַבריקן און מאַנופאַקטורן, צו האַנדלען מיט רויע וואָל, צו קויפֿען און צו פאַכטען גיטער און זיך צו באַשעפֿטיקן מיט מלאכות, וואָס געהערן נישט צו צעך. דאָס האָט אין יענער צייט שוין געהייסן אַ גרויסער פאָרשריט.

אין דעם קליינעם וואַלדעק־פירמאָנט האָבן יידן געהאַט פולע בירגעררעכט, און פון צווישן די צפון־דייטשע מדינות האָבן יידן געהאַט די פריינטלאַכסטע באַהאַנדלונג אין מעקלענבורג. די גרויסהערצאָגלאַכע רעגירונג אין יענער פּראָווינץ איז זיי וויינציגסטנס נישט געשטאַנען אין וועג און האָט זיך זיי געלאָזט פריי אַנטוויקלען; זי האָט זאָגאַר איבערגעגעבן די רבנים דעם כח פון געריכט איבער יידן. הגם די שטאָט־מאַגיסטראַטן זיינען אויך דאָרט ווי אומעטום געווען וויניקער אויפגעקלערט און וויניקער טאָלעראַנץ ווי די הערשער; כאָטש די מאַגיסטראַטן האָבן אָפט צוליב קנאה און פרנסה געפאָדערט, מ'זאָל יידן אויסשליסן פון מלאכה און פון פאַרשידענע האַנדלסצווייגן,—האָבן זיך דאָך יידן דאָרט געפונען אין אַ גוטן צושטאַנד. זיי האָבן געבראַכט דעם לאַנד פיל נוצן דערמיט, וואָס זיי האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו דעם וואָל־עקספּאָרט־האַנדל, וועלכער איז דעמאָלט געווען איינער פון די וויכטיקסטע האַנדלס־אַרטיקלען אין מעקלעבורג. די יידן האָבן דאָרט געפירט אַ גרויסן האַנדל מיט פּראָדוקטן, וועלכער האָט זייער פיל געלט אַריינגעבראַכט אין לאַנד. די יידן האָבן אויך געמעגט דערווערבן דעם טיטול דאָקטאָר־מעדיצין אין דער ראָסטאָקער אוניווערזיטעט. נאָכדעם, ווי מעקלענבורג האָט געמוזט צושטיין צום פראַנצויזישן ריין־בונד—1808—האָט דער גרויסהערצאָג פרידריך פראַנץ דער ערשטער פון שווערין, דער פּאָלקסטימלאַכער פון אַלע מעקלענבורגישע פירשטן, צווישן אַנדערע טובות, וואָס ער האָט געטאָן זיין לאַנד, אויך די יידן באַזאָרגט מיט יענע פרייהייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן־זיין מיט פראַנקרייך האָט געבראַכט. לויט אַ פּעטיציע, וואָס יידן האָבן אים דערלאַנגט וועגן בירגעררעכט, וועלכע אַ פּראָפעסאָר פון ראָסטאָקער אוניווערזיטעט האָט שטאַרק אונטערגעשטיצט,—האָט פרידריך־פראַנץ דעם 22־טען פעברואר 1812 אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אין וועלכן ער האָט יידן געגעבן נישט נאָר פריוואַטע, נאָר אויך עפנטלאַכע בירגעררעכט; נאָר קיין רעגירונגסשטעלעס האָבן זיי נאָך נישט געקאָנט פאַרטרעטן, דאָס איז געבליבן אָפּהענגיק

פון דער ווייטערער געזעצגעבונג. אָבער אויסערדעם האָבן זיי גע-
האַט פולקומע פרייהייט גלייך מיט אַלע בירגער פון לאַנד. אין פריוואַט-
ענינים און אין פּראָצעסן אין געריכט האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט
מיט יידישע דינים. יידן האָבן טאַקע אַרויסגעוויזן דעם גוטן און גע-
רעכטן הערשער זייער הערצלאַכסטע דאַנקבאַרקייט דערפאַר.

די דריי האַפּען-שטעדט (האַמבורג, ליבעק און ברעמען) זיינען
געווען גאַנץ אומאָפּהענגיקע רעפּובליקען, דעריבער האָט זיך דאָרט גע-
קאָנט אַנטוויקלען גאַנץ פריי דער קליינלאַכער, נישט פאַרגינענדיקער גייסט
פון קרעמעריי און נידעריגער האַנדלסקאָנקורענץ. די סוחרים און האַנט-
ווערקער פון יענע שטעט האָבן געזוכט מיט אַלע כחות פון דער יידי-
שער קאָנקורענץ זיך צו באַפרייען.

## האַמבורג.

אין האַמבורג האָט מען, אונטער דער שוץ פון אַ קיי-
זערלאַכער קאָמיסיע אין יאָר 1710, דערלויבט דייטשע
און פּאָרטוגאַזישע יידן צו וואוינען. פון דעמאָלט אָן איז די פּאָרטוגע-
זישע געמיינדע אַלץ מער, מער אָפּגעשטאָרבן, בעת אַז די דאָרטיקע
דריי דייטשע יידישע קהלות זיינען שטאַרקער און גרעסער געוואָרן.
אמת, מ'האָט אויף זיי אַרויפגעלעגט שווערע ספּעציעלע שטייערן, דאַן
ווען זיי זיינען געבליבן אויסגעשלאָסן פון אַ סך האַנדלס-און אַרבעטס-
צווייגן. יעדער פרעמדער ייד האָט געמוזט ביים אַריינפאָרן אין שטאָט
באַצאָלן אַ „געלייטס-גולדן" און חוץ דעם אַ „שוץ-טאַלער". די האַמ-
בורגער יידן גופא—900 נפשות—האָבן נישט געטאָרט האָבן אין זייער
אייגנטום נישט קיין ערד און נישט קיין הייזער; זיי האָבן אויך נישט
געטאָרט באַזוכן קיין רעסטאָראַנען, קאַפעהייזער אָדער אַנדערע עפנט-
לאַכע פאַרגעניגונגסערטער. זיי האָבן געמוזט וואוינען אין באַשטימטע
שטאָטטיילן; זייערע קינדער האָט מען נישט צוגעלאָזט צו אַלגעמיינע
שולן; די געבילדעטע יידישע פאַמיליעס זיינען געצוואונגען געווען צו
האַלטן הויזלערער—אַ צושטאַנד, וועלכער האָט אין פיל פּרטים דערמאָנט
פראַנקפורט-אַם-מאַין.

אין יאָר 1811 איז האַמבורג געצוואונגען געווען זיך צו פאַריי-
ניגן מיט פראַנקרייך. די נייע פאַרוואַלטונג האָט גלייך מבטל געווען
אַלע גזירות געגן יידן. די דריי יידיש-אשכנזישע געמיינדעס האָבן זיך
געמוזט פאַרייניקן אין איין גרויסער קהלה. די יידן האָבן באַקומען

פולקומע גלייכהייט מיט די קריסטלאַכע בירגער; אַלע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלאַכע און האַנדלס־באַגרענצונגען זיינען מיט איין מאָל אָפּגעשאַפט געוואָרן. אייניקע יידן זיינען אַפילו געוויילט געוואָרן אַלס מיטגלידער אין מאַגיסטראַט. די האַמבורגער יידן האָבן מיט זייער גוטער אויפירונג אויך פון זייער זייט געוויזן, אַז זיי זיינען ווערט אַזאַ באַהאַנדלונג. שפּעטער, נאָכדעם ווי די פראַנצויזן זיינען אָפּגעצויגן, האָט דער האַמבורגער סענאַט עפנטלאַך אָנדערקענט, אַז פון די דאָרטיקע יידן איז נישט געווען צו באַמערקן, „ביים באַקומען אַזויפיל טובות, קיין שום סימן פון גאוה אָדער אַן אַנדער זאַך, וואָס זאָל זיין שענדלאַך פאַר די קריסטלאַכע בירגער; אדרבא, מ׳האָט פון זיי געזען אַ שטיל, עניותדיק פאַרהאַלטן זיך אַפילו בנוגע צו זייערע זכיות, וואָס זיי האָבן באַקומען; אַז זיי האָבן אויך באַוויזן, דאָס זיי זיינען גרייט צו דער גרעסטער אָנשטריינגונג און צו דער שווערסטער אַרבעט צוזאַמען מיט אַנדערע לטובת הכלל, און פיל יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע גרויסע צדקות און מיט זייער ליבע צום פאָטערלאַנד".

**ליבעק.**

ערגער ווי אין האַמבורג איז געווען די לאַגע פון די יידן אין ליבעק. פון דאָרט זיינען זיי אין יאָר 1699 פאַרטריבן געוואָרן. נאָר אייניינציקן שוצייד האָט מען דעמאָלט אָנגענומען און דערפאַר האָט ער געמוזט באַצאָלן זייער גרויסע סומעס. שפּעטער האָבן זיך אין דעם שכנותדיקן, האָלשטינישן דאָרף מאָיזלינג—אונטערן דענישן שוץ—באַזעצט יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון פוילן, און פאַר דידאָזיקע דענישע אונטערטאַנען האָט ליבעק געמוזט, געגן איר ווילן, עפענען אַלע טאָג אירע טויערן און לאָזן דאָרט די יידן פראַנק און פריי אַרומגיין, כאָטש אויך אונטער שטרייַנגע באַדינגונגען און באַגרענצונגען. אין יאָר 1806 האָט דער קעניג אַוועקגעגעבן דאָס דערמאָנטע דאָרף צו ליבעק, און אַזוי אַרום זיינען די דאָרטיקע יידישע פאַמיליעס געוואָרן אונטערטאַנען פון דער שטאָט און געהאַט אויסצושטיין אַלע גזרות און באַגרענצונגען. אָבער אין יאָר 1811 איז אויך דידאָזיקע שטאָט און איר אַרומיקע געגנט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער פראַנצויזישער הערשאַפט. דאַן זיינען, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַלע אויסנאַמסגעזעצן בנוגע צו רעליגיעזער פרייהייט בטל געוואָרן, און באַלד

האָבן זיך 66 יידישע פאַמיליעס פון מאָיזילינג און אַנדערע ערטער באַזעצט אין ליבעק. דאָ האָבן זיי באַלד געקויפט אַ פּלאַץ פאַר אַ שול, — צום גרויסן פאַרדרוס פון ליבעקער בירגערפאַריין, וועלכער האָט געזען אין דעם יידישן אַריינפאַר אַ פאַרברעך געגן דער דייטשער געזעלשאַפט, וואָס איז שוין געווען זייער נידריק געפאַלן און האָט סייווי אויף קיין לאַנגן קיום מער קיין האָפנונג נישט געקאָנט האָבן.

**ברעמען.** פון דער דריטער האַפענשטאָט, ברעמען, זיינען די יידן שוין פון יאָר 1724 אָן געווען אינגאַנצן פאַרטריבן. איינצלנע פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך דאָרט פונדעסטוועגן יאָ באַזעצט, — אַנדערע אין דער שטאָט גופא, אַנדערע אין די אַרומיקע דערפער, — זיינען אויף דער השתדלות פון דעם דייטשן סוחרים-פאַריין — אין יאָר 1803 — נאָכאַמאָל אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ברעמען. אָבער אויך דאָרט האָט דאָס יאָר 1811 געבראַכט אָן איבערקערעניש. אונטער דעם שוץ פון די פראַנצויזישע געזעצן האָבן זיך דרייסיק יידישע פאַמיליעס באַזעצט אין ברעמען און אָנגעהויבן צו פירן גרויסע געשעפטן.

אויך די גרויסע דייטשע מלוכה פּרייסן האָט זיך נישט געקאָנט אינגאַנצן שיצן פון דער ווירקונג, וואָס די פרייע פראַנצויזישע אידייען האָבן געהאַט אויף אייראָפּע.

נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנצער פילאָזאָפיע, האָט פרידריך דער גרויסער שטענדיק געהאַט אַ שטאַרקע שנאה צו יידן און האָט זיך שלעכט פאַרהאַלטן צו זיי. אין דער נייער יידן-פּריווילעגיע פון 1750 איז ווייניק וואָס געווען צו באַמערקן פרייהייט און טאָלעראַנץ, מיט וועלכע פרידריך איז אַזוי גערימט געווען. די צאָל פון די יידן איז געבליבן זייער אַ באַשריינקטע; פון די צעכן, פון ערדאַרבעט און אַנדערע זיינען זיי געווען אויסגעשלאָסן; זיי האָבן געמוזט צאָלן ספּעציעלע שטייערן און שוצגעלטער. פאַר אַלע גנבות אָדער געלטשווינדל, אין וועלכע יידן האָבן זיך באַטייליגט, איז ערב געווען די גאַנצע קהלה, צו וועלכער זיי האָבן אָנגעהערט. יעדע דערלויבניש צו וואוינען אין אַן אָרט איז געווען פאַרבונדן מיט אומגעהויערע הוצאות. יעדער ייד, וואָס האָט חתונה געהאַט, האָט געמוזט נעמען אַ גרויסע מאַסע פּאָרצעלאַן-כּלים פון די קעניגלאַכע מאַנופאַקטורן און פאַבריקן, אויף זיין ריזיקע דאָס פאַרקויפן אין אויסלאַנד און דאָס געלט צושטעלן דער רעגירונג. אין מאַנכע פּראָ-

ווינצן, ווי, צום ביישפּיל, אין פּרייסישער פּאָרפּאָמערן און אין מאַגדע־בורגישען, איז יידן בכּלל פאַרבאָטן געווען צו וואוינען נאָך פון אַמאָליקע צייטן. די אַלע באַגרענצונגען האָבן געבראַכט דערצו, אַז די צאָל פון די יידן אין פּרייסן איז געבליבן אַ קליינע; אין יאָר 1787 איז דאָרט געווען אַן ערך פון 31,700 נפשות, אַזוי אַז אויף 175 קריסטן איז אויסגעקומען איין ייד.

פרידריכ׳ס יורש, פרידריך ווילהעלם דער צווייטער (1786—1797), איז געווען פרייגעזאָנען און איז אויך צו די יידן גערעכט געווען. אין זיין צימער איז געשטאַנען דער ביוסט פון משה מענדעלסאָן און מענדעלסאָנס קינדער האָט ער געגעבן אַ הויפּטשוץ־פּריווילעגיע, וואָס פרידריך דער גרויסער האָט זיי קיינמאָל נישט געוואָלט געבן. זיין פאַרטרויטער פאַסטאָר איז אַפילו געווען אַ גרויסער רעאַקציאָנער, נאָר צוליב זיין האַס צו פרידריך דעם גרויסן איז ער געווען גוט געשטימט צו יידן. אין די פאָרטראָגען, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיין קעניגלאַכן פּריינט צוויי יאָר פאַר זיין אַרויפשטייגן אויפן טראָן, האָט ער אַרויסגעזאָגט דעם באַרימטן זאַץ: מען מוז די יידן בכּבודער און בעסער באַהאַנדלען; מען מוז זיי מאַכן פאַר גוטע און נוצלאַכע בירגער און זיי צוציען צום מיליטערדינסט אויך! און אַזוי האָט דער נייער קעניג באַלד אין אַ חודש אַרום, ווי ער איז אַרויף אויפן טראָן—דעם 28־טען סעפּטעמבער 1786—ערקלערט דעם גענעראַל־דירעקטאָריום (מיניסטעריום פון אינערן און פינאַנץ־מיניסטעריום), אַז די נאַציע, וואָס איז אַזוי געדריקט, זאָל מען זוי ווייט מעגלאַך לייכטער מאַכן איר לעבן, און זי זאָל פון דער שטייערפאַרוואַלטונג נישט אַזוי געפּייניגט ווערן. אַ פּעטיציע, וואָס יידן האָבן איר געשיקט, ער זאָל זיי פאַרגרינגערן זייער אומדערטרעגלאַכע לאַגע און זאָל זיי געבן בירגערלאַכע רעכט און אַ דערלויבניש זיך צו פאַרנעמען מיט אַלע ווירדיקע האַנדלס־און אַרבעטס־צווייגן, האָט דער קעניג אין אַ יאָר אַרום איבערגעגעבן דעם גענעראַל־דירעקטאָריום, ער זאָל די פאָדערונג גרינדלאַך דורכזען און באַשטעטיקן. אָבער נישט וואַרטנדיק אויף דער הסכּמה פון זיינע מיניסטאָרן, האָט דער קעניג אַליין מבטל געווען דעם לייבשטייער (31־טען דעצעמבער 1787). די יידן אין די אַלטע פּרייסישע פּראָווינצן האָבן געדאַרפט אויסקלויבן פאַרטרעטער פון זיך, וועלכע האָבן געזאָלט אונטערהאַנדלען, צוזאַמען מיט די העכסטע בעאַמטע, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די

יידן אין די פּרייסישע מדינות.

די מיניסטעריומס זיינען אָבער געווען זייער פּיינטלאַך צו יידן. צוויי יאָר האָט דאָס מיניסטעריום אָפּגעשלעפּט זיין באַשלוס, און ערשט אין צוויי יאָר אַרום האָט די קאָמיסיע—וואָס דאָס מיניסטעריום האָט געזעצט—אַרויסגעגעבן איר באַריכט וועגן דעם. דער באַריכט באַווייזט, ווי ווייט יענע אַלטע, גרייז-גרויע בעאַמטע האָבן עס געהאַט די תשוקה צו ווערן אַפּיטראָפּסים איבער יידן, צו בעלי-ביתּוּוען און ברייגגען אָרדנונג אין זייערע אינערלאַכע ענינים, און דערפון איז אַרויסגעקומען אַזאַ צומישעניש, וועלכע האָט נישט געקאָנט באַפרידיקן נישט די יידן, נישט זייערע געגנער. פאַר דער מעגלאַכקייט זיך צו פאַרנעמען מיט עטלאַכע נייע פּרנסות און האַנדלסצווייגן האָבן זיי שטענדיק געדאַרפט זיין אונטערגעוואָרפן אונטער דער השגחה פון די העכערע בעאַמטע, אפילו בנוגע צו זייער אינערלאַכן פּריוואַטלעבן. צוליב דעם ביסל גוטס, וואָס זיי האָבן דערהאַלטן, האָבן זיי געמוזט ביי זיך פועלן, אַז פרעמדע זאָלן האָבן אַ דעה צו זאָגן איבער זייערע הייליקסטע געפילן; זייערע מנהגים און זיטן האָבן די בעאַמטע געזאָלט האָבן דאָס רעכט צו שטערן אָדער אָרדנען לויט זייער געשמאַק. די יידישע דעפּוטירטע האָבן דערום דעם גאַנצן פאָרשלאָג פון אַזעלכע פּריווילעגיעס נישט געוואָלט אָננעמען (דעם 28-טען פעברואַר 1790). און זיי האָבן רעכט געהאַט. דוד פרידלענדער האָט אויף זיך גענומען די אומאָנגענעמע אַרבעט—אויפצעווייזן די פעלער, אומגערעכטיקקייטן און אוממעגלאַכקייטן פון אַזאַ פּלאַן, און האָט געפאָדערט: גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע אונטערטאַנען; יידן זאָלן האָבן די גאַנצע בירגערלאַכע ערע אַזוי ווי אַלע בירגער אין לאַנד; מען זאָל אָפּשאַפן אַלע אויסנאַמס-געזעצן, דערהויפּט בנוגע צו שטראָף און שטייערן. ווי ווייט די קאָמיסיע וועגן דער יידנפראַגע איז נאָך געווען ווייט פון דער אמתער סבלנות און מענטשנליבע, באַווייזט די באַמערקונג, וואָס אַ קאָמיסיע-מיטגליד האָט געמאַכט, בשעת מ'האָט דער קאָמיסיע פאָרגעלייגט פרידלענדערס אויפזאַץ מיט די פאָדערונגען. „עס איז נישט מער—האָט דער מיטגליד געזאָגט—ווי אַ שאַרפזיניקער פּלפּול, פאַרמאַסקירט מיט אַן אַנגענעמער דעקלאַמאַציע". ער האָט געקוקט אויף דער גאַנצער זאַך, ווי אויף אַ פּלפּול און אַ שיינער כּראַזע, נישט ווי אויף אַ פאָדערונג, וואָס גייט אַרויס פון טיפן הארצן פון אַ גאַנצן פאָלק. עס האָט אויך גאָרנישט געהאָלפן

דאָס געבעט, וואָס די יידישע דעפוטאַציע האָט אַריינגעשיקט דעם 9-טען מערץ 1790 צום קעניג אַליין.

דאָס מיניסטעריום האָט געמיינט, אַז איצט, נאָכדעם ווי די יידן אַליין האָבן זיך אָנטזאָגט פון די טובות און ענדערונגען, וואָס מ׳האָט זיי אַזוי גרויסמוטיק פאַרגעלייגט, איז עס שוין אינגאַנצן פטור אַפילו פון צו קלערן וועגן יידן, און מיט פרייד האָט זיך דאָס מיניסטעריום אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט, אַבי עס זאָל זיך נישט דאַרפן מער באַשעפטיגן מיט דער גאַנצער זאַך, וואָס איז אים געוואָרן איבערדריסיק.

אַזוי זיינען אַוועקגעגאַנגען כמעט צוויי יאָר, און ערשט דערנאָך האָט זיך דער קעניג דערמאָנט אָן זיינע פאַרלאַנגען בנוגע צו יידן. דאַן האָט ער געשיקט צום מיניסטעריום אַ שטרייגן באַפעל, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט דערמיט, וואָס מען פאַרציט אַזוי לאַנג די יידנפראַגע און האָט פאַרלאַנגט פון מיניסטעריום, מען זאָל אים גלייך צושטעלן אַ ראַפּאָרט איבער „די נייע פאַראָרדנונגען וועגן דער יידישער נאַציע אין די פריסישע מדינות” (17-טען יאַנואַר 1792). דעם 24-טען יאַנואַר איז שוין אָנגעקומען פון מיניסטעריום אַ נייער פּלאַן וועגן איינאָרדנען די יידישע ענינים אין פרייסן. דער איצטיקער פּלאַן איז אַפילו געווען אין געוויסע פרטים בעסער ווי דער ערשטער, ער האָט אָבער אויך געשטעלט אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זייער ציל איז געווען אוממעגלאַך צו מאַכן אַ באַזונדער יידישע געמיינדעאָרדנונג. מען האָט געווים געהאָפט אויף אַזאַ אופן מער מקרב צו זיין די יידן צו די קריסטן און צו פאַרקלענערן די חלוקי-דעות צווישן דיביידע „רעליגיעזע פּאַרטייען”—אַזוי האָט מען זיך שוין אין 1789 אויסגעדריקט. אַנשטאָט דער פאַרניכטונג פון דער יידישער קהלה, האָט מען פאַרגעלייגט די יידן אַלס באַלוינונג כמעט אַ פאָלשטענדיקע בירגערלאַכע פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג. אמת, יידן האָבן אויך אַזוי ווייטער ווי פריהער נישט געטאָרט זיין קיין מיטגלידער אין מאַגיסטראַט און נישט פאַרנעמען קיין רעגירונגסשטעלן; אָבער צוגעזאָגט האָט מען, אַז יענע יידן, וועל-כע וועלן עס פאַרדינען, וועט די איבעריקע רעכט אויך געגעבן ווערן. אין אַפּריל 1792 איז דער פּראָיעקט פאַרטיק געוואָרן און עס האָט שוין מער נישט געפעלט, ווי דעם קעניגס חתימה.

### די מלחמה צווישן פראַנקרייך און די פאַראייניקטע מלוכות.

דערווייל האָט פראַנקרייך אָנגעהויבן איר מלחמה מיט די פאַראייניגטע מלוכות, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו דערשטיקן די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. פרידריך ווילהעלם דער צווייטער איז צוגעשטאַנען צום דאָזיקן בונד מיטן גאַנצן פייער און התלהבות פון אַ באַשיצער און אַ קעמפער פאַר די קאָנסערוואַטיווע און מאָנאַרכישע אינטערעסן געגן דער רעוואָלוציע און דאָס האָט געווירקט שלעכט אויף זיין פאַרהאַלטן זיך צו דער יידישער פראַגע אין פרייסן.

דאָס מיניסטעריום האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, כדי דעם גאַנצן רעפאָרמפראָיעקט וועגן יידן נאָכאַמאָל מבטל צו זיין. דאָס מיניסטעריום האָט דערום פאָרגעלייגט, מען זאָל די זאַך אָפּלייגן, „ווייל פון איין זייט הערשט נאָך דער אַלגעמיינער פאָראורטייל פון דער קריסטלאַכער באַפעלקערונג געגן די יידן, און פון דער צווייטער זייט איז געפערלאַך, ביי דער איצטיקער לאַגע און אין אַ צייט פון מלחמה, אַזעלכע וויכטיקע ענדערונגען צו מאַכן” (16-טען מאַי 1792). דער קעניג האָט מסכים געווען די זאַך אָפּצולייגן ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. דערביי האָט ער נאָכאַמאָל פאַרזיכערט, אַז באַלד נאָך דער מלחמה וועט ער די זאַך ערנסט דורכפירן ביז צום סוף, אָבער נישט קוקנדיק אויף דער הבטחה, איז די יידנפראַגע געבליבן ליגן אין אַרכיוו. און דאָס גענעראַלדירעקטאָריום (מיניסטעריום) האָט אין די לאַנגע מלחמה-צייטן באַקומען אַלץ מער געלעגנהייטן גאָרנישט צו טאָן וועגן יידן.

גאָר צוויי זאַכן האָבן יידן אין פרייסן פאָרט באַקומען פון דער גאַנצער רעפאָרמבאַוועגונג: דער קעניג האָט נאָך דעם 12-טען פעברואַר 1788—באַפרייט די יידן פון דער שווערער פליכט צו פאַרהאַנדלען יערלאַך אַ געוויסע צאָל פאַרצעלאַן פון די קעניגלאַכע פאָרצעלאַן-פאַבריקן, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט גוואַלטיקע קאָסטן און שוויריקקייטן, און אַ צירקולאַר פון 5-טען יוני 1792 האָט מבטל געווען די אַלגעמיינע ערבות פון די יידן פאַר זייערע שטייערן—אָבער די יידישע אָפּצאָלונגען אַליין זיינען געבליבן אַזוי ווי פריהער, און אַפילו די אַלגעמיינע ערבות פאַר גנבות, שווינדלען און באַנקראָטן פון איינציקע יידן איז אויך געבליבן, און דאָך איז דאָס געווען פאַר יענער צייט אַ גרויסער פאָרשריט צו בעסערן.

אָבער די גרינדלאַכע ענדערונג פון דעם יידישן מצב אין פרייסן, האָט נישט געקאָנט דורכגעפירט ווערן צוליב דיזעלבע צוויי סבות, וואָס האָבן געשטערט אויך אַלע אַנדערע רעפאָרמען אין דער צייט פון דעמדראָזיקן קעניג. די צוויי סבות זיינען געווען: זיין שוואַכער כאַראַקטער, און צווייטנס, זיין מורא פאַר אַלע פרייע שטרעבונגען און באַוועגונגען, וואָס דערמאָנען אָן דער רעוואָלוציע.

בעסער ווי די פיל געבילדעטע און מאָראַליש-העכערע פרייסישע יידן זיינען באַהאַנדלט געוואָרן זייערע ברידער אין די ווייטע פראָווינצן, וואָס פרייסן האָט דערוואָרבן בשעת דעם צווייטן און דריטן צוטיילן זיך מיט פוילן (1793 און 1795), וועלכע האָבן דערגרייכט ביז צום ניעמאַן און בוג, און וואַרשא אויך אין כלל. די פרייסישע רעגירונג האָט זיך שטענדיק פאַרהאַלטן פיל מענטשנפריינטלאַכער צו די יידן אין די פוילישע פראָווינצן: דאָרט האָבן יידן געוואוינט אין גרויסע מאַסן, דעריבער איז דאָרט די יידנפראַגע געווען דרינגנדיקער און שאַרפער. „אַ פאַרנינפטיקע און געזעצלאַכע סבלנות בנוגע צו די איינוואוינער פון דער יידישער רעליגיע איז אַ מענטשלאַכע פליכט"—ווערט געזאָגט אין אַ פאַראָרדנונג פון דער פראָווינציאַלרעגירונג אין וואַרשע, פון 28-טען דעצעמבר 1795. דער פאָזענער מאַגיסטראַט איז געצוואונגען געוואָרן פון דער פרייסישער רעגירונג צו מאַכן דאָס „אומגלויבלאַך איינגן און שמוציגן יידנפערטל". די „אַלגעמיינע יידנפאָדערונג אין דרום-און ניי-מזרח-פרייסן" פון 17-טען אַפריל 1797 האָט אָפגעשאַפט כמעט אַלע באַגרענצונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט פאַר די דאָרטיקע יידן בנוגע צום באַזעצן זיך וואו עס איז, בנוגע צו חתונה האָבן און וועגן אויסקלויבן זיך אַ באַשעפטיגונג. דערצו איז פאַראָרדנט געוואָרן, אַז יידן מוזן אָננעמען פעסטע פאַמיליענגעמען, און אַז די מענער זאָלן נישט חתונה האָבן יונגער ווי 25 יאָר. די ערד-אַרבעט איז זיי ערלויבט געוואָרן נאָר אויף אַזאַ ערד, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געאַרבעט געוואָרן, אָבער ערד איז דעמאָלט געווען אין יענע פראָווינצן זייער פיל; בעאַרבעטן די ערד האָבן זיי געמעגט נאָר מיט יידישע אַרבעטער. אויסער אַקערבוי האָבן זיי אין די דערפער געמעגט האָבן אייגענע בירברויערייען און זאַוואָדן אויף מאַכן בראָנפן. קיין אַנדערע באַשעפטיקונג האָבן זיי אין די דערפער נישט געטאָרט האָבן,—ווייל לויט די פרידריכישע גרונדגעזעצן זיינען מלאכות און האַנדל פריי

נאָר אין די שטעט. פון מיליטערדיגסט זיינען יידן פריי געווען. אין יענער צייט, ווען אַ סאָלדאַט האָט געדינט כמעט דאָס גאַנצע לעבן, איז אַזאַ באַפרייונג געווען אַ פריווילעגיע נאָר פאַר די העכערע קלאַסן פון דער דייטשער געזעלשאַפט. אָבער פאַר דעם פריווילעגיום האָבן יידן געמוזט צאָלן אַ קליינעם רעקרוטנשטייער. מען האָט אויף זיי אויך אַרויפגעלעגט אַ קליינעם חתונה־שטייער, כדי אָפּצוהאַלטן פון חתונה האָבן די אָרימעלייט, וואָס האָבן נישט קיין מיטלען אויף חיונה. בכלל איז דאָס געזעץ, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן בנוגע צו די יידן אין די פוילישע פראָווינצן, געווען מענטשנפריינטלאַך.

נאָכן טויט פון פרידריך ווילהעלם דעם צווייטן (1797) האָט זיין זון און נאָכפאָלגער, פרידריך ווילהעלם דער דריטער—אַ האַרטע נאַטור אָהן צוטרוי צו זיך אַליין און צו אַנדערע,—זיך פאַרגענומען וואָס ווייניקער שנויים און ענדערונגען אין לאַנד צו מאַכן. בנוגע צו יידן האָט ער—דורך זייערע אָפטע בקשות און פעטיציעס—אינגאַנצן מבטל געווען זייער אַלגעמיינע ערבות און האָט אָנשטאָט דעם איינגעפירט אַ צענזור־קאָמיסיע, וועלכע איז מיינסטנס בשטאַנען פון געוויילטע יידישע מיטגלידער און האָט איבער יידן געהאַט אַ געוויסע מאַכט. די יידן אין די געוועזענע פוילישע פראָווינצן איז דערלויבט געווען זיך צו באַזעצן אין אַלע שטעט (1802), נאָר זיי האָבן געמוזט צאָלן אַ דאָפּעלטן קאָפּשטייער, און פון זייערע רבנים האָט מען אָפּגענומען יעדע מאַכט און רעכט צו הערשן אויף וועלכן ס'איז אופן איבער זייערע געמיינדע־מיטגלידער, —ווייל דאָס האָט נישט געשטימט מיט די פרייסישע יסודות פון דער רעגירונגס אַלמעכטיקקייט.

אַזוי זיינען די פרייע אידייען פון גלייכהייט און סבלנות, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ביסלעכווייז אַריינגעדרונגען אַפילו אין פרייסן—הגם זייער לאַנגזאַם און דורך אַ שטענדיקן קאַמף מיט די אַלטע טראַדיציעס. די בערלינער באַפעלקערונג, וועלכע איז דאַמאָלט בכלל פרייער און קאָסמאָפּאָליטישער געווען ווי די איבעריקע דייטשן, האָט זיך באַציגן צו די יידן בעסער און פריינטלאַכער ווי די רעגירונגסבעאַמטע, געלערטע און שריפטשטעלער. זי האָט נישט געוואָלט הערן פון די בלבולים און אָנפאַלן אויף יידן און האָט זיך, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אַרויסגעזאָגט לטובת די יידן.

## דער קולטורעלער איבערברוך.

אָבער אין די יידישע קרייזן גופא איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ וויכטיקע און געפערלאַכע ענדערונג.

דורך מענדעלסאָן און דער גאַנצער אויפקלערונגסבאַוועגונג זיינען די בערלינער יידן אָפגעריסן געוואָרן פון זייער גייסטיקער אָפנעזונדערטקייט. זיי האָבן אויפגעהערט אויסשליסלאַך זיך צו פאַרנעמען מיט זייערע אייגענע למודים: תלמוד און פוסקים, און זיינען אַריינגעקומען אין דער מאָדערנער קולטורוועלט. דער גלאַנץ פון די מאָדערנע וויסנשאַפטן, קונסט און ליטעראַטור, האָט פאַרבלענדט יענע אויגן, וואָס זיינען אַזוי לאַנג אָפגעוויינט געווען פון ליכטיקקייט. באַלד האָבן זיי פאַרלאָזן דעם פעסטן באָדן פון דער טראַדיציע און האָבן זיך אַלץ מער און מער געצויגן צום גלאַנץ פון די נייע הימלען, וואָס האָבן זיך געעפנט פאַר זיי. אין גאַנץ צפון-דייטשלאַנד האָט די רייכערע יידישע באַפעלקערונג געלעבט ווי אין אַ שטענדיקן פיבער און אַלץ געשטרעבט אַריינצוכאַפּן די גאַנצע נייע וויסנשאַפט און מאָדערנע קענטנישן. אין יעדער גרעסערער געמיינדע האָט זיך געגרינדעט—געגן דער פאַרטיי פון די „פרומע"—אַ פאַרטיי פון „אויפגעקלערטע", פון „רע-פאָרמער". דאָס ערגסטע איז דערביי געווען, וואָס דידאָזיקע לעצטע, באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט, האָבן זיך נישט באַמיט צו געפינען אַ דיכטיקע פשרה צווישן דעם אַלטן יידענטום און מאָדערנעם גייסט: זיי האָבן גענומען די גאַנצע יידישע טראַדיציע און אַוועקגעוואָרפן ווי אַ טויטע, שווערע און איבעריקע משא. די העברעאישע צייטשריפט „המאסף"—אַרויסגעגעבן פון נפתלי הירץ וויזל און פון אַ גאַנצן קרייז מענדעלסאָנס תלמידים, דערשינען פון 1784 ביז 1797—איז אַרויסגעטרעטן געגן אַלץ, מיט וואָס דאָס יידנטום האָט זיך אויסגעצייכנט, נישט פאַרמאָגנדיק דאָס קלענסטע ערנגעפיל צום יידנטום און אָהן וועלכער-עס-איז היסטאָרישער באַרעכנונג. אַ דוד פרידלענדער האָט געגלויבט, אַז עס איז געקומען אַ סוף צום יידנטום, און אָט-אָט ווערט עס איינגעשלונגען אין דער גרויסער קריסטלאַכער קולטור. אַ שלמה מיימון איז געווען אַזוי טיף דורכגענומען מיט דער קאַנטישער פילאָזאָפיע, אַז ער איז להלוטין גלייכגילטיק געווען צו יעדער רעליגיע. מיימון, אַ מענטש מיט אַזאַ שאַרפן און קלאָרן פאַרשטאַנד, וואָס האָט אַלץ מבטל געווען, האָט געענדיקט מיטן נידריקסטן ציניזם, גייסטיק און פיזיש. דער דיכטער אפרים קוה איז געווען אַזוי פאַרביטערט און פאַרצווייפלט איבער

דעם קאַמף צווישן זייגע הויכע שטרעבונגען און צווישן דער נידעריקער שענדלאַכער לאַגע פון די דעמאָלטיקע יידן, אַז ער איז צום סוף משוגע געוואָרן.

אין קעניגסבערג האָט אַ ייד אַרויסגעלאָזט אַ שריפט מיטן נאָמען: „אַ פריינטלאַך וואָרט צו די קריסטן וועגן איינגאַנצן אויפהערן זייער שטרייט מיט די יידן" (קעניגסבערג 1804). אין דער שריפט האָט ער פאָרגעלעגט צו צווינגען די יידן, אַז זיי זאָלן לאָזן לערנען זייערע זין אַ וועלכע עס איז קונסט אָדער מלאכה און זייערע טעכטער מיט קריסטן חתונה צו מאַכן און מען זאָל בויטן די יידן צו עסן טרפות.

אין די גרעסערע שטעט פון פרייסן האָבן זיך געפונען פיל יידן, וואָס האָבן, פון דעם 7-יעריקן קריג אָן, אָנגעזאַמלט גרויסע פאַרמעגנס. צוליב די פאַדריאַדן, וואָס זיי האָבן אָנגענומען—צוצושטעלן פאַרן מיליטער פאַרשידענע מאַטעריאַלן, האָבן אַנדערע געמוזט אויפשטעלן פאַרשידענע פאַבריקן, וועלכע זיינען שוין געבליבן שטיין נאָכן קריג אויך; אַנדערע ווידער זיינען רייך געוואָרן אַרום דער בערזע, אָדער פון אויפקויפן פאַרבראַקירטע מטבעות, וואָס זיינען זייער פיל פאָרגעקומען אין דער צייט פון פרידריך דעם גרויסן, ביי וועלכע געשיקטע ספעקולאַנטן האָבן אַ סך געלט פאַרדינט. עס זיינען אויפגעקומען צווישן יידן אָנגעזעענע מיליאָנערן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו אַ העכערער מדרגה אין געזעלשאַפטלאַכן לעבן און בשום אופן נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם היפך צווישן זייער רייכטום און בילדונג פון איין זייט און זייער געזעלשאַפטלאַכער נידעריקער לאַגע און אויסגעשלאָסנקייט פון אַלע בירגערלאַכע רעכט פון דער אַנדערער זייט. און אַזוי ווי די בירגערלאַכע און אַריסטאָקראַטישע ספערן זיינען פאַר זיי געווען פאַרשלאָסן, האָבן זיי געזוכט צו מאַכן פריינטשאַפט מיט באַרימטע שריפטשטעלער און געלערטע. אַזוי ווי פריהער מענדעלסאָנס הויז, אַזוי זיינען איצט אויפגעקומען יידישע סאַלאָנען ביי דוד פרידלענדער, ביי דער פאַמיליע איטציג, ביי דער פרוי שרה לעווי, וואו עס פלעגן זיך צונויפנעמען די געבילדעטערע קלאַסן. קריסטן פלעגן אויך אַהין קומען, אָבער נאָר מענער, קריסטלאַכע פרויען, וואָס זיינען געווען מער קאָנסערוואַטיוו, זיינען פון די סאַלאָנען געשטאַנען פון וויטן. אין דידאָזיקע סאַלאָנען האָט געהערשט אַ העכסט פרייער טאָן; מ'האָט נישט געוואוסט און נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום גרעניצן. די רייכע יידן,

און אַפילו פרויען, וואָס האָבן זיך פּלוצלונג דערשפּירט ווי אָפּגעריסן פון דעם אַלטן יידישן לעבן, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער פרייער ריכ־טונג פון דער אויפקלערונג. אין זייער עלטערנס הויז האָבן די פרויען פון זייער רעליגיע געלערנט נישט מער, ווי עטלאַכע צערעמאָניעס, וועלכע האָבן פאַר זיי קיין שום זין נישט געהאַט; עטלאַכע תּפילות, וועלכע זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען און האָבן נישט געקאָנט באַפרידיקן זייערע גייסטיקע באַדערפנישן. קוים האָבן זיי דערשפּירט מער אויסער־לאַכע און אינערלאַכע פרייהייט, האָבן זיי דאָס אַלץ אַוועקגעוואָרפן, אַזוי ווי אַן איבעריקע, אומנוצלאַכע זאַך. מען האָט געוואָלט ווערן אַ געבילדעטער, אַ געשעצטער, אַ מענטש מיט לייטן גלייך, און מ'האָט זיך געפילט געשטערט דעריך דורכדעם, וואָס מ'איז צוגעבונדן צום יידנטום —האָט מען דאָס יידנטום אַוועקגעוואָרפן. דערפון איז דאָס געקומען צו מאַסנהאַפטן שמד, וועלכער האָט ערשט נאָר אין איצטיקער צייט געפונען זיין עקלהאַפטן ביישפּיל. אין יאָר 1799 האָט דוד פרידלענדער געשיקט צו איינעם פון די אָנגעזעענע בערלינער גייסטלאַכע פון די אויפגעקלערטע קרייזן, צום פּאַבסט טעלער, אַ „ספּעציעלע שריפט—אונ־טערגעשריבן פון עטלאַכע יידישע פאַמיליעס"—אין וועלכער ער איז מודיע אין זייער נאָמען, אַז זיי זיינען גרייט אָנצונעמען דאָס קריסטנ־טום, אויב מען וועט זיי נאָר דערלויבן נישט אָנצונעמען יענע קירכלאַ־כע עיקרים, וואָס זייער שכל קאָן צו זיי נישט מסכּים זיין. דאָס הייסט, ער האָט פאַרלאַנגט אַ קריסטנטום אָהן די אַלע פּונקטן, פון וועלכע די קריסטלאַכע אמונה באַשטייט. טעלער האָט אַזאַ נאַרישע פאָדערונג נישט נאָכגעגעבן און האָט געהאַט פון זיין שטאַנדפּונקט צו ענטפערן: אַ קריסטנטום אָהן דעם גלויבן אין קריסטוס איז אוממעגלאַך.

אין די לעצטע יאָרן פון דעם 18־טען יאָרהונדערט פלעגן אָנגע־זעענע דייטשע שריפטשטעלער, קינסטלער און פילאָזאָפן קומען אין די יידישע סאַלאָנען, וואו זיי האָבן געפונען אַ אַנציענדערע און עלע־גאַנטערע געזעלשאַפט ווי ביי די קאָרטנטישן פון די קלובן אָדער ביי די פּוסטע לוקסוס־אָוונטן און מאָלצייטן פון די הויכע באַאַמטע און מיליטערקרייזן. פון די יידישע סאַלאָנען האָבן זיך אויסגעצייכנט דער סאַלאָן פון בערס הויז, וואו די מוטער פון דעם באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר מייערבער האָט געהערשט אַלס „קעניגין־מוטער" און די סאַלאָנען פון הענריעטע הערץ און רחל לעווין.

הענריעטע איז געווען די פרוי פון דעם הויפּראַט ד״ר מאַרקוס הערץ, וועלכער איז געווען באַרימט נישט נאָר אַלס דאָקטאָרמעדיצין, גאָר נאָך מער דורך זיינע פילאָזאָפישע פאָרלעזונגען, צו וועלכע עס פלעגן קומען באָטשאַפטער, מיניסטאָרן, פּרינצן און אַפילו דער קרוינ-פּרינץ פרידריך ווילהעלם דער דריטער. ער איז אָבער אויך געווען אַ באַגייסטערטער ייד, וועלכער האָט זיך מינדלאַך און שריפטלאַך איינ-געשטעלט פאַר זיינע ברידער און זיך משתדל געווען זייער לאַגע צו פאַרבעסערן. ער איז געווען מיט צוואַנציק יאָר עלטער פאַר זיין פרוי, וועלכע איז אים געווען איבערגעגעבן און אים ליב געהאַט מיט קינדי-שער פאַרערונג מער ווי מיט פרויענליבע. איר זעלטענע שענקייט, גע-זעלשאַפטלאַכער רייץ און איר טיפגעבילדעטער גייסט האָבן זי אַוועקגע-שטעלט אין צענטער פון אַן אויסערוויילטן קרייז. די דיכטער ראַמלער און ענגעל, די שריפטשטעלער ניקאָלאַי און מאָריץ, די טעאָלאָגן שליי-ערמאַכער, טעלער, שפּאַלדינג און צעלנער, די שטאַטסמענער דאָם, בענץ, גראַף בערנסטאָרף, אַנסילאָן, דער געניאַלער ווילהעלם פאָן הומ-באָלדט, דער בילדהויער שאַדאָוו, אַ סך יונגע ראָמאַנטיקער, ווי פרידריך שלעגעל, זיינען געווען היימישע מענטשן אין איר הויז. באַרימטע אויס-לענדער, ווי גראַף מיראַבאָ דער זון, האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ זכיה אַריינצוקומען אין איר הויז. אויך איר מאַנס טויט, אין יאָר 1803, נאָך וועלכן זי האָט ערנסט געטרויערט, האָט נישט געענדערט דאָס פאַר-האַלטן זיך צו איר פון דער דייטשער געזעלשאַפט. שאַמיסאָ, זאַכאַריאַס ווערנער, זשאַן פּאָל און אַפילו שילער, בשעת זיין קורצער פאַרוויילונג אין בערלין, האָבן באַזוכט הענריעטע הערץ. בערנע האָט זיך געוואָלט דאָס לעבן נעמען צוליב זיין ליבע צו דער „טראַגישער מוזע״,—ווי ער האָט גערופן די הערץ, וועלכע איז געווען מיט צוואַנציק יאָר על-טער פאַר אים. די געבילדעטע הערצאָגין דאָראָטעאַ פון קורלאַנד, די דיכטערין עליזאַ פאָן דער רעקע, די וועלטבאַרימטע פרוי פאָן סטאַל, זיינען געווען מיט איר באַפריינדט. שטאָלץ, געלאַסן, האָפערדיק און שטענדיק באַשעפטיקט, איז זי געבליבן די הויכגעשעצטע געטין פון אַ גרויסן קרייז בעסטע מענטשן אין בערלין. אַ פעהיקע און געשיקטע די-לעטאַנטין איז זי געווען, מיט אויבערפלעכלאַכע ידיעות אין אַ סך זאַכן, נור אַן אמתע קינסטלערין צו הערשן איבער אַ געזעלשאַפט. דאָס גאַנ-צע לעבן איז זי געווען ווייט פון יידנטום און פרעמד צו דעם, נאָך

געטויפט—אויפן פראָטעסטאַנטישן גלויבן—האָט זי זיך ערשט נאָך איר מוטערס טויט, אין יאָר 1817.

גאַנץ אַנדערש איז געווען רחל לעווין מיט איר הייסער, ברע־נענדיקער, לײַדנשאַפטלאַכער נאַטור: זי איז געווען נישט שיין, קרענק־לאַך און נערוועז; נישט געלערנט, אָבער פול מיט פֿייער, מיט אַן אָרי־גינעלן, דורכדרינגענדיקן גייסט, זעלבסטשטענדיק, בכיון געקינסטלט אין אירע ווערטער און אין אירע געפילן, מיט מער מענלאַכע ווי ווייבלאַ־כע מעלות, פול מיט באַגייסטערונג פאַר אַלץ, וואָס איז שיין אין דער נאַטור און אין מענטשן, האָט זי שטאַרק פיינט געהאַט חניפה און שקר. און דאָך האָט איר קראַנקהאַפטע אייגנליבע זי פאַרפירט געגן איר ווילן, ביז צו אַ פאַלשער זעלבסטפאַרגעטערונג און גלויבן אין זיך אַליין. איר סאַלאָן האָט געדינט פאַר אַ זאַמלפּלאַץ פאַר אַלץ, וואָס איז גרויס און גלאַנצפול געווען אין בערלין. פּרינצן, דיפּלאָמאַטן, גע־נעראַלן, דיכטער, געלערטע, אויך גרעפינס און קינסטלערינס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין די איינפאַכע צימערן פון דעם העסלאַכן, נישט רייכן „יידן-מעדכען” און זי האָט אַלע באַצויבערט. אויך דער פּרינץ פאָן האָ־הענצאָלערן, לואי פערדינאַנד איז געווען אַן אָפטער גאַסט ביי איר. איר נאָמען איז באַקאַנט געווען ווייט, ווייט אויסער בערלין אויך,— דערהויפט נאָכדעם ווי זי איז—בעת איר רייזע נאָך פאַריז אין יאָר 1800—באַקאַנט געוואָרן אויך מיט די גרעסטע גייסטער פון פראַנקרייך.

ווייניקער סימפּאַטיש פון אַלע אַנדערע יידישע פרויען, וואָס זייע־רע סאַלאָנען זיינען געווען צענטרען פאַר דער דעמאָלדיקער בערלינער העכערער וועלט, איז געווען מענדעלסאָנס טאָכטער, דאָראָטעאַ פייט. צוליב איר ליבע צום פילאָזאָף שלעגעל, האָט זי זיך אין יאָר 1798 בעגט מיטן מאַן און האָט חתונה געהאַט מיט שלעגעלן. זי האָט גע־שריבן נאָוועלן, אין וועלכע זי האָט אייגנטלאַך פאַרטיידיקט די פרייע ליבע. אין אָנהויב האָט זי זיך מיט גרויס התלהבות געהאַלטן אין גע־טעס ריכטונג, און אין איר נאָמען האָט זי באַגייסטערט געקעמפט געגן דער אויפקלערונג; אָבער איר מיסטיק, אינאיינעם מיט איר הייסער תאוה—וועלכע האָט זי שפּעטער געבראַכט צום קאַטויליציזם—האָט זי באַלד אָפּגעריסן פון דעם „גרויסן געצנדינער”, פון געטען.

נישט-קוקנדיק אויף דעם אויסערן גלאַנץ, איז דאָך יענע צייט געווען פאַרן בערלינער יידנטום אַ צייט פון אינערלאַכער צופאַלנקייט

און פאַלשקייט, די יידן האָבן באַהערשט די געזעלשאַפט נור דערמיט, וואָס זיי זיינען געוואָרן אומטריי און פאַלש צום יידנטום און צו זיך אַליין. אַלע „מאָדערנע” פון יענער צייט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אומזיכערקייט, שוואַכן כאַראַקטער, האַסטיקקייט און פאַרדאָרבענער זיטלעכקייט. נישט אומגערעכט זיינען געווען די פרומע יידן און כמעט די גאַנצע קריסטלעכע פרויענוועלט, וואָס זיי האָבן געווייכט פון די דאָזיקע קרייזן, וועלכע זיינען פול געווען מיט פאַרברעכן און אויסגעלאַסנקייט.

דער אמת מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז מיט געמיינהייט, אומזיטלאַכקייט, פוילער קריטיק און ציניזם שפּאָט איז אין יענער צייט פול געווען די גאַנצע דייטשע געבילדעטע וועלט, ווי אין בערלין, אַזוי אויך אין די איבריקע פּרייסישע שטעט. די מלחמה ביי יענאַ איז ווי אַ פּרוכטבאַרע נקמה אָנגעשיקט געוואָרן אויף דער דאָזיקער חרובדיקער געזעלשאַפט פאַר איר אויסגעלאַסנקייט. נאָך דעם נצחון פון די פראַנצויזן ביי יענאַ איז אין אַ משך פון צוויי יאָר (1806, 1807) כמעט די גאַנצע פּרייסישע מלוכה צושטערט געוואָרן.

דערדאָזיקער שטורם, וועלכער איז געווען אין דעם ערשטן אויגנבליק אַ געוואַלטיקער חורבן, האָט בכלל פיל גוטס געבראַכט דעם לאַנד. ער האָט די געדאַנקען פאַרטיפט און די גייסטער געשטאַרקט. ער האָט דאָס אַלטע פּרייסן צושטערט, ער האָט אָבער אויף זיין אָרט געלאָזט אויפשטיין אַ ניי פּרייסן מיט אַ גלענצנדיקער צוקונפט און גוטע האָפנונגען. דערדאָזיקער שטורם האָט אויך אויף די פּרייסישע יידן זייער גוט געווירקט: זייער כאַראַקטער אויסגעאיידלט, זייער גייסט אויפגעהויבן. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, אַז דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן ביז איצט אַזוי געשעצט, איז נישט מער ווי אַ פּוסטער גלאַנץ; זיי האָבן זיך באַמיט אַוועקצוואַרפן דאָס אינהאַלטסלאָזע און האָבן זיך גענומען צו טיכטיגער, נוצלאַכער אַרבעט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט קונסט און ד. גל. זיי האָבן געגרינדעט שולן, וואָס זיינען אפילו פון קריסטלאַכע שילער באַזוכט געוואָרן און זיינען גערימט און אָנדערקענט געוואָרן פון פאַכלייט, ווי פון דער רעגירונג פאַר, זייער נוצלאַכע אַנשטאַלטן. דערהויפּט איז באַרימט געווען די העכערע דערציונגסאַנשטאַלט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין בערלין אין 1807 דורך ד"ר באָק, וואו עס האָבן געלערנט אויך קריסטלאַכע קינדער פון אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס. אַפילו די יידישע סאַלאָנען האָבן אָנגענומען אַן

ערנסטן כאַראַקטער. ביי הענריעטע הערץ האָט מען אָנשטאָט די אַרי־סטאָקראַטישע פריידיינקער געזען פון איצט אָן די געלערטע פון דער נייגעגרינדעטער אוניווערזיטעט. ביי ראַשעל האָט געהאַט איינגאַנג אויך דער יידנפיינט פיכטע, דער ראָמאַנטישער דיכטער דע לאַ מאָט־פוקע, די ליבנסווירדיקע גייסטיקע קאַראָלינע פאָן הומבאָלדט, די גרעפין שלאַבערנדאָרף און אַנדערע.

ביי דער נייגרינדונג פון דער פרייסישער מלוכה, וואָס איז אין פיל פּרטים געמאַכט געוואָרן לויט די אידייען און איינריכטונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן די יידן אָנגעהויבן ענערגיש צו שטרייטן פאַר פולקומע בירגערעכט, אויף וועלכע זיי האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט. דוד פרידלענדער און די פאָרשטעהער פון דער בערלינער געמיינדע זיינען נישט מיד געוואָרן זיך משתדל צו זיין אין די העכ־סטע רעגירונגס־ספערן, מען זאָל די יידן געבן בירגעררעכט גלייך מיט אַלע אַנדערע אונטערטאַנען. אָבער אַ לאַנגע צייט איז זייער מי געווען אומזיסט. דער קעניג, וואָס איז געווען געגן יעדער רעפאָרם, האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן. געוויסע זכיות נור האָבן זיי באַקומען. אין דער נייער שטאָטאָרדנונג פון 19־נאָוועמבער 1808 האָט מען פון די יידן אָראָפּגענומען דעם שענדלאַכן נאָמען „שוצייידן” און זיי געגעבן דאָס שטאָטבירגעררעכט. באַלד איז דוד פרידלענדער אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ שטאָטראַט אין בערלין. דורך אַ קעניגלאַכער פאַראָרדנונג פון 11־טען יאַנואַר 1810 זיינען די יידישע סוחרים פון קעניגסבערג אָנגע־נומען געוואָרן אַלס מיטגלידער אין דעם דאָרטיקן סוחרים־פאַראיין. ווי ווייט יענע באַפרייונג פון די יידן נוצט אויך פאַר דער מלוכה און פאַר דער געזעלשאַפט, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן. בשעת די קעניגס־בערגער סוחרים האָבן אין יאָר 1810 אונטערשטיצט די רעגירונג מיט אַ הלואה פון אַ מיליאָן פראַנק, האָבן די יידישע באַנקירן—קאַספאַר און וואָלף אָפּענהיים—דורכגעפירט דאָס גאַנצע געשעפט אָהן שום רוחים פאַר זיך.

ענדלאַך איז געלונגען דער נייעם, פרייגעזאָנענעם פרייסישן קאַנ־צלער פאָן האַרדענבערג צו בויגן דעם קעניגס ווילן לטובת דער פאַר־בעסערונג פון דער יידישער לאַגע. דעם 11־טען מערץ 1812 איז דער־שינען דער באַפעל בנוגע צו דעם בירגערלאַכן צושטאַנד פון די יידן, וועלכער איז זייער טיכטיק אויסגעאַרבעט געוואָרן מיטן אָנטייל פון די פאָרשטעהער פון דער בערלינער יידישער געמיינדע. די פאַרפאַסער פון דער „פאַראָרדנונג” האָבן זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעזאָגט פון

דעם געדאַנק, אַז דאָס געזעץ דאַרף ווירקן אויף די יידן אַלס דערציער און די רעכט, וואָס מען גיט זיי, דאַרפן ווערן צוגעמאָסטן לויט זייער קולטורעלן און זיטלאַכן צושטאַנד. איצט האָבן זיי געפאָלגט דעם פאָר־שלאָג, וואָס ווילהעלם פאָן הומבאָלדט האָט געמאַכט נאָך אין יאָר 1809, —אַז די יידן דאַרפן באַטראַכט ווערן אַלס בירגער, וואָס דער חילוק צווישן זיי און די קריסטלאַכע בירגער באַשטייט נאָר אין דער רעליג־יעזער איבערצייגונג. די דערמאָנטע פאַראָרדנונג האָט געגעבן די יידן נישט אַ ל ץ, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט, אָבער דאָך אַ סך. די יידן, קוים היטן זיי אָפּ די פאַראָרדנונגען פון דער רעגירונג, זיינען זיי ביר־גער פון דער פרייסישער מלוכה און שטייען אויף דער אייגענער מדרגה, וואָס קריסטן, בנוגע צו שטייעראָפּצאָלונגען, מיליטערדינסט, חתונות, מלאכה און האַנדל, ווי אויך בנוגע צו קויפן און באַזיצן נחלאות און זיין באַאַמטע אין דער שטאָטפאַרוואַלטונג, ווי אויך אין די שולן און אוניווערזיטעטן. נאָר וועגן צולאָזן יידן אַלס באַאַמטע אין דער ר ע ג י־ר ו נ ג ס-פאַרוואַלטונג, אָדער צו זיין ריכטער—דאָס האָט נאָך די רע־גירונג נישט באַשלאָסן. קורץ, די יידן זיינען דערקלערט געוואָרן פאַר בירגער מיט אַ ל ע—אויסער די שטאַטלאַכע—רעכט, וועלכע הומבאָלדט האָט דורכויס פאַר זיי פאַרלאַנגט. דעם אמת זאָגנדיק, האָבן יידן דע־מאָלט גאָרנישט אַזוי שטאַרק געשטרעבט צו באַקומען שטאָטבירגער־רעכט. זיי האָבן אינגאַנצן באַקומען אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר גוצלאַך און נויטיק, און זיינען געווען העכסט צופרידן דערמיט, וואָס זיי האָבן זייער ציל דערגרייכט. די בערלינער יידישע פאָרשטייער האָבן מיטן גאַנצן האַרצן אַנידערגעלייגט פאַרן קעניגלאַכן טראָן דעם דאַנק פון זייערע ברידער. די יידן זיינען שוין מער נישט געווען קיין קנעכט, קיין עלנדע בעטלערסעקטע. אַ שרייבערל פון אַ קאַנצעלאַריע, שיקנדיק צו אַ יידן אַ וועלכן עס איז פאַפיר, האָט שוין מער נישט אויפגעשריבן אויף דעם אַדרעס דאָס וואָרט „שוצייד". זיי זיינען געווען פרייע בירגער כמעט אין דער אייגענער מאָס ווי עס איז דעמאָלט אָנגענומען געווען אין פרייסן. עס איז געווען אַזאַ פאָרשריט, וועלכן די פרייסישע יידן האָבן נאָך ביז דעמאָלט נישט געזען.

אין ק ו ר מ אַ ר ק, דאָס הייסט, אין דעם גרעסטן טייל פון דער איצטיקער פראָווינץ ב ר אַ נ ד ע נ ב ו ר ג, האָבן זיך געלאָזט 2700 יידן פאַרשרייבן אין דעם פאַמיליענרעגיסטער, אָנגענומען פעסטע פאַמיליע־

נעמען און זיינען דערמיט אָנדערקענט געוואָרן פאַר שטאַטסבירגער. 279 פון זיי האָבן געוואוינט אין פּאָטסדאַם, 78—אין ברעסלוי און 1634 אין בערלין. צווישן זיי זיינען געווען מענטשן פון אַלע קלאַסן און פון אַלערליי באַשעפטיקונגען: פאַבריקאַנטן און באַנקירן, סוחרים און אָנגעשטעלטע, דאָקטוירים און דאַנטיסטן, ווי אויך מאַסן סטודענטן און פאַרמאַצעווטן, פילאָזאָפיע-דאָקטוירים, לערער און איין שטאָטראַט — דוד פרידלענדער,—איין „אַקאַדעמישער קינסטלער", דריי מאַלער—דערונטער דער באַקאַנטער ווילהעלם הענשעל—איייניקע מוזיקער, איין נאָטאַריוס, מעכאַניקער, צוויי צירולניקעס, שריפטזעצער, הוטמאַכער, קירזשנער, שניידער, בראָנפנברענער, קראַנקענוועכטער, דינער און דינסטמיידלאַך.

די אַלטע צניעות און שטרייִנגע זיטן-ריינקייט איז, ווי עס ווייזט אויס, דעמאָלט ביי יידן פיל שוואַכער געוואָרן: אין דער בערלינער רשימה געפינען זיך פיר נישט-כשרה קינדער, פון וועלכע צוויי געהערן צו יידישע דינסטמיידלאַך. אויך אין פּאָטסדאַם, וואו עס האָט זיך געפונען די גרויסע פאַבריק פון איינגלישע לעדער פון אליהו דניאל איטציג, באַגעגנען מיר אַ נישט-כשר יידיש קינד. דאָס זיינען אַלץ פאַקטן, וואָס וואַרפן אַ גרעל ליכט אויפן סאָציאַלן צושטאַנד פון די דעמאָלטיקע פרייסישע יידן.

די גרויסע קולטורעלע איבערקערעניש ביי די דייטשישע יידן איז פאַרבונדן געווען נישט בלויז מיט פּאָליטישע אָדער אידייען-קריזיסן אינם דעמאָלדיקן דייטשלאַנד, נאָר אויך מיט אַ טיפער עקאָנאָמישער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם יידישן לעבן. דער האַנדל האָט אויפגעהערט צו זיין די איינציקע פאָרם פון דער יידישער עקאָנאָמישער טעטיקייט. געשען איז עס טיילווייז אונטער דער ווירקונג פון דער עמאַנסיפּאַציע-באַוועגונג, און טיילווייז צוליב די עקאָנאָמישע צוטרייסלונגען פון נאַפּאָלעאָנס עפּאָכע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען פאַבריקן, ווערקשטאַטן און פרייע פּראָפעסיעס. די יוגנט, וואָס האָט זיך דערצויגן אין די היכלע לערנאַנשטאַלטן האָבן זיך געוואָרפן צו די פרייע פּראָפעסיעס. אין נאַפּאָלעאָנס צייטן האָבן זיך געעפנט פאַר דער יוגענט גרויסע פּערספּעקטיוון פון געזעלשאַפטלאַכע אָדער מלוכה-פּאָסטנס. דידאָזיקע פּראָפעסיעס אָדער די הכנות צו זיי האָבן טאַקע מיטגעהאָלן צו פאַרדייטשן די יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע כחות צו דערווייזן, אַז זי איז פעהיק צו בירגערלאַכן און פּאָליטישן רעכט.

# קאַפּיטל דריי.

## עסטרייך.

האַזונדערס פאַרעקשנט האָט די עסטרייכישע מאָנאַרכיע אויסגע־האַלטן דעם דרוק פון דער רעוואָלוציע. מיטן טויט פון יאָסיף II (1790) האָט דער „אויפגעקלערטער" אַבסאָלוטיזם אָפּגעלאָזט זיין אָרט דעם אַלטן קלעריקאַלן אַבסאָלוטיזם. דער אויפגעשטעלטער אַלטער רעזשים האָט שווער געדריקט אויפן לאַנד, אין וועלכן עס האָט געלעבט אַ בונטע נאַציאָנאַלע באַפעלקערונג, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען ביז אַ האַלב מיליאָן יידן. די וואַקלעניש פון טראָן און קירך אין די צייטן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט בלויז פאַרשטאַרקט דעם ווידערשטאַנד מצד די אַלטע רעזשים־שומרים. נאַפּאָלעאָנס מלחמות, וואָס האָבן עסטרייך אַ היפּש ביסל אַרומגעפליקט ביי אירע ראַנדלענדער, האָבן אָבער נישט באַרירט דעם צענטער פון דער מלוכה, און דאָס יאָר 1806, וואָס האָט אויף אַ געוויסע צייט געענדערט דעם גורל פון דייטשלאַנד, האָט בלויז מאָראַליש מבזה געווען עסטרייך, אָפּנעמענדיק ביים עסטרייכישן קייזער די קרוין פון דער רוימישער אימפּעריע, און דעם פאַר־

מעלן טיטל פון אַ ראש פונם דייטשישן פאָלק.

לויט דער צאָל, האָט די יידישע באַפעלקערונג פאַרנומען אין יענער צייט דעם צווייטן אָרט נאָך רוסלאַנד. די יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט שיטער באַוואוינט ווין און דייטש-עסטרייך, איז געדיכט געזעסן אויף דער סלאַווישער און אונגאַרישער ערד: אין בעמען און מערן (לויט דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1803 — 76,000 נפשות), אין גאַליציע 200,095, אין אונגאַרן, דערין סלאָוואַקיע און טריעסט—85,000 נפשות. אין דידאָזיקע דריי טיילן פון דער מלוכה איז געווען אַ געזעצלאַכער תחום-המושב, אין די איבעריקע ערטער האָבן זיי בלויז געמעגט וואוינען צייטווייליק. די באַזונדערס נישט בירגערלאַכע לאַגע פון די יידן פלעגט רעגולירט ווערן דורך פאַרשידענע סיסטעמען פון פאַרשידענע געזעצגעבונגען אין פאַרשידענע פראָווינצן. אין ווין און אין דייטש-עסטרייך פלעגט מען פריווילעגירטע לייט, באַזונדערס פאָרשטייער פון גרויס-קאַפּיטאַל, געבן קאָנצעסיעס אויף צו וואוינען און צו האַנדלען.

זייער שלעכט פאַרן כלל, איז דאָך די דאָרטיקע רעגירונג געווען גוט פאַר איינצעלנע רייכע פאַמיליעס. די אַרנשטיינס, עסקעלעס, לײדערסדאָרף, שלעזינגער, זינהיימער האָבן פאַרקערט מיט דער אַריסטאָקראַטיע און אַנדערע פון זיי האָט דער קייזער אָנדערקענט פאַר אַדעללייט. אַ געשיקטער און פעהיקער טאַבאַקפּלאַנצער, ישראל העניג, האָט באַקומען דעם טיטול איידעלער פאָן העניגסבערג. אָבער הגם די יידן בכלל האָבן זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז זיי זיינען ראוי צום טאָלעראַנץ-באַפעל, וואָס דער קייזער יאָזעף דער צווייטער האָט אַרויסגעגעבן, און האָבן אויך טריי און ענערגיש דערפילט דאָס מיליטערדינסט, פונדעסטוועגן האָט די רעאַקציע, וואָס איז אָנגעקומען נאָך יאָזעף דעם צווייטנס טויט, שלעכט געווירקט אויף די יידן. עסטרייך האָט זיך פעסט אָפּגעשלאָסן געגן יעדן פרייען איינפלוס פון דער רעוואָלוציע און צוליב דער רעוואָלוציע האָט זיך אַלעמאָל נאָך געשטאַרקט די רעאַקציע. דער קייזער פראַנץ און דאָס רוב פון זיינע מיניסטאָרן און יועצים זיינען נישט געווען אומשטאַנד צו פאַרשטיין דעם שווערן שאָדן, וואָס זיי ברייגנען דערמיט זייער אייגענער מדינה. די גרויסע מפּלות, וואָס זי האָט געליטן אין דער צווייטער העלפט פון 19־טען יאָרהונדערט, די געפאַלענע ראָליע, וואָס זי שפּילט צווישן די גרויסע מלוכות, איר איצ־

סיקע אינערלאַכע שוואַכקייט, צוריסנקייט—אַלץ וואַקסט דערפון, וואָס עסטרייך האָט זיך דעמאָלט אַנטזאָגט פון יעדער רעפאָרם און פון יע־דער נייער אָרדנונג, וואָס די צייט פון פרייהייט און פראָגרעס האָט געפאָדערט.

די יידן האָבן פון דער רעאַקציע נאָך מער געהאַט צו ליידן, ווייל די בישאָפן און גלחים האָבן שטאַרק געווירקט אויפן קייזער, ער זאָל באַגרענצן די זכיות, וואָס יידן האָבן שוין אין זיין מדינה געהאַט. דער טאָלעראַנץ-באַפעל פון פריערדיקן קייזער איז געבליבן אויפן פאַפיר, אָבער אין דער ווירקלאַכקייט האָבן יידן קיין שום רעכט נישט געהאַט. ספּעציעלע אָפּצאָלן, ווי ווייך, פלייש און ליכט-שטייער, האָבן געדריקט די יידישע קהלות. יעדער ייד, וואָס איז געקומען קיין ווין, האָט געמוזט געבן לייבאָפּצאָל און באַקומען פון דער פאָליציי אַ מעלדע-צעטל, אויב ער האָט נישט געוואָלט אַרויסגעשיקט ווערן מיט בזיונות און מיט אַלע פאַרברעכער אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען. ער האָט נישט געטאָרט בלייבן אין ווין אָן אַ מעלדע-צעטל. 1500 יידישע איינוואוינער זיינען געווען אין ווין, אָבער זיי האָבן נישט גע־טאָרט האָבן קיין באַזונדער פאַרוואַלטונג אַלס באַזונדערע קהלה. מען האָט עס געהאַלטן פאַר אַ באַזונדער חסד, אַז די ווינער יידן האָבן באַקומען אין יאָר 1811 די דערלויבניש צו בויען אַ שול צום דאַוונען און אַ קינדערשול. אין דער פאָליציי האָט עקזיסטירט פאַר יידישע ענינים אַ באַזונדער הויז מיט אַן אויפשריפט „יידנאַמט", וועלכע איז נאָר געווען דערצו באַשטימט די יידן צו דערנידריקן, צו פייניקן און געלט ביי זיי אויסצוזויגן. קיין ייד האָט נישט געטאָרט האָבן קיין הויז אין ווין, דער האַנדל מיט רוי-פּראָדוקטן, זאַלץ, געטריידע און פעלץ-סחורות, ווי אויך אַפּטייק-זאַכן, איז זיי געווען פאַרבאָטן. דער קייזער פראַנץ, וואָס די גלחים האָבן אויף אים אַ גרויסע שליטה געהאַט, האָט פּערזענ־לאַך אַ סך מאָל אָפּגענומען ביי די יידן זייערע זכיות. חתונה האָבן האָט געמעגט נאָר דער עלטסטער זון פון יעדער פאַמיליע; עס פאַר־שטייט זיך, אַז אַנדערע האָבן אויך חתונה געהאַט, אָבער נאָר דורך שוחד, וואָס מ'האָט פריער געגעבן אין „יידנאַמט".

**בעמען.** אין בעמען האָבן נאָר די יידן פון דער הויפּטשטאָט פּראָג, געהאַט אַן אייגענע געמיינדע. זיי זיינען אָבער

געווען צוזאַמענגעפּרעסט אין די דריי הונדערט שלעכטגעבויטע הייזער פון דעם יידנפערטל (געטאָ). אויף דער פּראָווינץ זיינען נאָר געווען שול-גבאים, אָבער נישט קיין קהלות. בנוגע צו זייער געמיינדע-לעבן זיינען די יידן געווען אונטערגעוואָרפן דער קריסטלאַכער שטאָטפאַר-וואַלטונג. אין בעמען האָט מען דערלויבט צו וואוינען 8600 יידישע פאַמיליעס; אַ נייע חתונה איז דערלויבט געווען נאָר נאָכן טויט פון אַ פאַמיליע-פאָטער. די אייבוואַנדערונג פון פרעמדע יידן קיין בעמען איז געווען פאַרבונדן מיט די גרעסטע שוועריקקייטן. בעמען אין אַרענ-דע שיינקהייזער, מילן, ראָגאַטקעס און אָפּצאָלונגען איז געווען יידן פאַרבאָטן. דאָס אייגענע איז אויך געווען מיט די 28,000 יידן (5400 פאַמיליעס) אין מערן. דאָרט האָט אויך יעדער קאַנדידאַט אויף חתונה האָבן געמוזט וואַרטן, ביז דער טויט פון אַ „פאַמיליאַנט" האָט פריי געמאַכט אַ פּלאַץ פאַר אַ יידישע חתונה; אויך די עלטסטע זין פון די פאַמיליעס זיינען געווען אונטערגעוואָרפן דערדאָזיקער אָרדנונג.

און דאָך האָבן די יידן אין בעמען פיל געטאָן פאַרן לאַנד און געהאָלפן זיין מצב אויפצוהויבן. פון די 58 בעמישע לייוונט-, בוים-וואָל- און ציץ-פאַבריקן זיינען נישט ווייניקער ווי 15 געווען אין יידי-שע הענט; אייניקע פון דידאָזיקע פאַבריקאַנטן האָבן געגעבן אַרבעט פון דריי ביז פירהונדערט אַרבעטער. אין פּראָג אַליין האָבן געלעבט איבער טויזנט קריסטלאַכע פאַמיליעס פון דער אַרבעט אין די יידישע פאַבריקן.

ווי אין די פּוילישע פּראָווינצן, וואָס האָבן אָנגעהערט פּרייסן, אַזוי איז אויך געווען די לאַגע פון די יידן אין גאַליציע, דעם ערך נאָך אַ בעסערע ווי אין די איבעריקע פּראָווינצן פון דער עסטרייכישער מלוכה. די סבה דערפון איז געווען, ווייל אין דעמדאָזיקן איינגענומענעם לאַנד האָט דער קייזער יאָזעף דער צווייטער געקאָנט פרייער און זעלבסטשטענדיקער באַפעלן, ווי אין עסטרייך גופא. די יידנפאָראָרדנונג פאַר גאַליציען פון יאָר 1789 האָט געגעבן די יידן פולקומע פרייהייט בנוגע צו וואוינרעכט. אמת, אין יאָר 1793 האָט מען אין די דערפער דערלויבט צו וואוינען נאָר די יידן, וועלכע האָבן זיך מפרנס געווען פון ערדאַרבעט אָדער מלאכה: דאָס האָט געהייסן, אַז די יידן האָבן כמעט נישט געהאַט קיין מעגלאַכקייט צו וואוינען אין די דערפער, וואָרום אַפילו ערד צו נעמען אין אַרענדע האָבן יידן נישט געטאָרט,

סיידן אַזויפיל, וויפל זיי זאָלען קאָנען אַליין באַארבעטען. שלעכטע פאָלגען האָט געהאַט אַ תקנה, וועלכע דער קייזער יאָזעף, מיינענדיק לכתחילה די יידישע טובה, האָט פאַראָרדנט, אַז יידישע חתן-כלה זאָלען דאַרפען פאַר דער חתונה אויסהאַלטען אַ רעגירונגס-עקזאַמען אין דער דייטשער שפּראַך און אין יידישע דינים און רעליגיע. כּדי זיך אויסצודרייען פון אַזאַ עקזאַמען, וואָס זיי האָבען נישט געקאָנט אויסהאַלטען, האָבען דאָס רוב יידען געמאַכט רעליגיעזע חתונות, וועלכע זיינען פון דער רעגירונג נישט באַשטעטיקט געוועןָ. ביי לעמבערג האָבען די יידען געמוזט וואוינען אין צוויי פאָרשטעט, וואו זיי האָבען אויך געמעגט האָבען הייזער. די צאָל פון די גאַליציאַנער יידען איז באַשטאַנען פון 255,000 נפשות: אין אַ סך שטעט האָבען זיי אויסגעמאַכט אַ גרויסען פּראָצענט פון דער אַלגע-מיינער באַפעלקערונג און אין אייניקע זיינען זיי געוועןָ דער רוב פון דער באַפעלקערונג. פאַרשידענע מלאָכות, ווי גאַרטעל-וועבעריי, שניידע-ריי, טאַפּעצירעריי און גאָלדשמידעריי, איז געוועןָ די באַשעפטיקונג פון די גאַליציאַנער יידען.

**אונגארן.**

די 75,000 יידען פון אונגאַרן האָבען געמעגט וואוינען נאָר אין געוויסע טיילען פון לאַנד; אין אַ סך פריי-שטעט האָבען זיי געמעגט זיך אויפהאַלטען נאָר אַ געוויסע צייט צום האַנדל, אָבער נישט שטענדיק צו וואוינען. פון די בערגווערק-שטעט, (וואו עס געפינען זיך קוילנגרובען און אַז. וו.) און מינץ-שטעט (וואו מען גיסט די מטבעות) זיינען זיי געוועןָ אינגאַנצען אויסגעשלאָסען. דאָרט, וואו מ'האָט שוין יידען יאָ דערלויבט צו וואוינען, האָט אָבער זייער צאָל נישט געטאָרט גרעסער ווערן און זיי האָבען נישט געהאַט קיין בירגערלאַכע רעכט און פיל באַשעפטיקונגען זיינען זיי פאַרבאָטען געוועןָ. זיי האָבען, חוצדעם, געמוזט אַריינטראָגן גרויסע אָפּצאָלונגען דעם קע-ניג, דער קרייז-פאַרוואַלטונג און דער שטאָט. אַלע זייערע פּעטיציעס צו דער רעגירונג און צום רייכסטאַג וועגן זייער גלייכבאַרעכטיקונג זיינען געבליבען אָן ערפאָלג. און אַזוי ווי צום שפּאָט, האָט מען נאָך די יי-דישע „טאָלעראַנץ-טאַקסע" געהעכערט מיט 150 פּראָצענט, פאַרבאָטען יידען צו האַנדלען מיט סאַלפּעטער און פולווער, צו קומען אין האַנדלס-באַציונגען מיט שטייערמערק און קערנטען, ווי אויך צו נעמען אין אַרענדע אָדער אין משכּון גייסטלאַכע גיטער. דערפאַר האָט מען זיי אין יאָר 1807 גרויסמוטיק דערלויבט צו דינען אַלס סאָלדאַטן דעמאָליקע

פּאָטערלאַנד, וואָס האָט זיי באַהאַנדלט ווי פאַרהאַסטע שטיפקינדער. אמת, דערמיט איז מען נישט אויסגעוועזן די יידישע טובה. עס האָט אָבער דאָך געהאַט אַ גוטן ווערט פאַר זיי. דאָס דינען אין מיליטער האָט זיי מער מקרב געווען צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, גע־שטאַרקט זייער קערפּערלאַכע קראַפט און האָט זיי געגעבן אַ גערעכטן גרונט צו פאָדערן אַ בעסערע באַהאַנדלונג.

אָבער־נישט קוקנדיק אויף אַלע באַגרענצונגען פון יידישער פריי־הייט, האָט זיך די אייביקע לעבנסקראַפט פון יידישן פאָלק אויך אין עסטרייך־אונגאַרן געגעבן צו דערקענען. די דערלויבניש פון אַ געוויסער צאָל פרנסות און באַשעפטיקונגען דורך דער בעמישער יידנאָרדנונג פון יאָר 1797 האָט געבראַכט דערצו, אַז אין די פאָלגנדיקע 15 יאָר האָבן זיך מער ווי 400 יידן אין דער בעמישער הויפטשטאָט פּראָג איבער־געגעבן צו נוצלאַכע מלאכות און באַשעפטיקונגען. אין ווין, פּראָג, טאַרנאָפּאָל, לעמבערג, בראָד, פּרעסבורג און פיל אַנדערע שטעט האָט מען אויפגעשטעלט וועלטלאַכע שולן פאַר יידישע קינדער. די ערשטע דרשה אין דער דייטשער שפּראַך איז געהאַלטן געוואָרן אין דער נייער סינאַגאָגע אין ווין דעם 19־טן יוני 1814 און האָט געדינט אַלס מוס־טער פאַר אַנדערע סינאַגאָגעס אין אַנדערע שטעט.

**האָלאַנד.**

די עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונג איז געגאַנגען איבער איי־ראָפּע טריט ביי טריט נאָך דער באַוועגונג פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, וואָס איז פריער געווען אַ רעפּובליקאַנישע און שפּעטער אַ נאַפּאָלעאָנישע. דאָרט, וואו עס האָט זיך אונטערן פראַנ־צויזישן איינפלוס באַפעסטיקט די רעפּובליקאַנישע אָדער קאָנסטיטוציאָ־נעלע אָרדנונג, איז אויך פּראָקלאַמירט געוואָרן די גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג תיכף אָדער נאָך אַ געוויסן פּאַרלאַמענ־טאַרישן קאַמף—אויף דער גאַנצער צייט, וואָס דידאָזיקע נייע רעגירונגס־אָרדנונג האָט געהערשט. אַזויאַרום איז פאָרגעקומען די עמאַנסיפּאַציע פון די יידן אין אַלע אייניקאָגיקע רעפּובליקן פון יענער עפּאָכע—אין דער באַטאַווישער (האָלאַנד), אין דער ציזאַלפּינישער און רוימישער (איטאַליע) און העלוועטישער (שווייץ), פון וועלכע די ערשטע צוויי האָבן זיך, אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָנס אימפּעריע, פאַרוואַנדלט אין „קעניגרייכן“. די עמאַנסיפּאַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט לעבנס־

פּעהיק אין איטאַליע און שווייץ, וואו זי איז געווען אָנגעוואָרפן פון דרויסן, און האָט זיך פעסט איינגעוואָרצלט אין האָלאַנד, וואו דער פראַנצויזישער דרוק האָט געגעבן אַ שטויס דער זעלבשטענדיקער לעזונג פון דער יידישער פראַגע.

פריער, ווי אין אַן אַנדער לאַנד, איז דער גייסט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אַריינגעדרונגען אין האָלאַנד, אין דעם האַלבפרייען לאַנד, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טאָלעראַנץ. 50 טויזנט האָלענדישע יודן, וואָס אַן ערך 20 טויזנט פון זיי זיינען געווען קאָנצענטרירט אין אַמסטערדאַם, האָבן געשאַפן אַ באַדייטנדיקן קולטור-צענטער, וואָס איז לויט זיין כמות נישט געשטאַנען נידעריקער פונם פראַנצויזישן יידנטום; פאַרקערט, ער איז אים נאָך איבערגעשטיגן אינם געביט פון געזעלשאַפטלאַכער אָרגאַניזירונג. שטיפקינדער פון דעם רעפאָרמאַציעלאַנד, וואו אַפילו קאַטאָליקן זיינען געווען אונטערגעוואָרפן געוויסע רעכטלאַכע באַגרענצונגען, האָבן די האָלענדישע יידן דאָך נישט געוואוסט פון דערנידערונג, פון בירגערלאַכער פאַרשקלאַפונג, ווי זייערע ברידער אין די שכנישע לענדער. אַ ברייטע קהילהאויטאָנאָמיע האָט אויפגעהאַלטן דעם נאַציאָנאַלקולטורעלן צובונד, וואָס זיין מאַכט פלעגט טיילווייז שוואַכער ווערן דערפאַר, ווייל די געמיינדעס זיינען געטיילט געוואָרן אויף „פּארטוגעזן״ (ספרדים) און „אשכנזים״. די פעסטע קהילה-דיסציפּלין האָט אַרויפגעלייגט אויף דער מאַסע פון האָלענדישן יידנטום אַ שטעמפּעל פון קאָנסערוואַטיזם, וואָס איז געוואָרן אַ שטערונגסקראַפט אין דער נייער עמאַנסיפּאַציע-באַוועגונג. נאָר געציילטע פאָרשטייער פון דער אַמסטערדאַמער יידישער געזעלשאַפט, וואָס האָבן זיך געפונען אונטערן אידייען-איינפלוס פון 18-טן יאָרהונדערט און מענדעלסאָנס שיטה, האָבן זיך אין דער ערשטער צייט תיכף דורכגעדרונגען מיט די לאָזונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און האָבן, ווי געהעריק, אָפּגעשאַצט די פאָדערונגען וועגן אינערלאַכע רעפאָרמען. דידאָזיקע איינצעלנע פיאָנערן פון דער באַפרייונגסבאַוועגונג האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן ליבעראַלן קלוב „פעליקס ליבערטאַטע״ (גליקלאַכע פרייהייט), וואָס האָט זיך געגרינדעט אין אַמסטערדאַם, נאָך איידער די פראַנצויזן האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד. אין דעמדאָזיקן קלוב פון געזעלשאַפטלאַכע טוער, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט אויף זייער פאָן די פּרינציפּן פון דער דעקלעראַציע פון מענטשנרעכט. האָבן זיך באַטייליקט אינאיינעם מיט

קריסטן די אָנגעזעענסטע יידישע כלל-טוער אין אַמסטערדאַם: דער סוחר און געזעצקענער משה-שלמה אַסער און דער ד״ר דע-לעמאָן. אין יאָר 1795 איז פאַרווירקלאַכט געוואָרן דער טרוים פון די האָלענדישע ליבעראַל-„פּאַטריאָטן". שליסנדיק מיט זיי אַ בונד, האָבן די אַרמייען פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק אַרויסגעטריבן פון לאַנד דעם שטאָטהאַלטער ווילהעלם V פון דער אָראַנישער דינאַסטיע און איבערגעמאַכט די נידערלענדישע שטאַטן אין אַ באַטאַווישער רעפּובליק.

עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ רעכטדעקלאַראַציע פאַר די האָלענדישע בירגער, וואָס האָט פעסטגעשטעלט די פולשטענדיקע בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיקונג אָן אונטערשיד פון רעליגיע און גלויבן. דעם 4-טן מערץ 1795 האָבן זיך די אַמסטערדאַמער יידן פאַראייניקט אין אַ רעפּובליקאַנישער מאַניפעסטאַציע מיט די קריסטן: די יידישע קלובמיטגלידער פון „פעליקס ליבערטאַטע" און די קינדער פון די יידישע יתומימהייזער האָבן זיך באַטייליקט אין דער צערעמאָניע פון פלאַנצן דעם „פרייהייטסבוים" פאַרן בנין פון ראָטהויז.

קיין איינהייטלאַכקייט האָט אָבער אין דער אַמסטערדאַמער יידישער קהילה נישט געהערשט. אין דער צייט, וואָס די פרייד־ייִנקענדיקע מינדערהייט האָט זיך אַנטציקט מיט דער איבערקערעניש און האָט געהאָפט, אַז זי וועט ברענגען פאַר די יידן די גרעסטע ישועה, האָט די אָרטאָדאָקסישע מערהייט געזען—אָדער גיכער פאַרויסגעפילט—אַז דאָס וועט פירן צו אַ חורבן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. די קאָנסערוואַטאָרן האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פריערדיקע קהילה-אויטאָנאָמיע, וואָס האָט רעגולירט נישט בלויז דאָס רעליגיעזע, נאָר אויך דאָס געזעלשאַפטלאַכע יידישע לעבן, וועט אומבאַדינגט בטול ווערן, ווי נאָר די יידן וועלן אַריין אינם צוזאַמענשטעל פון דער בירגערלאַכער געזעלשאַפט און אין זיך איינטיילן אין שטאַנדן. דאָס יידישע געריכט, די יידישע שול, די אומגאַנגסשפּראַכן פון די אשכנזים און ספרדים וועלן פאַרשוואונדן ווערן און אונטערן איינפלוס פון מאָדערנעם פראַנצויזישן אַטעאיזם וועט אויך שוואַכער ווערן די רעליגיעזע דיסציפּלין. צו דידאָזיקע אַלגעמיינע פחדים האָבן זיך אויך באַהעפט פערזענלאַכע שרעקן: די רבנים און ראשי-הקהל פון די אַמסטערדאַמער קהילות—פון דער אשכנזישער און דער ספרדישער—די אַלמעכטיקע „פרנסים" האָבן זיך נישט געקאָנט באַרויקן מיט דער פערספּעקטיוו, אַז עס וועט

געמיינערט ווערן זייער ממשלה און אַן ענדערונג וועט קומען אין די אַלטע רעגולאַמינס, וואָס האָבן זיי געגעבן די געזעצלאַכע מעגלאַכקייט צו שפּילן ביי דער יידישער באַפעלקערונג די ראָל פון אַ רעגירונג. צוליב דעם טעם האָבן טאַקי דידאָזיקע פּרנסים קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די בקשה פון די ליבעראַלע מיטגלידער פון דער אַמסטערדאַמער קהילה איבערצולייענען אין דער סינאַגאָגע די רעפּובליקאַנישע רעכטדערקלאַראַציע. די פּרנסים האָבן צונויפגעזאַמלט אַ מענגע חתימות אויף זייער שריפטלאַכער דערקלערונג, אַז לייענען אין סינאַגאָגע אַ רעפּובליקאַנישע דעקלאַראַציע איז געגן די געזעצן פון דער יידישער אמונה. די ליבעראַלן האָבן דעמאָלט אַרויסגעלאָזט אַ פּראָטעסטאויפרוף געגן די מעשים פון די רעדלפירער און האָבן אים פאַנאַנדערגעקלעפּט אין די שולן; די פּרנסים האָבן געהייסן אַראָפּרייסן דידאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס.

אַזוי אַרום איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג אין דער האָלענדישער יידישער קהילה, דוקא אין דעם מאָמענט, ווען עס איז אַזוי נויטיק געווען די איינהייטלאַכקייט און אחדות, ווייל אין דער באַטאַווישער רעפּובליק האָבן זיך אָנגעהויבן די וואַלן צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. די יידן זיינען אָן מניעות צוגעלאָזט געוואָרן צו די וואַלן, אָבער צוליב די אינערלאַכע אַרומרייסענישן האָבן זיי גענומען אַ גאַנץ שוואַכן אָנטייל אין דער וואַלקאַמפּאַניע, און דעריבער איז זיי נישט געלונגען דורכצופירן קיין איין יידישן דעפּוטאַט אין ערשטן פּאַרלאַמענט פון דער רעפּובליק. בעת עס האָט זיך געעפנט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, איז אַהין אָנגעקומען אַ מעמאָריאַל, געצייכנט דורך די יידישע מיטגלידער פון קלוב „פעליקס ליבערטאַטע (פון די אשכנזים—משה אַסער און זיין יונגער זון קאַרל, הערץ בראָמעט און יצחק יאָנגע. פון די ספרדים—ד״ר דע-לעמאַן און יעקב סאַבאָרטאַס). די אָנפירער פון דער יידישער ליבעראַלער פּאַרטיי האָבן געבעטן די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג זיך משתדל צו זיין מכוח דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן מיט די איבעריקע בירגער. ווערנדיק פאַקטיש בירגער, —האָט זיך געזאָגט אין דעמדאָזיקן מעמאָריאַל—וואַרטן די יידן אויף דער יורידישער אָנדערקענונג פון זייער גלייכבאַרעכטיקונג. נעמענדיק אַן אָנטייל אין די וואַלן האָט די יידישע באַפעלקערונג דאָס רעכט צו באַטראַכטן די קריסטלאַכע דעפּוטאַטן אַלס אירע פאָרשטייער און פאָדערט זיי דעריבער אויף צו פאַרטיידיקן די יידישע אינטערעסן. די

נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אויסגעוויילט אַ באַזונדער קאָמיסיע, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע דורכצוקוקן די יידישע פראַגע.

די קאָמיסיע האָט געהאַט דורכצופירן אַ שווערע אויפגאַבע: צו לעזן אַ פראַגע, וואָס מיט איר איז, ערשטנס, צוזאַמענגעבונדן געווען אַ גרויסע מאַסע פאַראורטיילן אין דער קריסטלאַכער געזעלשאַפט, און, צווייטנס, האָט זי אַריינגעבראַכט אַ פירוד אין דער יידישער געזעלשאַפט גופא. די האָלענדישע פאָלקספאָרשטייער האָבן זיך געמוזט רעכענען מיטן פאַקט —אַ זעלטענער פאַקט אין דער גאַנצער עמאַנסיפּאַציע-געשיכטע, אַז די גלייכבאַרעכטיקונג האָט געפאָדערט נאָר אַ מינדערהייט פון דער יידישער געזעלשאַפט. די מערהייט איז נוטה געווען צו דער אַלטער אָרדנונג. אַ הייפעל פּראָגרעסיווע יידן האָט געמוזט אויפהויבן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע, כּדי אָפּצושוואַכן די ווירקונג פון דער מערהייט. אין דער קאָמיסיע פון פּאַרלאַמענט איז דערהאַלטן געוואָרן אַ גאַנצע ריי מעמאָראַנדומס לטובת דער גלייכבאַרעכטיקונג. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען דער אויפזאַץ פון דוד פרידריכספעלד, אַ דייטשער ייד, אַ פאָרשטייער פון מענדעלסאָנס שול.

אין אויגוסט 1796 האָט די קאָמיסיע פאָרגעשטעלט דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אַ מעמאָריאַל, צוזאַמענגעשטעלט אין אַ זייער ליבעראַלן טאָן. אין פּלאַטע האָבן זיך אָנגעהויבן אַלגעמיינע דיסקוסיעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן אַכט טעג (פון 22—30 אויגוסט). זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אויסערגעוויינלאַכער שאַרפקייט. אַלס רעפערענט פון דער קאָמיסיע איז אַרויסגעטרעטן דעפּוטאַט האַן, וועלכער האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע לטובת דער עמאַנסיפּאַציע.

„די האָלענדישע יידן—האָט ער געזאָגט—זיינען געווען אָנהענגער פון דער אַלטער אָרדנונג אין דער אָראַנישער דינאַסטיע, וועלכע האָט זיי שטענדיק געהאַלטן אונטער איר שוץ. די רעפּובליק קען זיי אָבער צובינדן צו זיך אַ סך שטאַרקער, אויב זי וועט זיי אָנדערקענען אַלס פרייע, גלייכבאַרעכטיקטע בירגער; אַזעלכע רעזולטאַטן האָט שוין געגעבן די עמאַנסיפּאַציע פון די יידן אין צפון-אַמעריקא און פראַנקרייך. דער אָראַטאָר האָט אויך באַרירט דעם באַזונדערס קראַנקן אָרט פונם עמאַנסיפּאַציע-קאַמף: די פראַגע וועגן דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. „צי קענען מיר רעכענען פאַר אַ נאַציע אָדער אַ באַזונדער פאָלק די מענטשן, וואָס האָבן שוין נישט כּמעט 2000 יאָר זייער מלוכה? דער טערמין

„נאַציע“ קען אָנגעווענדט ווערן נאָר בנוגע אַזעלכע מענטשנגרופּעס וואָס האָבן אַ מלוכה, אָבער נישט צו קיין רעליגיעזער גרופּע: מיר רופֿן דאָך נישט מיטן נאָמען נאַציע קיין גרופּן-אָנהענגער פֿון ליוטערן אָדער קאַלווינען אין די פֿאַרשידענע מלוכות. אמת, די יידן גלויבן אין דער קינפֿטיקער אויפֿלעבונג פֿון זייער אַלטער ארץ-ישראלדיקער מלוכה, אָבער מיר, קריסטן, זיינען דאָך איבערצייגט, אַז דערדאָזיקער משיח-גלויבן וועט קיינמאָל נישט פֿאַרווירקלעכט ווערן“... געגן האַנען איז אַרויסגעטרעטן דער דעפּוטאַט האַמעלספעלד:

„די יידן זיינען פרעמדע און נישט קיין בירגער. פֿאַרפֿאָלגט און געטריבן פֿון אַנדערע לענדער, זיינען זיי מיט יאָרן צוריק געקומען קיין האָלאַנד, וואו זיי האָבן געפֿונען אַן אָבדאַך און טאָלעראַנץ! דערמיט דאַרפֿן זיי זיך באַנוגענען און נישט פֿאָדערן קיין בירגערעכט. זיי רופֿן זיך דאָך אַליין אַן נ אַ צ י ע און מיר רופֿן זיי אויך אַזוי און האַלטן זיי נישט פֿאַר קיין אינטעגראַלנטייל פֿון דער האָלענדישער נאַציע.“ פֿאָלעמיזירנדיק מיט האַנען מכוח דער פֿראַגע וועגן משיחן, זאָגט דער אָראַטאָר: „איך בין אויך אַ קריסט און דאָך גלויב איך, אַז דידאָזיקע הבטחה פֿון גאָט וועט מקוים ווערן—און די יידן וועלן זיך אַמאָל אומקערן אין זייער לאַנד.“ ווייטער שטיצט זיך דער אָראַטאָר דערויף, וואָס פֿון 50 טויזנט האָלענדישע יידן פֿאָדערט גלייכבאַרעכטיקונג בלויז אַ קליינע מינדערהייט, און די איבעריקע, קען זיין, ווילן עס גאָר נישט.

ער דערמאָנט, אַז אין יאָר 1787, בעת דעם אויפֿשטאַנד פֿון די פּאַטריאָטן געגן דעם שטאָטהאַלטער ווילהעלם פֿון אָראַן, זיינען די יידן געווען אויף זיין זייט. זיין רעדע ענדיקט ער מיט דער פֿאָלגנדיקער מסקנא, אַז די יידן קען געגעבן ווערן גלייכבאַרעכטיקונג נאָר אין דעם פֿאַל, אויב זיי וועלן זיך אָפּזאָגן פֿון זייערע מנהגים, פֿון זייערע קהילות און ספּעציעל יידישע אינסטיטוציעס (אויסער די ריין-רעליגיעזע) און וועלן מיט זיך פֿאָרשטעלן בלויז אַ ריי באַזונדערע „אינדיווידואומס“ צווישן די באַטאַווישע בירגער.

נאָך דידאָזיקע צוויי רעדעס, אין וועלכע עס האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן, אַז ביידע רעפּערענטן האָבן לחלוטין געגנזעצלעכע שטעלונגען צו דער יידישער פֿראַגע און איר פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער פֿאָרם, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע ריי דרשות, וואָס האָבן נאָר איבערגעחזרט די ערשטע צוויי רעדנער. אַ סך בולטער ווי אין דער פֿראַנצויזישער

נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן דער פּרינציפּיעלער געגנזאַץ פון די פּאַרטיידיגער און די געגנער פון דער עמאַנסיפּאַציע. ביידע צדדים האָבן אָנדערקענט, אַז עס איז פּשוט אוממעגלאַך צו פאַר-אייניקן די בירגערלאַכקייט מיט דער נאַציאָנאַליטעט פון די יידן, נאָר איין צד האָט אָפּגעלייקנט די עקזיסטענץ פון אַ יידישער נאַציאָנאַליטעט, דער צווייטער—די מעגלאַכקייט פון אַ יידישער בירגערלאַכקייט.

דער דעפּוטאַט פּלוי האָט פאָרגעלעגט צו פרעגן די יידן גופא: צי האַלטן זיי זיך, לויט זייער נאַציאָנאַליטעט, פאַר „באַטאַוער" אָדער פאַר יידן. דער רעדנער זאָגט, אַז ער איז איבערצייגט, אַז אַלע יידן, אויסער „אַ הייפעל אַטעאיסטן און נאַטוראַליסטן", וועלן אָנדערקענען זייער אָנגעהעריקקייט אויסשליסלאַך צום יידישן פאָלק; אָבער נישט-געקוקט דערויף, שלאָגט ער פאָר אויסצוגלייכן די יידן אין די בירגערלאַכע רעכט נאָר מיט אַ געוויסער תנאי, נעמלאַך: אַז יעדער ייד זאָל אין משך פון אַ יאָר צושטעלן אַ פּאַפּיר, אַז ער וועט נישט זיין קיין מיט-גליד פון קיין שום נאַציאָנאַליטעט אויסער דער באַטאַווישער. אַ צווייטער איינפלוסרייכער דעפּוטאַט, שימפּעלניק, אַ באַרימטער פּאָליטי-שער טוער, האָט געפאָדערט גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן, ווי פאַר „באַזונדערע אינדיווידואומס", אָבער נישט ווי פאַר אַ פאָלקסגרופּע. דידאָזי-קע אַבסטראַקטע אידייע האָט פאַראייניקט די פּאַרטיידיקער און די געג-נער פון דער עמאַנסיפּאַציע, און סוף-כל-סוף האָבן זיי לגמרי פאַר-געסן די קאָנקרעטע סתירות.

נאָך אַן אַכט-טאָגיקער דיסקוסיע, אין וועלכע עס האָבן זיך באַ-טייליקט אַן ערך 30 דעפּוטאַטן, האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אָנ-גענומען אַ באַשלוס לטובת די יידן. דערדאָזיקער באַשלוס איז געוואָרן שנעל דורכגעפירט, אַ דאַנק דעם דרוק פון פראַנצויזישן געזאַנדטן נאָעל, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז די עמאַנסיפּאַציע פון די יידן זאָל פּראָ-קלאַמירט ווערן לויטן פראַנצויזישן מוסטער. דעם 2 סעפּטעמבער 1796 איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין אַ פאָרם פון אַ דעקרעט די פאָלגנדיקע החלטה: „קיין איין איינציקער ייד טאָר נישט באַרויבט ווערן פון די רעכט און פאָרצוגען, וועלכע ליגן אין דער באַטאַווישער בירגער-לאַכקייט. ווייל ער זיך באַנוצן מיט זיי, מוז ער קודם באַפרידיקן אַלע פליכטן, וועלכע די אַלגעמיינע קאָנסטיטוציע לעגט אַרויף אויף יעדן בירגער".

דערדאָזיקער דעקרעט האָט לגמרי אַנולירט די פריערדיקע ברייטע זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די יידישע קהילות מיט אַלע זייערע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס, אויסער די ריין רעליגיעזע. ד. ה. עס איז אַקוראַט מקוים געוואָרן דאָס, וואָס האָט אַזוי שטאַרק באַאומרואיקט די קאָנסערוואַטיוו-נאַציאָנאַלע קרייזן פון אַמסטערדאַמער יידנטום. אין דעם אַקט, וואָס פאַר די פּראָגרעסיסטן איז ער געווען אַ נצחון פון געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, האָבן די קאָנסערוואַטאָרן געשפּירט אַ קלאַפּ אין דער אינערלאַכער פרייהייט פון דער נאַציע. נאָכדעם האָבן שוין די פּראָגרעסיסטן נישט געקאָנט בלייבן קיין מיטגלידער אין דער אַלטער קהילה. עס האָט זיך אָפּגעטיילט אַ קליינע גרופּע און אָרגאַניזירט אין אַמסטערדאַם אַ באַזונדערע געמיינדע אונטערן נאָמען „עדת ישרון" מיט אַ באַזונדערן רב און אַן אייגענער סינאַגאָגע.

די נייע קאָנגרעגאַציע האָט איינגעפירט ביי זיך אַ גאַנצע ריי רעפאָרמען. אַלס גרונטפּרינציפּ פון רעליגיעזער דערציונג האָט זי פעסטגעשטעלט: לערנען תורה, שטודירן דעם תנ"ך, אָנשטאָט דעם תלמוד, דרשנען אין סינאַגאָגע אויף האָלענדיש. זי האָט אָפּגעשאַפט דעם מנהג צו באַגראָבן די מתים באַגינען, האָט אַרויסגעוואָרפן פון סידור די פאַרעלטערטע פאָרמול פון דער קללה אויף יידן, וואָס האָבן משמדים און אַז. וו.

אויפן דאָזיקן אָפענעם אַרויסטריט האָט די אַלטע אָרטאָדאָקסישע קהילה געענטפערט מיט חרמות און רעפּרעסיעס. די פּרנסים האָבן פאַרפירט געגן די „אפיקורסים" אַ געריכטלאַכן פּראָצעס, פאָדערנדיק פון יעדן, ער זאָל איינצאָלן טויזנט גולדן פאַרן היזק, וואָס ער האָט געבראַכט דער קהילה מיט זיין אַרויסטריט פון איר און אויפגעהערט צו צאָלן די ספּעציעלע שטייערן. דער אַמסטערדאַמער מאַגיסטראַט און די שטאָטריכטער האָבן געשטיצט די פּרעטענזיעס פון די אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן געשטאַמט פון אוראַלטע פּריווילעגיעס און די פּראָגרעסיסטן וואָלטן מיאוס אָפּגעשניטן. דעמאָלט האָט זיך אין דעמדאָזיקן ענין אַריינגעמישט די רעגירונג, אָנגערעט דורכן פראַנצויזישן באָטשאַפטער נאָעל. זי האָט געמאָלדן דורך די מוניציפּאַלע באַאַמטע, אַז די אַלטע סטאַטוטן פון דער אַמסטערדאַמער קהילה, וואָס האָבן רעגולירט נישט בלויז די רעליגיעזע, נאָר אויך די בירגערלאַכע יידישע אָנגעלעגנהייטן, האָבן פאַרלאָרן זייער מאַכט מיטן מאָמענט, ווען עס איז אַרויס דער דעקרעט וועגן גלייכבאַרעכטיקונג. די פריערדיקע אַדמיניסטראַציע, וואָס איז באַ-

שטאַנען פון די פּרנסים, האָט רעריבער לחלוטין פאַרלאָרן אירע טאָל־טאַכטן: די פּרנסים ווערן אָפּגעזאָגט פון זייערע פּאָסטנס און אויף זייער אָרט מוז געוויילט ווערן אַ צייטווייליקער קאָלעגיום פון פינף פּערזאָן אָנצופירן מיט די קהלה־אָנגעלעגנהייטן אויפן גרונט פונם נייעם סטאַטוט (דעם 16 מערץ 1798). דידאָזיקע רעפאָרם איז תיכף פאַרווירקליכט געוואָרן. די נייע פאָרשטייער זיינען געוויילט געוואָרן פון דער פּראָגרעסיווער מינדערהייט, וואָס האָט זיך באַנוגנט מיט דער פאַרקלענערטער אַלייןפאַרוואַלטונג פון דער געמיינדע. אויף דעם אופן האָט די אויסגעקעמפטע בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיגונג געגעבן אַ קלאַפּ נישט נאָר דעם שימל און דעם פאַנאַטיזם פון די קאָנסערוואַטאָרן, אָבער אויך דער אויטאָנאָמער יודישער אָרגאַניזאַציע.

די עמאַנסיפּאַציע האָט מיט איין האַנט געהיילט, מיט דער אַנדערער אָבער געמאַכט נייע וואונדן...

דער פרילינג פון דער פּאָליטישער פרייהייט האָט אָבער געטראָגן דאָס זייניקע: די יידן האָבן זיך אַלץ מער און מער אַריינגעצויגן אינם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. אין די וואַלן צו דער צווייטער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פון דער באַטאַווישער רעפּובליק האָבן זיי זיך באַטייליקט אין אַ סך אַ גרעסערער צאָל, ווי אין דער ערשטער און האָבן דורכגעפירט צוויי יידישע דעפּוטאַטן פון זייער קרייזל: די אַמסטערדאַמער ליבעראַלן דע לעמאָן און בראָמעט (1797) דאָס זיינען געווען די ערשטע יידישע דעפּוטאַטן אין אייראָפּע. די וואַלן אין דער דריטער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג (1978) האָבן אַרויסגערוקט אַ נייעם יידישן דעפּוטאַט, יצחק דא קאָסטאַ אַטיאַסאַ, וואָס איז פריער געווען אַ מיטגליד אין אַמסטערדאַמער שטאָטראַט. פעהיקע מענטשן זיינען צוגעלאָזן געוואָרן צו מוניציפּאַלע און יורידישע אַמטן; אַזוי איז דער אויבנדערמאָנטער משה אַסער באַשטימט געוואָרן פאַר אַ באַאַמטן אין יוסטיץ־מיניסטעריום.

דידאָזיקע ערשיינונגען פון דער „שטורמישער יוגנט” פון דער באַטאַווישער רעפּובליק גיבן נאָך אָבער נישט קיין ריכטיק בילד פון די ווירקליכע שנוים אין סאָציאַלן לעבן פון די האָלענדישע יידן. באמת האָט זיך אויך דאָ געלאָזט מערקן די געוויינליכע אָרדנונג: די לאַנדירענע גלייכבאַרעכטיגונג איז זייער שוואַך דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן, מען האָט כסדר געפירט אַ קאַמף מיט די הונדערטיעריקע גע־

וויינהייטן. אין דער צייט, בעת די יידישע דעפּוטאַטן זיינען געזעסן
אין פּאַרלאַמענט, האָט מען אין די האָלענדישע געזעלשאַפטלאַכע שול
נישט אָנגענומען קיין יידישע קינדער. עס האָט נאָך געוועלטיקט אַ
גאַנצע ריי באַגרענצונגען, וואָס האָבן זיך גאַנץ שטאַרק געלאָזן שפּירן,
דערעיקרשט אין די לעצטע יאָרן פון דער שוואַך-געוואָרענער רעפּו-
בליק, בעת די באַפרייאונגס-שטרעבונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצוקילן.
פאַרענדיגן די עמאַנסיפּאַציע-אַרבעט איז שוין באַשערט געווען דער קע-
ניגליכער רעגירונג פון האָלאַנד, וואָס האָט אין יאָר 1806
לויטן רצון פון נאַפּאָלעאָנען, פאַרנומען דעם אָרט פון דער באַטאַווי-
שער רעפּובליק. דער נייער הערשער, דער ברודער פון פראַנצויזישן
מאָנאַרך, לודוויג באָנאַפּאַרט, האָט געזאָרגט דעריבער, אַז עס זאָלן
אָפּגעהיט ווערן די ליבעראַלע סטאַטוטן פון דער קאָנסטיטוציע אויך
בנוגע די יידן, צו וועלכע ער האָט זיך בכלל זייער גוט באַצויגן.
לודוויג האָט, צווישן אַנדערן, אויך אָפּגעשאַפט אין געריכט די אַלטע
מבוזהדיקע שבועה פאַר יידן,—די „מאָרע יודאַאיקאַ"; רעכנענדיק זיך
מיט די רעליגיעזע איבערצייגונגען פון די יידן, האָט ער געהייסן אי-
בערמאַכן די מערקטעג פון שבת אויף זונטאָג. דער ערשטער יאָר פון
זיין ממשלה איז אויסגעקומען אינאיינעם מיטן פייערליכן מאָמענט, בעת
עס זיינען געשאַפן געוואָרן אין פּאַריז די „יידישע פּאַרלאַמענטן"—די
פאַרזאַמלונג פון נאָטאַבלען און סנהדרין. אַ געוואַלטיגע באַגייסטערונג
האָט אַרומגעכאַפּט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון האָלענדישן יידענ-
טום. מיט דער גרעסטער שפּאַנונג האָבן זיי נאָכגעקוקט נאָך דער טע-
טיקקייט פון סנהדרין, וואָס זיינע רעזאָלוציעס זיינען געווען אַזוי נאָנט
צו זייערע פריערדיקע אידעאַלן. און ווען דער צירקולאַר פון דער פּאַ-
ריזער פאַרזאמלונג וועגן אויפלעבן דעם „סנהדרין הגדולה" מיט דער
איינלאַדונג צו שיקן קיין פּאַריז האָלענדישע דעלעגאַטן—איז אָנגעקומען
קיין אַמסטערדאַם אין יאָר 1806, איז די שמחה פון די פּראָגרעסיסטן
געווען אומבאַשרייבלאַך גרויס. די דירעקציע פון דער רעפאָרמירטער
געמיינדע „עדת-ישרון" האָט באַשלאָסן (אויף אַ זיצונג פון 15 אָקטאָבער
1806) צו שיקן אַ דעפּוטאַציע קיין פּאַריז מיטצואַרבעטן „פאַרן
גרויסן ציל" פון סנהדרין, וואָס ווערט צונויפגערופן דורך נאַפּאָלעאָן
דעם גרויסן, דעם „גואל ישראל". די קהילה-פאָרשטייער, וועלכע האָבן
זיך פאָרגעשטעלט דעם קעניג לודוויג, האָבן געבעטן אַן ערלויבניש צו

שיקען אַ דעפּוטאַציע קיין פּאַריז. דערבײַ האָבן זיי אויסגעדריקט זייער ענטציקונג פאַר די גלאַנצפולע מעלות, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס בלויז די משפחה פון נאַפּאָלעאָן און אַרויסגעזאָגט די האָפנונג, אַז פאַרן נייעם הערשער וועלן זיך זיכער אומקערן יענע ליכטיקע פרייהייטס-טעג, וואָס זיינען די לעצטע יאָרן פון דער באַטאַווישער רעפּובליק פאַרביטן געוואָרן אויף אַ טיילווייזער איינפירונג פון דער אַלטער אָרדנונג. דער קעניג האָט דערלויבט צו שיקן קיין פּאַריז אַ דעפּוטאַציע פון דריי מענטשן: דער געוועזענער פּאַרלאַמענטס-מיטגליד ד ע ל ע מ אַ ן, דער יונגער יוריסט קאַרל אַ ס ע ר און דער תּלמודיסט-מאַטעמאַטיקער י ה ו ד ה ל י ט וו אַ ק, וואָס האָט געשטאַמט פון פּוילן און האָט זיך געשטעלט אין די רייען פון די אָנפירער מיט דער רעפאָר-מירטער אַמסטערדאַמער געמיינדע. די דעפּוטאַציע איז אָנגעקומען קיין פּאַריז שוין נאָך דער עפענונג פון פּאַרלאַמענט און האָט זיך צום ערשטן מאָל באַטייליגט אין דער צווייטער זיצונג (דעם 12 פעברואַר 1807). אַלע דריי פון דער מיטגלידער-דעפּוטאַציע האָבן זיך געווענדט צו דער פאַרזאַמלונג מיט באַגריסונגס-רעדעס אויף פראַנצויזיש און העב-רעאיש (י י ד י ש האָט גערעדט ליטוואַק). די רעדעס זיינען געווען אָנ-געזאַפּט מיט גרויס שמחה, וואָס דער סנהדרין וועט צונויפגערופן און ער וועט שאַפן אַ נייע ערע אין דער געשיכטע פון יודישן פאָלק, אַן ערע פון גליק, פרייהייט און בילדונג. די דעפּוטאַטן האָבן איבער-געגעבן דעם פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג אַ שריפטליכע מעלדונג פון דער געמיינדע „עדת-ישרון", וועלכע באַפולמעכטיקט זיי זיך אָנ-צושליסען אָן די רעזאָלוציעס פון סנהדרין אין די פראַגן, וואָס עס ווערן אים געשטעלט דורך נאַפּאָלעאָנען. די באַפולמעכטיקונג איז זייער טריי אויסגעפירט געוואָרן. די אַמסטערדאַמער דעפּוטאַטן האָבן געפונען, אַז אַלע החלטות פון סנהדרין זיינען זייער קלוג, זיינען אויסן דאָס גליק פון יידענטום, און האָבן דידאָזיקע מיינונג אַרויסגעזאָגט אין זייערע זעגן-רעדעס אויף דער לעצטער זיצונג. קאַרל אַ ס ע ר האָט דערמאָנט אין זיין רעדע, אַז די הויכע פּרינציפּן פון סנהדרין שטי-מען איינגאַנצן מיט די פּרינציפּן, וואָס האָבן באַגייסטערט די גרינדער פון דער געמיינשאַפט „עדת-ישרון" אין יאָר 1796; דער אָראַטאָר שטעלט זיך פאָר אַ „טעמפּל פון טאָלעראַנץ", אין וועלכן די פעלקער וועלן זיך פאַרייניקן ביים דינען „דעם פאָטער פון אַלע מענטשן",

כּאָטש אפילו אויף פאַרשידענע אופנים. ד ע ל ע מ א ן האָט געזאָגט,
אַז די געבילדעטע יידן וועלן געפינען אין די רעזאָלוציעס פון סנהדרין
באַרוהיקונג פאַר זייער געוויסן און די סאַנקציע פאַר די נויטווענדיקע
רעליגיעזע רעפאָרמען. ל י ט וו אַ ק האָט מנבא געווען דעם סנהדרין אַן
אייביגן רום אין זכרון פון די שפּעטערדיקע דורות... די שפּעטערדיקע
דורות האָבן אָבער דידאָזיקע נביאות קנאַפּ וואָס באַשטעטיקט.

דער ביטערער יאוש נאָך נאַפּאָלעאָנס „חסדים", וואָס האָט אַרומ-
געכאַפּט די יידן נאָכדעם, ווי דער סנהדרין איז פאַרמאַכט געוואָרן,
האָט זיך נישט געשפּירט אין האָלאַנד אַזוי שמערצלאַך, ווי אין פראַנק-
רייך. „דער שענדליכער דעקרעט" פון 1808 האָט נישט געפונען קיין
נאָכטו אין דער גרויסגעבונג פון האָלענדישן קעניגרייך. שווערלאַך האָט
זיך דאָ אָנגענומען די געמיינדע-רעפאָרם לויטן פראַנצויזישן קאָנסיסטאָ-
ריע-סיסטעם: דערצו האָבן געשטערט די צושפּליטערונג פון די קהילות,
דער קאַמף צווישן די קאָנסערוואַטאָרן און פּראָגרעסיסטען און דער
נאָך פריערדיקער אַנטאַגאָניזם צווישן די אשכנזים און ספרדים. די רע-
גירונג האָט געפּרובט פאַרייניקן דידאָזיקע צושפּליטערטע עלעמענטן
און געוואָלט שאַפן אַ „שטאַרקע מאַכט", וואָס האָט זיך אויסגעדריקט
אין אַ „צענטראַלער קאָנסיסטאָריע"; זי איז געגרינדעט געוואָרן אין אַמ-
סטערדאַם צו פאַרוואַלטן מיט די אָנגעלעגנהייטן פון די יידישע גע-
מיינדעס אין דער גאַנצער מלוכה (סעפּטעמבער 1808). אָבער די מאַכט
פון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, וואָס איז באַשטאַנען פון צוועלף
מיטגלידער, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו-שוואַך סיי געגן דעם אַלט
אשכּנזיש-פּאָרטוגעזישן אַנטאַגאָניזם און סיי אויך געגן אַלגעמיינעם
חורבן, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן שנעלן פּאָליטישן און קול-
טורעלן איבערברוך אין לעבן פון די יידן. די איניציאַטיוו צו גרינדן
קאָנסיסטאָריעס אין פּראָווינץ האָט זיך פאַרצויגן. די אַמסטערדאַמער
קאָנסיסטאָריע, וואָס איז באַשטאַנען אויסשליסלאַך פון רעפאָרמיסטן, נאָנט
צו דער רעגירונג, האָט געשפּילט די ראָל בלויז פון אַ באַזונדערן רע-
גירונגס-דעפּאַרטאַמענט פאַר יודישע ענינים. אין יאָר 1809 האָט זי זיך
באַטייליקט אין דער פראַגע וועגן צוציען די יידן צום מיליטערדינסט.
אַזוי ווי פאַרשידענע באַטאַליאָנען פון דער האָלענדישער בירגערלאַכער
מיליץ האָבן נישט אָנגענומען קיין יידן, איז באַשלאָסן געוואָרן צו
אָרגאַניזירן אַ באַזונדערן פאָלק פון יידישע מיליציאָנערן. באַשטעטיקט

ירכן קעניג לודוויג, איז דערדאָזיקער פּראָיעקט באַלד רעאַליזירט געוואָרען און נאָך אין יענעם יאָר איז געשאַפן געוואָרן אַן אָריגינעלער „יידישער קאָרפּוס": צוויי באַטאַליאָן פוסגייער צו 883 נפשות, מיט יידישע אָפיצירען אין דער שפּיץ. ניט לאַנג אָבער האָט זיך דידאָזיקע פּרימיטיווע אַרמיי געהאַלטן. אין יאָר 1810, נאָכדעם ווי לודוויג באָנאַפּאַרט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן, און האָלאַנד איז אַריין אין צוזאַמענשטעל פון דער פראַנצויזישער אימפּעריע, זיינען די יידישע זעלנער פאַרטיילט געוואָרן צווישן די פאַרשידענע פראַנצויזישע פאָלקן. אין צוויי יאָר אַרום איז האָלאַנד אָקופּירט געוואָרן פון דייטש-רוסישע קאָאַליציע-אַרמייען, וועלכע האָבן אַרויסגעיאָגט די פראַנצויזן, און אין יאָר 1815 איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן די אָראַנישע דינאַסטיע. די איבערגאַנגס-עפּאָכע פון דער „ערשטער עמאַנסיפּאַציע" האָט זיך געענדיקט.

דאָס איז געווען אַ שטורם- און דראַנג-עפּאָכע, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ צוטרייסלונג אין אַלע לעבנסגעביטן פון האָלענדישן יידנטום. מער ווי אומעטום האָט זיך דער קריזיס געשפּירט אינם עקאָנאָמישן געביט. נאַפּאָלעאָנס „קאָנטינענט-סיסטעם", וואָס איז געווען געווענדט געגן דעם גרויס-בריטישן מסחר, און וואָס האָט אָבער אויך געקלאַפּט איבערן גאַנצן אייראָפּעאישן האַנדל, האָט על-פּי-רוב רואינירט האָלאַנד און איר יידישע סוחרישע וועלט, וואָס האָט געהאַט ברייטע באַציונגען מיט גרויסבריטאַניע. די רייכע סוחרים האָבן געשלאָסן זייערע געשעפטן און געלעבט אויף די אָנגעזאַמלטע מיטלען; די אומבאַמיטלטע קלאַסן האָבן אָבער געליטן גרויס נויט. די אָרימקייט איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז צוויי דריטל פון דער אשכּנזישער קהילה אין אַמסטערדאַם האָט געלעבט פון קצבה. די אַמסטערדאַמער באַפעלקערונג האָט זיך אין משך פון דער רעפּובליק און דער אימפּעריע פאַרגרעסערט: אין יאָר 1805—1808 איז די אשכּנזישע קהילה באַשטאַנען פון 30,000 נפשות, און די פּאָרטוגעזישע פון 2800. אין האַאַג האָבן געלעבט 2180 יודן: גרויסע יידישע קהילות האָבן זיך נאָך געפונען אין ראָטערדאַם, ליידען און גראָנינגען. אויפן געביט פון קולטור האָט זיך געפירט אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן דער אַלטער וועלט מיט דער נייער. ביי די ברייטע אשכּנזישע מאַסן האָט אין נאָך פעסט געהאַלטן דער דייטש-פּוילישער „זשאַרגאָן". אויפן דאָ-

ויקן לשון האָט זיך געפירט דער למוד אין די טראַדיציאָנעלע חדרים און ישיבות, וואָס די רעפאָרמירטע יידישע שולן זיינען נישט געווען בכח זיי צוריסצושטופן. וועגן דער נייער שול האָבן, איבעריגנס, היי-ניק געקלערט אפילו די רעפאָרמיסטן גופא. „די נייע מענטשן" פלעגן שיקן זייערע קינדער אין די אַלגעמיינע קריסטלאַכע שולן פון זינט מען האָט זיי אַהין אַריינגעלאָזט, אָבער דידאָזיקע שולן זיינען געווען די אייגנטליכע פאַבריקן פון דער אַסימילאַציע. די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע, דער ציטאַדעל פון די רעפאָרמאַטאָרן, האָט געפירט אַ האַרטן קאַמף מיטן „זשאַרגאָן" און האָט געפאָדערט, אַז די סינאַגאָגע-פאַרוואַלטונגען זאָלן שרייבן זייערע אָפיציעלע אַמטספאַפירן אויף האָ-לענדיש; אָבער דידאָזיקע פאָדערונגען זיינען זעלטן אויסגעפירט געוואָרן. עס איז אפילו נישט פאַרענדיקט געוואָרן די איבערזעצונג פון דער תורה אויף האָלענדיש, בכלל האָט די געדיכטע יידישע באַפעל-קערונג אין האָלאַנד געשטעלט דער אַסימילאַציע אַ פיל שטאַרקערן און ערפאָלגרייכערן ווידערשטאַנד, ווי אין אַנדערע לענדער.

### דאָס לעבן פון די יידן אין איטאַליע ערב דער פראַנצויז. רעוואָלוציע.

די שרעקלאַכסטע פינסטערניש פון מיטלאַלטער האָט געפונען פאַר זיך אַ פרוכטבאַרן באָדן אין דער יידישער געטאָ פון דער שטאָט רוים. אויפן נידעריקן, דומפיקן ברעג פון טייך טיבר האָט די פויפסטליכע רעגירונג אָפּגעגעבן אַ באַזונדערן קוואַרטאַל-קאַזעמאַט פאַר עטליכע טויזנט יידן און דאָ טאַקי געמאַכט אויף זיי די שרעקלאַכסטע עקספערימענטן. די העכסטע שטופע פון אכזריות האָבן אַרויסגעוויזן דידאָזיקע עקספערימענטאַטאָרן אַם סוף פון 18 יאָרהונדערט, בעת די קירך איז אַטאַקירט געוואָרן פון פאַרשטאַנד און האָט זיך דעריבער געפונען אין אַ קריגס-צושטאַנד. אויף די קעפ פון די דערשלאָגענע, איינגעשראָקענע איינוואוינער פון רוימישן געטאָ האָט מען דאַן אויסגעגאָסן דעם גאַנצן צאָרן פון נקמה פאַרן שענדן די קירך אין לאַנד פון וואָלטער און די ענציקלאָפעדיסטן. צווישן דעמדאָזיקן הייפל „אומגלויביקע" האָט די קירך געכאַפּט נעאָפיטן, כדי מיט זיי ממלא צו זיין די פאַרלוסטן אין דער סטאַדע פון די גלויביקע.

„דער עדיקט וועגן די יידן" וואָס איז אין יאָר 1775 פובליקירט

געוואָרן דורך דעם פויפּסט פּיוס דעם VI, געהערט צו די גרויזאַמסטע אַקציעס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. צונויפגעזאַמעלט פון פאַרשידענע קאַנאָנען און בולן, האָט זיך דער גאַנצער שלאַנגען-גיפט פון רוימישן קאַטאָליציזם קאָנצענטרירט אין די 44 פּאַראַגראַפן פון דערדאָזיקער „געטאָ-קאָנסטיטוציע", די יידן טאָרן נישט וואוינען אויסערהאַלב דעם געטאָ; בייטאָג מעגן זיי, צוליב זייערע געשעפטן, אַרויסגיין אין שטאָט, אָבער דאָרט נעכטיקן איז שטרייננ פאַרבאָטן. פאַרן דאָזיקן חטא וואַרט אַ געלט- אָדער קערפּערליכע שטראָף. די וועכטער ביי די טויערן פון יידישן געטאָ טאָרן נאָך איינס אַ זייגער קיינעם אַהין נישט אַריינלאָזן און קיינעם פון דאָרט נישט אַרויסלאָזן. אויסערהאַלב די געטאָ-מויערן טאָרן זיך נישט געפינען קיין יידישע געשעפטן; נאָר אין זייער זעלטענע אויסנאַמספאַלן ווערט דערלויבט צו עפענען אַ געשעפט אויסערן געטאָ, אָבער נישט ווייט פון אים. אויף די זומערוואוינונגען אין דער אומגעגנט פון די שטעט טאָרן יידן פאַר קיין פאַל נישט וואוינען, אפילו נישט צו אָטעמען מיט אַ ביסל פרישער לופט. אַ יוד טאָר נישט פאָרן איבערן שטאָט אין אַ קאַרעטע. יידישע מענער און פרויען מוזן שטענדיק און אומעטום אין געטאָ, ווי אויסער אים, טראָגן אַ „געלן צייכן אויף זייערע קליידער, כדי זיך אונטערצושיידן פון אַנדערע". די מענער מוזן נייען דידאָזיקע געלע לאַטע אויף זייערע היטלען, די פרויען אויפן קאָפּ-פוך; דידאָזיקע לאַטע טאָר מען אָבער נישט פאַרדעקן מיט קיין שאַל, טוך אָדער מיט עפּיס אַנדער זאַך. גייט אָבער אַ יוד אַרויס פון שטוב, זין אַ געוויינלאַכער, נישט אין דער יודעל „פּאָרם", מוז ער זי טראָגן אין האַנט און גיין אין גאַס מיטן גאָלן קאָפּ; פאַרן ברעכן דידאָזיקע געזעצן זיינען פעסטגעשטעלט שווערע שטראָפן. יידן איז פאַרווערט צו פאַרקויפן קריסטן פלייש און מילך, געבן זיי מצה, נעמען קריסטליכע דינסטן און אַמען, רופן אַ קריסטליכע אַקושערקע, אַריינפירן קריסטן אין זייערע שולן, עסן, טרינקען אָדער זיך שפּילן מיט קריסטן, אפילו נישט ריידן מיט זיי אין די הייזער, שיינקען און אויף די גאַסן. פאַר עובֿרין אויף דידאָזיקע געזעצן קומט אַ קערפּערליכע אָדער געלטשטראָף פאַר ביידע צדדים. באַזונדערס זיינען שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן פון „שעדליכן" איינפלוס פון די געטאָ-איינוואוינער זייערע אייגענע אומגליקלאַכע שוועסטער, ברידער און קינדער, וואָס זיינען איבערגעפאַלן אין

בעץ פון די קאַטוילישע מיסיאָנערן און זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין די טורמעס אָדער אין די „קאַטוכעמענען״, די אַזויגערופענע „שמד־הייזער״. קיין שום יוד האָט נישט געטאָרט צוגיין נאָנט צו די הייזער פון די „קאַטעכומענען״, די נייע קריסטן, און צו דער קירך פון „דער היילגער מאַריע״ אין רוים. די תּליה האָט געוואַרט יעדן יידן, וואָס האָט באַהאַלטן ביי זיך איינעם פון די קאַטעכומענען אָדער געאָפּיטן פון זיינע ברידער. פאַר אַגיטאַציע, אומצוקערן זיי צוריק צום יידענטום, האָט מען באַשטראָפט מיט טורמע, מיט קאָנפיסקירן דעם פאַרמעגן אָדער מיט קאַטאָרגע־אַרבעט. אַ צוים האָט מען אויך אַרויפגעלייגט אויף דאָס אינטימסטע גייסטיקע לעבן פון יידן. אַכט ווילדע פּאַראַגראַפן זיינען געווענדט געווען געגען די „גאָטלאָזע״ פאַראורטיילטע תּלמוד, קבלה און אַנדערע ספרים, וואָס זיינען כלומרשט פול שמוץ און זידלערייען געגן קריסטנטום. אַזעלכע ביכער, ד. ה. אַלע יידישע ביכער, אויסער סדורים און דעם חומש—טאָרן די יידן נישט האַלטן ביי זיך, נישט לייענען, נישט פאַרקויפן, נישט שיינקען א. אַ. וו. אַ ייד טאָר נישט אַריינפירן, קויפן אָדער נעמען אַלס מתּנה עפּיס אַ יידישן ספר, וואָס איז פריער נישט דורכגעגאַנגען די צענזור פון פּאָטער מאַעסטראָ ביים אַפּאָסטאָלישן הויף אין רוים, פון די ביסקופן און אינקוויזיטאָרן און אַנדערע ערטער. אויב נישט, וואַרט אים אַ שטראָף פון זיבען יאָר טורמע. דאָס גרעסטע לעסטערונג איבער די הייליקסטע מענשלאַכע געפילן איז דער פאַרבאָט, אַז יידן זאָלן נישט באַגראָבן מיט קיין שום צערעמאָניעס זייערע מתים, זאָלן נישט זאָגן דערביי קיין תּהלים, נישט אָנצינדן קיין ליכט, נישט שטעלן קיין מצבות אויף די קברים פון זייערע מתים און נישט מאַכן קיין שום אויפשריפטן. קיין נייע בתּי־מדרשים אין געטאָ בויען טאָר מען נישט—און רעמאָנטירן די אַלטע איז אויך פאַרווערט. אין קריסטליכע יום־טוב־טעג מעגן די געטאָ־איינוואוינער אַרבעטן אין זייערע הייזער נאָר ביי פאַרמאַכטע טירן. אַ רב טאָר נישט טראָגן קיין ספּעציעלע רבנישע קליידער, נאָר מוז זיך אָנטאָן ווי אַ פּשוטער מענטש. די רבנים זיינען מחויב אָנצונעמען מיטלען, אַז אויף די דרשות פון די קאַטוילישע מיסיאָנערן זאָל זיך שטענדיק געפינען אַ באַשטימטע צאָל יידן, ווייל „די דרשה איז דער בעסטער מיטל אַרויפצופירן די יידן אויפן ריכטיקן וועג״.

די גייסטיקע מנהיגים פון יידענטום האָבן אַליין געמוזט יאָגן

זייערע שעפסן אין די פיסקעס פון די וועלף—צו אזא מין ראַפינירטער אכזריות זיינען דערגאַנגען די פריידיקער פון „דער רעליגיע פון ליבע.” צום סוף, באַפעלט דער פופסט דעמדאָזיקן „עדיקט וועגן די יידן”, כדי אים צו פּאָפּולאַריזירן, אויסצוהייגען אין די גאַסן, אויף די מאַרק-פּלעצער פון רוים און אין די שולן פון געטאָ. דעם 20 אַפּריל איז דערדאָזיקער באַפעל אויסגעפירט געוואָרן—און די איינוואוינער פון רוים האָבן זיך מאַסנווייז געקליבן אַרום די גרויסע פּלאַקאַטן, וואו עס האָבן געלויכטן די פּאַראַגראַפן פון דעם פויפסט „קאָנסטיטוציע פאַר די יידן”. אין אַזאַ רעזשים האָט געמוזט לעבן אַ געמיינדע פון 7000 נפשות, צונויפגעשטיקט אין רוימישן געטאָ, אויסער די יידן, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן אין די איבעריקע ערטער פון קירכנגעביט און אין פויפסטלאַכן אַוויניאָן. דיופּאַט, וואָס האָט אין יאָר 1783 באַזוכט רוים, האָט געשריבן, אַז די לאַגע פון די יידן איז דאָרט ערגער ווי אומעטום. „מען פרעגט: טאָ ווען פּאָרט וועלן שוין די יידן אָננעמען דאָס קריסטנטום? איך אָבער פרעג: ווען וועלן די קריסטן ווערן טאָלעראַנט? קריסטן, ווען וועט איר שוין אויפהערן אַמאָל צו שפּילן די ראָל פון מאָנאָפּאָליסטן אויף דער געטלאַכער גערעכטיקקייט?”

די שווארצע מאָנאַכנאַרמיי האָט פונאַנדערגעשפּרייט מיאוסע יידנ-פיינטלאַכע פּאַמפלעטן, וואָס האָבן צופלאַקערט דעם פאַנאַטיזם פון די קאַטאָליקן. גאַסנאָנפאַלען אויף יידן אין רוים זיינען געוואָרן אַ טאָג-טעגלאַכע דערשיינונג; גאַנץ אָפט פלעגן זיי זיך ענדיקן מיט רויבערייען און הריגות. זיינען יידן פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אַ קירך, האָט מען אין זיי געוואָרפן שטיינער און פאַרוואונדעט; איין מאָל האָט אַ שטיין גע-טראָפן אַ בלינדן יידן אויף איין אויג, האָט ער אים אויסגעזעצט דעם צווייטן אויג און דער אומגליקלאַכער איז אינגאַנצן בלינד געוואָרן (1789). דאָס אָפּפאַרטיקן זיך מיט די געטאָ-באַוואוינער פלעגט פאָרקומען זייער ענערגיש דאַן, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט מכוח אַ נעאָפיט.

אין פרילינג פון יאָר 1787 האָט אַן אָרעמער ייד איינגעווילקט זיך צו שמדן. בעת מען האָט אים געבראַכט אין פריוט פאַר די נעאָ-פיטן, האָט ער געמאָלדן, אַז אין געטאָ זיינען געבליבן נאָך צוויי יינג-לאַך-יתומים, זיינע קרובים. די יינגלאַך האָבן דאָרט באמת געוואוינט ביי זייערע נענטערע אָרעמע קרובים. אַז אין קהילה האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די פויפסטלאַכע אַרגוסן (שפּיאָנען) זוכן די יינגלאַך, כדי

זיי מיט געוואַלט אָפּצושמדן, האָט מען זיי באַהאַלטן. דעמאָלט האָט די רוימישע פּאָליציי אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין טורמע 60 יידישע יינגלאַך און האָט געהייסן פּייניקן די יידישע געמיינדעפאָרשטייער. מען האָט געמוזט אַרויסגעבן די אומגליקלאַכע יתומים. מיט געוואַלט האָט מען זיי אַוועקגעשלעפּט צו שמד, נישט-קוקנדיק אויף די פאַרצווייפלטע קולות און פּראָטעסטן פון עלטערן יינגל. פאַרן פּרוב זיי צו ראַטעווען האָט אָבער די קהילה באַצאָלט מיט אַ גרויסער קאָנטריבוציע. פון דעמדאָזיקן צופאַל האָבן די רוימישע יידן מודיע געווען זייערע ברידער אין בערלין און אַנדערע ערטער.

אין יאָר 1786 האָט זיך די אויסגעמאַטערטע רוימישע קהילה באַשלאָסן צו ווענדן צום רוימישן פּויפּסט פּיוס דעם VI מיט אַ בקשה צו פאַרלייכטערן איר שרעקלאַכע לאַגע. אין מעמאָריאַל, וואָס עס האָט פאָרגעשטעלט דעם פּויפּסט דער קהילהראַט פון געטאָ (קאָנגרעגא) זיינען אויסגערעכנט אַלע שטייערן, וואָס עס זיינען אַרויפגעלייגט אויפן געטאָ (אין לאַנגען צעטל שטייערן פיגורירן אויך, צווישן אַנדערע, דער שענדלאַכער „קאַרנאַוואַל-שטייער" און דער אָפּצאָל לטובת „דעם פּריוט פאַר קאַטעכומענער"), אַלע באַגרענצונגען פון אַרבעט און האַנדל, די עפּנטלאַכע דערנידערונגען, וואָס די יידן ליידן אויף יעדן טריט און שריט. די פאַרצווייפלונג פון די בעטער האָט זיך אויסגעגאָסן אין דער פּאָלגענדיקער נאַאיווער ווענדונג צום פּויפּסט, דעם אויטאָר פון עדיקט אין יאָר 1775:

„שטייט אויף, הערשער, און וואַרפט פון דער הויך פון אייער אַ טראָן אַ גנעדיקן בליק אויפן אונטן ליגנדיקן געטאָ, אויפן אומגליקלאַכן „שארית ישראל" וואָס איז דאָך אויך אייער פאָלק און וואָס שטרעקט אויס צו אייך זיינע הענט מיט געוויין און תחנונים!" פּיוס VI האָט דערהערט די יידישע תחנונים און האָט באַשטימט אַ באַזונדערע קאָמיסיע פון זיבן מיטגלידער אויסצופאָרשן זייערע אָנקלאָגעס. די קאָמיסיע האָט זיך קנאַפּ וואָס געאיילט צו דערפילן די דירעקטיוו, וואָס מען האָט איר געגעבן און אין יאָר 1789 האָט זי נאָך געהאַלטן אין איין איבערקוקן דעם דערלאַנגטן מעמאָריאַל. עס פאַרשטייט זיך, אַז פון דערדאָזיקער „פאָטער"-באַראַטונג איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. אויפן ווייגעשריי פון אויסגעמאַטערטן געטאָ האָט זיך אין עטלאַכע יאָר אַרום אָפּגערופן אַן אַנדער מאַכט: די זיגרייכע אַרמיי, וואָס איז געגאַנגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט זיך אַריינגעריסן קיין רוים, האָט

ארויסגעיאָגט פון דאָרט דעם פויפּסט און האָט אויפגעהויבן די פאָן פון דער רעפּובליק אין צענטער פון דער דעספּאָטישער קירכלאַך-פּאָליציייִשער מלוכה.

נישט אַזוי שרעקלאַך, ווי אין רוים, אָבער גאַנץ נענוג טרויריק איז אויך געווען די לאַגע פון די יידישע קהלות און אַנדערע טיילן פון איטאַליע. אַ סך פּראָווינצן האָבן זיך געפונען אין דער ספערע פון פּאָליטישן איינפלוס פון עסטרייך אָדער שפּאַניע, ד. ה. פון צוויי מלוכות מיט אַ בולט אויסגעדריקטער קלעריקאַלער ריכטונג בנוגע דער יידנפראַגע. דער איינפלוס פון אימפּעראַטאָר יאָסיף דער צווייטער, זיינע עפּעמערנע „רעפאָרמען" האָבן געקאָנט האָבן אַ ווירקונג נאָר אויף די גאָנצטע עסטרייכישע פונקטן, ווי טריעסט, און דאָס אויך נישט אין זין פון פאַרבעסערן דאָס בירגערלאַכע לעבן פון די יידן. אין די גרויסע איטאַליענישע האַנדלסשטעט האָבן זיך די באַציונגען צו די יידן פאָרמירט אונטערן איינפלוס פון קאָמפּראָמיסן מיט די מוניציפּאַלמאַכטן. די וויכטיקע קאָמערציעלע ראָל פון די יידן אין דער פּאָרטשטאָט ליוואָרנאָ (טאָסקאַנאַ) האָט געצוואונגען דעם מוניציפּאַליטעט זיך צו רעכענען מיט דער יידישער געמיינדע, און די מוניציפּאַלע קאָנסטיטוציע האָט געדאַרפט פאָרשטעלן די יידן דאָס רעכט צו וויילן אירע דעפּוטאַטן אין שטאָטראַט. דאָ, ווי אין פלאָרענץ, האָבן די יידן געלעבט פריי אויסערן געטאָ. די אַלטע אָרדנונג אין ווענעציאַנישן געטאָ, וואָס איז שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן דורך דער וואַכזאַמקייט פון דער קאָנסערוואַטיווער רעפּובליקאַנישער רעגירונג, האָט זיך נישט אונטערגעגעבן די נייע ווינטן, נישט-קוקנדיק דערויף, וואָס די אינדוסטריעלע ראָל פון די ווענעציאַנער יידן, אַלס עקספּאָרטערן און באַנקירן, איז געווען זייער גרויס. אין אַנדערע געביטן, ווי, צ. ב. אין הערצאָגטום פּיעמאָנט און מאָדען, האָט נאָך דאָס קאַנאָנישע רעכט רעגולירט די לאַגע פון די יידן. די קלעריקאַל געשטימטע הערשער האָבן געשטרעבט ווי ווייט מעגלאַך צו דערנענטערן די לעבנספאָרמען פון די אָרטיקע יידישע קהילות (אוניווערסיטא) צום מוסטער פון רוימישן געטא.

אין ערגעץ האָט די עפּעמערנע עמאַנסיפּאַציע, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אַהער פון רעוואָלוציאָנערן און נאַפּאָלעאָנישן פראַנקרייך נישט אַרויסגערופן אַזאַ פּלוצלונגע ענדערונג אין דער לאַגע פון די יידן, ווי אין איטאַליע, איבערהויפּט אויפן קירכלאַכן געביט, וואו

עס האָבן זיך תיכּף צונויפגעטראָפן צוויי פּיינטלאַכע כּחות—די קירך און די רעוואָלוציע, דער געטאָ און די פרייהייט. אין גרעסטן טייל פון די צושפּליטערטע איטאַליענישע מלוכות (אויסער טאָסקאַנאַ און עטלאַכע איינצלנע שטעט), זיינען די יידן איבערגעגאַנגען צו דער בירגערלאַכער פרייהייט פון דער שענדלאַכסטער פאַרשקלאַפונג און נישט פון דער האַלב-פרייהייט, ווי דאָס איז געווען אין האָלאַנד.

דער געטאָ פון רוים איז נאָך געווען געשמידט אין די קייטן פון אינקוויזיטאָרישן רעגולאַמין פון יאָר 1775, דער מיטלאַלטערלאַכער געלער צייכן האָט נאָך געבלאַנקט אויף די היטלן „פון די פאַרשאָלטענע" און די יאַגדהינט פון דער קירך האָבן נאָך כּסדר פאַרפאָלגט די דאָזיקע מחנה געשטעמפּלטע מענטשן, צונויפגעיאָגט אויפן זומפּיקן ברעג פון טייך טיבער פאַר דער פּויסטלאַכער יאַגד,—און פון דערווייטנס האָט זיך שוין געהערט דער שטורם פון דער רעוואָלוציע און אַלץ נענטער און נענטער האָט זיך גערוקט די פראַנצויזישע באַפרייונגסאַרמיי צו די טויערן פון רוים. אין יאַנואַר 1793 איז אין שטאָט אויסגעבראָכן דער ערשטער צוזאַמענשטויס, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורכן פראַנצויזישן אַגענט באַסעוויל און האָט זיך אָבער טרויעריק געענדיקט: באַסעוויל איז דערהרגעט געוואָרן דורכן המון פון קירך.

דער המון האָט זיך פּרובירט פאַגראָמירן די פראַנצויזן, וואָס האָבן געוואוינט אין רוים. באַגעגענענדיק אָבער אַ ווידערשטאַנד, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ליגיע פון קלענערן ווידערשטאַנד—אויפן יידישן קוואַרטאַל. דאָ האָט דער המון געפייערט זיין נצחון איבער דער רעוואָלוציע, צוראַבירנדיק עטלאַכע יידישע געשעפטן. מיטן גינסטיקן צופאַל צו רויבן האָט זיך אויך באַנוצט די פּויפּסטלאַכע אַדמיניסטראַציע. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז ביי אַ יידישן הענדלער האָט מען געפונען עטלאַכע טויזנט דרייפאַרביקע שלייפלאַך, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן פאַר די רעוואָלוציאָנערן. אויף דעם גרונט האָט די פּאָליציי אַרעסטירט די רבנים און די גבאי-פאָרשטייער, כּדי זיי שפּעטער צו באַפרייען מיט דעם באַדינג, אַז די יידן זאָלן אַריינטראָגן אַ גרויסע געלטשטראָף. כּדי שווערער צו מאַכן די קאָמוניקאַציע צווישן געטאָ מיטן שטאָט, האָט די אַדמיניסטראַציע באַפוילן שטרענג אָפּצוהיטן די פּונקטן פון אַלטן רעגולאַמין, וואָס האָט פאַרפליכטעט די יידן צו טראָגן אַ געלע לאַטע אַפילו אין געטאָ גופא און האָט פאַרווערט ביי-

נאַכט אַרויסצוגיין אין שטאָט.

אין משך פון אַ גאַנצער ריי יאָרן האָבן די קלעפּ, וואָס פראַנקרייך האָט דערלאַנגט דעם אַבסאָלוטיזם פון דער וועלטלאַכער און קירכלאַכער מאַכט, אַרויסגערופן אין רוים אַ פאַרביטערונג, וואָס האָט זיך שטאַרק נוקם געווען אין די געטאָ-באַוואוינער. די טויטשטראָף פון לודוויג XVI אין פּאַריז איז געווען פאַרן רוימישן המון אַ מאָטיוו צו פּאָגראָמירן דעם יידישן קוואַרטאַל. אויפן רעוואָלוציאָנערן „שכל-קולט” האָט מען אין רוים געענטפערט מיט שמדן יידן, מיט פאַרנאַרן יידישע יונגעלייט אין די „הייזער פאַר קאַטעכומענער”. אין פּאַריז האָט דער ייד-יאַקאָבינער פערייראַ געצוואונגען דעם אַרציביסקופּ גאָבעל אָראָפּצונעמען פון זיך דעם צלם אין דער זיצונג פון קאָנווענט, און אין רוים האָט מען מיט געוואַלט אָנגעטאָן צלמים די יידישע קינדער...

ענדלאַך איז געקומען דער מאָמענט, וואָס אַנשטאָט דעם ווייטן אָפּקלאַנג פון דער רעוואָלוציע, האָט רוים דערהערט אירע נאָנטע טריט. אין יאָר 1796 און 1797 האָבן זיך די פראַנצויזישע אַרמייען, ווי אַ מבול אַ גאָס געטאָן אויף איטאַליע. דער קריגס-געניע פון יונגן קאָרסיקאַנער באָנאַפּאַרט האָט געשאַפן וואונדער: ווי שטויב זיינען צופלויגן פאַר אים די עסטרייכישע אַרמייען אין לאָמבאַרדיע, עס האָבן זיך געבויגט די הערשער אין סאַרדיניע, טאָסקאַנא, ווענעדיק און גענואַ; ס'האָט אויך אַ ציטער געטאָן דער פּויפּסטלאַכער טראָן. מיט אַן אָפּגעצופּטער טעריטאָריע, רואינירט דורך די פראַנצויזישע קאָנטריבוציעס, איז געזעסן דער פּויפּסט פּיוס VI און געוואַרט אויף זיין גורל. דער צוזאַמענשטויס פון רוימישן קלעריקאַלן המון מיט די רעפּובליקאַנער, וועלכע פראַנקרייך האָט געשטיצט, האָט געגעבן דעם לעצטן גרונט זיך אַריינצומישן. דער פראַנצויזישער גענעראַל בערטיע האָט אָקופּירט רוים; די פּאַרטיי פון די אָרטיקע רעפּובליקאַנער האָט פּראָקלאַמירט דאָס אַראָפּזעצן פון טראָן דעם פּויפּסט און די פּאָלקס-הערשאַפט (15 פעברואַר 1798), אין יענעם טאָג, אינם ערשטן טאָג פון דער „רוימישער רעפּובליק” האָבן די יידן אַראָפּגענומען פון זייערע קליידער דעם צייכן פון פאַרשקלאַפונג, די געלע לאַטע, און האָבן פייערלאַך באַגריסט דאָס אָנקומען פון דער נייער צייט. אין צוויי טעג שפּעטער איז דער געטאָ געוואָרן אילומינירט, און אונטערן קלאַנג פון מוזיק האָט מען פאַר דער סינאַגאָגע פאַרפלאַנצט „דעם פרייהייטסבוים”.

דעם 20 פעברואַר, גאַנץ פרי, איז אַרויס פון רוים, כּדי אַהין מער נישט צו קומען, דער אַנטקרוינטער פּיוס VI, דער מחבר פון דעם אומומענטשלאַכן עדיקט פון יאָר 1775. דער אַלטער טורמעוועכטער איז אַוועק, ווי נאָר עס האָט זיך געעפנט די געטאָ-טורמע און איבער די גאַסן פון שטאָט האָט זיך פריי פאַנאַנדערגעגאָסן אַ כוואַליע פון אַרעסטיר-טע—די איצטיקע פרייע בירגער פון דער רעפובליק. דורך איינעם פון אירע ערשטע אַקטן האָט די נייע רעגירונג פעסטגעשטעלט די גלייכ-באַרעכטיקונג פון די יידן. אַזוי ווי אויפן גרונט פון די פּרינציפּן, וועלכע זיינען געהייליגט דורכן קאָנסטיטוציע-אַקט פון דער רוימי-שער רעפובליק, דאַרפן די געזעצן פאַר אַלע רוימישע בירגער זיין אַלגעמיינע און גלייכע, ווערט פּראָקלאַמירט דער פאָלגענדיקער געזעץ: די יידן, וואָס פאַרייניקן אין זיך אַלע אייגנשאַפטן, וואָס ווערן געפאָ-דערט, כּדי צו באַקומען די רעכט פון רוימישער בירגערלאַכקייט, פאַלן אַרונטער אונטער די אַלגעמיינע געזעצן, וועלכע זיינען באַשטימט פאַר אַלע בירגער פון דער רעפובליק. אלס געהעריקע קאָנזעקווענץ, ווערן פון איצטיקן מאָמענט אָן אָפּגעשאַפט אַלע אויסנאַמסגעזעצן און פאַר-אָרדנונגען בנוגע יידן.

נישט אַזוי גיך האָט זיך צוגעוואוינט דער קריסטלאַכער המון אַז דער מיטבירגערשאַפט פון די נעכטיקע קנעכט. אַסך האָבן נישט גע-קענט זיך רוהיק צוקוקן, ווי די יידן טראָגן די דרייפאַרביקע אָפיצירן-קאָקאַרדעס, אָנשטאָט דער פריערדיקער געלער לאַטע און באַטייליקן זיך אין רעפובליקאַנישע מאַניפעסטאַציעס. די איינוואוינער פון הינטערן טי-בער, די דירעקטע שכנים פון יידישן געטאָ, האָבן צוגעטשעפּעט צו זייע-רע קאָקאַרדעס צלמלאַך, כּדי מען זאָל זיי אונטערשיידן פון די יידן.

פון אָנהויב האָבן די קאָרפּוסן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע נישט געוואָלט אָננעמען אין זייער סביבה די יידן-פרייוויליקע, אָבער מיט דער צייט איז דערדאָזיקער אומצוטרוי פאַרשוואונדן, ווייל די יידן האָבן באַוויזן זייער רעפובליקאַנישן פּאַטריאָטיזם און האָבן זאָגאַר גע-געבן דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע עטלאַכע אָפיצירן (באַראַפאַל און אַנדערע).—דער ייד יחזקאל מאַרכּורגאָ איז באַשטימט געוואָרן אַלס „סענאַטאָר", אַ מיטגליד אין העכסטן געריכט פון דער רעפובליק. נישט ווייניק האָבן אָבער די יידן געליטן פון דער אַנאַרכיע פון יענער איי-בערגאַנגסצייט. אומדערטרעגלאַך איז געווען די לאַסט פון די קאָנטרי-

בוציעס, וואָס די פראַנצויזישע גענעראַלן פלעגן אַרויפלייגן אויף דער באַפעלקערונג. מען האָט געצוואונגען אַרייַנצוטראָגן אין דער קריגסקאַסע אומגעהויערע סומעס; די יידישע פרויען האָט מען געצוואונגען גייען העמדער פאַר די זעלנער זאָגאַר אום שבת און דאָס האָט אַרויסגערופן אין געטאָ אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט. גרויסע קרבנות האָבן יידן געבראַכט פאַר זייער פרייהייט און פאַרן פאַרגעניגן צו זען די מפלה פון זייער שונא, פון די קאַטוילישע קלעריקאַלן. די רעפובליקאַנישע מאַכט האָט קאָנפיסקירט די באַוועגלאַכע גיטער פון פויפסט און די קאַרדינאַלן און זיי עפנטלאַך פאַרקויפט. צווישן די קונים זיינען אויך געווען יידן און אַ סך האָבן זאָגאַר אָפּגעקויפט כלים, וואָס ווערן באַנוצט ביים קריסטלאַכן גאָטדינסט. די גוטע קאַטאָליקן האָבן זיך אויפגערעגט פון דער עובדא, וואָס די „שונאים פון דער קירך״ באַטייליגן זיך אין דער ליקווידאַציע פון איר פאַרמעגן; אָבער אַ סך קריסטן האָבן זיך באַצויגן צו די רעליקוויעס מיט נישט קיין גרעסערן כבוד, ווי די יידן. די קלעריקאַלן זיינען דעמאָלט אין רוים געווען דער אָביעקט פאַר שאַנד און שפאָט.

אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען פון די בירגער איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער ווונש, אַז מען זאָל די גייסטלאַכע אַרויפלייגן אַ צייכן אויפן שטערן; אַנדערע, ווידער, האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל די פאַטערס אינטערנירן אין יענעם געטאָ, וואו זיי האָבן פריער פאַרשפאַרט די יידן. אין ערגעץ האָט זיך קיינמאָל אַזוי בולט נישט אַרויסגעוויזן די געשיכטלאַכע נעמעזידע (די געטין פון גערעכטיקקייט), ווי אין דעמדאָזיקער פלעצלאַכער איבערקערעניש פון שיקזאַל... די איבערקערעניש איז אָבער געווען אַן עפעמערע, אַ קורצוויילקע: נאָנט איז געווען דער סוף פון דער עפעמערער רוימישער רעפובליק. אין הערבסט פון יאָר 1799 איז די פראַנצויזישע מאַכט אין רוים איבערגעגאַנגען צו די נעאַפּאָליטאַנישע אַרמייען. מען האָט געמוזט באַצאָלן פאַרן אָנטייל אין דער רעוואָלוציע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון שטראָףקאָנטריבוציעס און מער ווי אַלע האָבן געמוזט צאָלן די יידן. אויסער דער אַלגעמיינער סומע, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף פינף שולן, האָט מען פון יעדן איינוואוינער באַזונדער געפאָדערט אַ שטראָף אין אַ סכום פון צוויי פראָצענט פון ווערט פון זיין פאַרמעגן. דאָס בעלי-בתּיוּוען פון די נעאַפּאָליטאַנער איז געווען אַזוי אומדערטרעגלאַך,

אַז בעת דידאָזיקע קריגסאָרדעס זיינען אַוועק און קיין רוים איז געקומען דער פּויפּסט פּיוס דער 7־טער (זיין פאָרגענגער פּיוס דער זעקסטער איז געשטאָרבן אין זיין גלות אין פראַנקרייך), האָבן אים די יידן באַגעגנט כמעט ווי אַ גואל, אַ באַפרייער (3־טן יולי 1800). זיי האָבן געמיינט, אַז דער נייער פּויפּסט, אָנגעלערנט דורכן נסיון פון נאָנטען עבר, וועט זיך נישט באַנוצן מיט די מעטאָדעס פון דער אַלטער, אינקוויזיטאָרישער רעגירונג. אין אַ געוויסער מאָס האָבן זיי די האָפענונגען נישט אָפּגענאַרט. פּיוס דער VII האָט באמת געמאַכט עטלאַכע פאַרלייכטערונגען אין שטריינגען רעזשים פון געטאָ: ער האָט פאַרקלענערט די שטייערן, האָט ווייניקער פאַרפאָלגט די פרייהייט פון האַנדל, האָט נישט געצוואונגען אָנצעווענדן בנוגע יידן די דערנידערנדיקע קאַנאָנישע געזעצן. מיט דער דערלויבניש פון פּויפּסט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייע קהילה־פאַרוואַלטונג פון 27 פּערזאָן, און די געוויילטע רבנים און פאָרשטייער זיינען באַפרייט געוואָרן פון יענער פּערזענלאַכער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר בירגערלאַכע און ציווילע חטאים פון די געמיינדעמיטגלידער, וואָס האָט פריער אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די פירער פון געטא.

די רעסטאַוראַציע, דידאָזיקע ווידערשטעלונג איז אין אַכט יאָר אַרום דורך אַ נייער איבערקערעניש ווידער געפאַלן. אין אָנהויב פון 1808 האָבן נאַפּאָלעאָנס אַרמייען אָקופּירט רוים, און דעם 10 יוני 1809 איז די גאַנצע קירך־טעריטאָריע איבערגעגאַנגען צו דער פראַנצויזישער אימפּעריע. פּיוס דעם VII האָט מען ווי אַ געפאַנגענעם אַוועקגעפירט קיין פאָנטענבלאָ, וואו ער איז געבליבן כמעט גאַנצע פינף יאָר. ווידער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע עמאַנסיפּאַציע. מען האָט אָנגעהויבן איינפירן אינערלאַכע רעפאָרמען אין גייסט פון די רעזאָלוציעס פון פּאַריזער סנהדרין. דורך נאַפּאָלעאָנס אַ דעקרעט פון 4 יוני 1811 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין רוים אַ צענטראַל־קאָנסיסטאָריום פאַר אַלע יידישע קהילות פון דער געוועזענער קירכלאַכער טעריטאָריע. אין דער שפּיץ פון קאָנסיסטאָריום איז געשטאַנען דער רוימישער „גרויס־ראַבינער" לעאָן דע לעאָנע, אויף דער ערעפנונגספייערונג פון קאָנסיסטאָריום האָט איינער פון זיינע מיטגלידער געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געריימט נאַפּאָלעאָנען אַלס באַפרייער. און געזאָגט: „אין משך פון דער קורצער פראַנצויזישער הערשאַפט האָט זיך ביי אונז

אַנטוויקלט ערד-אַרבעט און פֿאַבריק-אינדוסטריע; אונזערע זין האָבן זיך מוטיק גענומען צו וויסנשאַפֿט און קונסט; מער נאָך: זיי זיינען איצט באַרופֿן זיך צו באַטייליקן אין די רומפֿולע נצחונות (נאַפּאָלעאָנס מלחמות). די אָנטיילנעמער אין דעם פֿייערונג האָבן דעמאָלט נישט גערעכנט, אַז אין דריי יאָר שפּעטער וועלן זיי ווידער אַריינפֿאַלן אין דער פֿינסטערניש פֿון געטאָ. אַז נאַפּאָלעאָנס שטערן איז אונטערגעגאַנגען, איז די קירך-טעריטאָריע ווידער אַריבער אין די הענט פֿון צוריקגעקומענעם פּויפּסט און פֿאַר די יידן איז געקומען אַן עפּאָכע פֿון שווערער רעאַקציע (1814).

דעמאָזיקן אומגליקלאַכן קרייז—פֿון קנעכטשאַפֿט צו פֿרייהייט און שפּעטער ווידער צו קנעכטשאַפֿט—האָבן די יידן דורכגעמאַכט אויך אין די איבעריקע מלוכות פֿון דער צוברעקלטער איטאַליע. די אַריסטאָקראַטישע רעפּובליק פֿון ווענעדיק האָט די רעוואָלוציע פֿון 1797, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך די פֿראַנצויזישע נצחונות—אויף איין האַלב יאָר פֿאַרוואַנדלט אין אַ דעמאָקראַטישע. אין דעראָזיקער קורצער איבערגאַנגס-צייט איז פֿאָרגעקומען די יידישע עמאַנסיפּאַציע. דעם 11 יולי זיינען אין ווענעדיק, אונטער פֿייערלאַכע יובלרופֿן פֿון פֿאָלק, איינגעבראָכן געוואָרן די טויערן פֿון געטאָ, די יידישע גאַס איז פֿאַרייניקט געוואָרן מיטן שטאָט און האָט באַקומען דעם נאָמען „פֿאַרבאַנד-גאַס", אַלס צייכן פֿון ברידערלאַכקייט און איינהייטלאַכקייט פֿון אַלע בירגער. אַ סך שיינע רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן לכּבוד דעם פֿאַקט; אַפֿילו די קאַטוילישע גייסטלאַכע האָבן זיך באַטייליקט אין דיזאָזיקע מאַניפֿעסטאַציעס פֿאַר פֿרייהייט און גלייכהייט. אין דעם ניי-געשאַפֿענעם דעמאָקראַטישן מוניציפּאַליטעט זיינען אַריין דריי פֿאָרשטייער פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. די נייע אָרדנונג האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פֿאַר נישט לעבנספֿעהיק. איינגעפֿירט אונטער דער השפּעה פֿון זיגרייכן מאַרש פֿון דער פֿראַנצויזישער אַרמיי, איז ער באַלד געפֿאַלן אַלס קרבן פֿון די אייגענוציקע פּאָליטישע צוועקן פֿון אַרמייפֿירער, נאַפּאָלעאָן-באָנאַפּאַרט.

לויטן דעמאָלטיקן שלום איז ווענעדיק אַריבער צו עסטרייך, דעם פֿאַרטיידיקער פֿון דער אַלטער אָרדנונג. מיטן איינפֿירן פֿון דער עסטרייכישער הערשאַפֿט (יאַנואַר 1798) זיינען אַלע ליבעראַלע רעפֿאָרמען, צווישן זיי אויך די גלייכבאַרעכטיקונג פֿון די בירגער-געוואָרן

לחלוטין אָפּגעשאַפט. אין יאָר 1805 איז װענעדיק אַריבער צום איטאַ-לישן קעניגרייך, װאָס איז געשאַפן געװאָרן דורך נאַפּאָלעאָנען, און איז צוגערעכנט געװאָרן צו דער פראַנצױזישער אימפּעריע. װידער איז איינגעפירט געװאָרן די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג, און דאָס מאָל האָט זי זיך געהאַלטן גאַנצע 9 יאָר, ביז צום טריומף פון דער רעאַק-ציע אין יאָר 1814. װייניקער שאַרפע איבערגאַנגען איז צו באַמערקן אין יענע טיילן איטאַליע (לאמבארדיע, הערצאָגטום מאָדען און אויף די טעריטאָריעס, װאָס מען האָט אָפּגענומען ביי דער קירך אין װענעדיק), װעלכע האָבן זיך אין יאָר 1797, אונטערן דרוק פון די פראַנצױזישע אַרמײַען, פאַראייניקט אין אַ ציזאַלפּינישע רעפּובליק. די דאָזיקע רעפּובליק האָט עקזיסטירט אַכט יאָר, ביז זי איז אָנגעשלאָסן געװאָרן אָן נאַפּאָלעאָנישן איטאַליענישן קעניגרייך (1805) און אירע יידישע איינ-װאױנער זיינען אַריין אין דער פראַנצױזישער אימפּעריע שוין מיט די רעכט פון בירגער. אין דעם צושטאַנד זיינען זיי געבליבן ביזן סוף „פון דער ערשטער עמאַנסיפּאַציע-עפּאָכע". אַזעלכע קורצערע אָדער לענ-גערע פרייהייטס-טערמינען זיינען אויסגעפאַלן אויפן גורל פון אַנדערע טיילן פון דער צובראָכלטער איטאַליע אין יענער שטורמישער עפּאָכע פון איבערקערענישן. די יידן פון טאָסקאַנאַ, מיט זייער הויפּט-געמיינ-דע ליוואָרנאָ, האָבן זיך דערװאָרט אויף דער עמאַנסיפּאַציע אין יאָר 1808, װען דאָסדאָזיקע הערצאָגטום מעדישצי האָט זיך פאַראייניקט מיט פראַנקרייך. די אינדוסטריעלע און קולטורעלע יידישע באַפעלקערונג פון פּאָרט ליוואָרנאָ, װאָס האָט פריער אויך נישט געװאוסט פון ערנידרי-גענדע פאָרמען פון רעכטלאָזיקייט, האָבן זיך אַרויסגעװיזן אינגאַנצן צוגעגרייט צום נייעם בירגערלאַכן לעבן. אַ סך שאַרפער איז געװען דער איבערגאַנג פאַר די יידן פון פּיעמאָנט (די קהלות פון טורין, אַלע-קסאַנדריע און אַנדערע), װאו ביי די אַלטע מושלים פון דער סאַרדי-נישער דינאַסטיע האָט געהערשט דער גייסט פון קירכלאַכן רוים. לויט די מעלדונגען פון די פראַנצױזישע פּרעפעקטן, װאָס האָבן פאַרװאַלטן מיט די דעפּאַרטאַמענטן אין פּיעמאָנט אין די יאָרן פון דער אימפּע-ריע, זיינען די דאָרטיקע יידן, דורכן דרוק פון די סאַרדינישע הער-שער, דערפירט געװאָרן צו אַ פיזישער אויסשעפּונג, און דעריבער האָט דער גרעסטער טייל פון זיי נישט געקענט געגומען װערן צו מיליטער-דינסט. (1808)

די צייטווייליקע נייע אָרדנונג אין איטאַליע האָט געווירקט נישט נאָר אויף דער בירגערלאַכער לאַגע פון די יידן, נאָר אויך אויף זייער אינערלאַכער קהילה-פאַרוואַלטונג. כמעט אומעטום איז אַלס ערשטע באַדייטונג פון עמאַנסיפּאַציע געשטעלט געוואָרן דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער געמיינדע-אויטאָנאָמיע. זייערע רבנים און פאָרשטייער האָבן גענומען דער אַקטיווסטן אָנטייל אין די נאָטאַבלען-פאַרזאַמלונגען און פון סנהדרין אין פּאַריז. אין יעדער פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליקט אַן ערך 25 מיטגלידער פון איטאַליע (וואָס איז בערך געווען אַ פערטל פון דער אַלגעמיינער צאָל דעפּוטאַטן פון דער ערשטער פאַרזאַמלונג און אַ דריטל פון דער צווייטער). אין סנהדרין זיינען צוויי איטאַליענישע רבנים געווען אין פּרעזידיום—דער רב פון מאַנטיאַ—אברהם דע קאָלאָניאַ, וואָס איז זיינערצייט געווען אַ רעגירונגס-מיטגליד אין דער ציזאַלפּינישער רעפּובליק, און דער רב פון פּיעמאָנט יהושע סעגרע, דער צווייטער רעפערענט אין סנהדרין נאָכן באַרימטן פורטאַדאָ, איז געווען דער ווענעדיגער רב יעקב קראַקאָוויאַ.

די איטאַליענישע דעפּוטאַטן זיינען כמעט אַלע צוגעשטאַנען צו דער ראַדיקאַלער גרופּע פון ביידע פאַרזאַמלונגען, וואָס האָט זיך זייער גערן סאָלידאַריזירט מיט נאַפּאָלעאָנס אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען. אַ געבוירענער אין איטאַליע איז אויך געווען יענער דאַנקבאַרער דעפּוטאַט אַביגדור פון ניצא, וועלכער האָט פאָרגעלייגט דער נאָטאַבלען-פאַרזאַמלונג צו פאַראייביקן די חסדים פון דער קאַטוילישער גייסטלאַכקייט אין זכרון פון דאַנקבאַרן יידישן פאָלק.

אין איטאַליע האָבן דאַן געבלאָזן פרייע ווינטן. אַ סך האָבן געשטרעבט זיך צו דערנענטערן צו דער אַרומיקער קריסטלאַכער געזעלשאַפט. די פריינטשאַפטלאַכע באַציונגען פון די קריסטן פלעגן אָפט אַזוי באַצויבערן די פאָרטגעשריטענע יידן, אַז זיי האָבן געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז אין קורצן וועט לגמרי פאַרשווינדן דער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער אונטערשייד. די דעפּאַרטאַמענטס-פּרעפעקטן מיט זייערע דאָקלאַדן שטרייכן אָפט אונטער די גוטע רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער דערנענטערונג (1808), אָבער די יידן, וואָס האָבן זיך „צוגערוקט" צו די קריסטן, האָבן נישט שטענדיק געגנאָסן זייער געגנזייטיקע ליבע. דאָס צענטראַל-קאָנסיסטאָריום אין רוים מעלדעט אין פּאַריז (1810), אַז אין דער קאַטוילישער באַפעלקערונג איז נאָך שטאַרק איינגעוואָרצלט ד

שנאה צו יידן. די מעלדונגען פון די פּרעפעקטן און די קאָנסיסטאָריומס האָבן געהאַט אַ צוזאַמענהאַנג מיט נאַפּאָלעאָנס רעפּרעסיון צוואַנגס-דעקרעט פון מערץ 1808, וועלכער איז שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן אויף די איטאַליענישע פּראָווינצן. די פּרעפעקטן און די יידישע קהלות אין פּאַריז האָבן זיך שטאַרק משתדל געווען וועגן אָפּשאַפן דעמדאָזיקן דעקרעט, באַווייזנדיק, אַז ער וועט שטערן דאָס אָנגעהויבענע צוזאַמענגיסן זיך פון די יידן מיט די קריסטן און וועט פאַרגרעסערן די נאָך נישט אויסגעלאָשענע רעליגיעזע שנאה.

„דאָס אָנווענדן בנוגע די יידן די באַשלוסן פון קייזערלאַכן דעקרעט פון 17 מערץ 1808 אין מיין דעפּאַרטאַמענט — האָט געשריבן דער דעפּאַרטאַמענט-פּרעפעקט פּאָ (פּיעמאָנט) — וועט נישט ברענגען די געוואונשענע רעזולטאַטן—נאָר וועט דווקא ברענגען דעם היפּך: ער וועט אויפהאַלטן דאָס אויפלעבן פון די יידן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן מאָמענט פון דער רעוואָלוציע, און וואָס קען זיך אַנטוויקלען נאָר בתנאי, אַז יידן זאָלן האָבן דיזעלבע רעכט ווי אַלע אונטערטאַנען אין לאַנד.” דידאָזיקע השתדלות האָט אין פּאַריז געווירקט. לויט דעם קייזערלאַכן באַפעל פון 11 אַפּריל 1810 זיינען 15 איטאַליענישע דעפּאַרטאַמענטן באַפרייט געוואָרן פון דאָזיקן „שענדלאַכן דעקרעט”. די יידן אין רוים זיינען נישט באַפרייט געוואָרן און דער דאָרטיקער פּרעפעקט, ווי אויך דאָס צענטראַלע רוימישע קאָנסיסטאָריום האָבן זיך נאָך אין נאָוועמבער 1810 משתדל געווען מכח דער אוניע אויך פאַר רוים, וואו עס עקזיסטירן אַ סך מער פאָראורטיילן געגן יידן און וואו מען טאָר אַזעלכע פאָראורטיילן נישט שטיצן.”

נאַפּאָלעאָנס רעזשים האָט געבראַכט די איטאַליענישע יידן גלייכבאַרעכטיקונג, אָבער נישט קיין עקאָנאָמיש גליק. די שטענדיקע פּאָליטישע קריזיסן, די מלחמות, די רויבערישע פראַנצויזישע קאָנטריבוציעס און רעקוויזיציעס האָבן רואינירט די איטאַליענישע באַפעלקערונג בכלל און די יידישע בפרט. די יידישע האַנדלסהייזער אין די פּאָרטשטעט ליוואָרנאָ און ווענעדיק האָבן שרעקלאַך געליטן פון דידאָזיקע קריזיסן. אָבער דאָך האָט די האַנדלספרייהייט, וואָס איז געקומען אַ דאַנק דער רעוואָלוציע, געבראַכט געוויסע רעזולטאַטן.

זי האָט דערפירט צו אַ רעגלמעסיקער אַנטוויקלונג פון די יידן אויף פאַרשידענע געביטן פון דער עקאָנאָמישער טעטיקייט. אין פּיע-

מאַנט, אין שטאַרק אָפּגעשטאַנענעם טייל פון איטאַליע, האָט זיך נאָר איין דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג באַשעפטיקט מיט האַנדל, און צוויי דריטל—מיט האַנדווערק, קונסט, געזעלשאַפטלאַכע אַמטן און לאַנדווירטשאַפט (1808—1811).

די יידן אויף געזעלשאַפטלאַכע שטעלעס האָבן געדינט אין מוניציפאַליטעט אַלס מער-געהילפן, מוניציפאַל-ראַטן, פּאָסט-באַאַמטע א. אַ. וו. די צאָל פון אַזעלכע באַאַמטע איז אין עטלאַכע שטעט פון איטאַליע געווען זייער באַדייטענדיק, נישט קוקנדיק אויף די פאָראורטיילן פון דער קריסטלאַכער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זייער אָפט (לויטן עדות פון דער אַדמיניסטראַציע) נישט גערן געוואָלט פאַרנעמען צו אָרט אויף די זיצונגען און די געזעלשאַפטלאַכע אינסטיטוציעס אינאיינעם מיט די יידן.

**נידערלאַנד, ענגלאַנד, שווייץ און סקאַנדינאַוויע ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.**

אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע האָבן זיך געפונען די יידישע קהלות אין טאָלעראַנטן האָלאַנד. בעת אין דער מעטראָפּאָליע פון קאַטוליציזם—אין איטאַליע האָט געהערשט דאָס פינסטערע געטאָ, האָט שוין האָלאַנד געגעבן אַ דאַך צענדליקער טויזענטער יידישע היימלאָזע פון די אינקוויזיציע-לענדער (שפּאַניע און פּאָרטוגאַל) און די קרבנות פון דער דייטשער רעכטלאָזיקקייט און האָט גאַראַנטירט די אימיגראַנטן פרייהייט פון גלויבן און אומבאַדירלאַכקייט פון פּערזאָן, כאָטש נישט קיין בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיקונג. אין אַמסטערדאַם, האַאַג, ראָטערדאַם און אין אַנדערע נידערלענדישע שטעט האָבן עקזיסטירט גרויסע קהילות פון ספרדים און אשכנזים מיט אַ גוט אָרגאַניזירטער זעלבסטפאַרוואַלטונג. די יידן האָבן געשפּילט אַ באַדייטענדיקע ראָל אינם גרויסהאַנדל, איבערהויפּט אין אייראָפּייאיש - אַמעריקאַנישע פינאַנציעלע ספערן. אָבער אינם בירגערלאַכן לעבן זיינען זיי געווען אָפּגעזונדערט און האָבן פאַרנומען דעם צווייטן אָרט נאָך די קאַטאָליקן, וועלכע האָבן זיך אויך נישט געקאָנט דערשלאָגן צו אַ גלייכבאַרעכטיקונג ביי די אָנהייגער פון דער הערשענדיקער קירך—די קאַלוויניסטן. אויף דעם אופן זיינען די יידן געווען בירגער פון דריטן ראַנג. אין אַמסטערדאַם איז נאָך געווען אין קראַפט דאָס אַלטע געזעץ, וואָס האָט נישט דערלויבט קיין

יידן אַריינצוטרעטן אין פאַרשידענע האַנדלס-און האַנדווערק-פאַריינען. און דאָס האָט פאַרצוימט דעם וועג פאַר די מיטעלע און נידעריקע קלאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג צו פאַרשידענע געווערבען. די געזעלשאַפטלאַכע שולן אינם לאַנד זיינען געווען געשלאָסן פאַר די יידישע קינדער, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די יידן האָבן געצאָלט דעם אַלגעמיינעם שול-שטייער און אַפילו די שטייערן לטובת דער הערשענדיקער קירך. בכלל האָבן די מוניציפּאַליטעטן אָפן אַרויסגעוויזן זייער אומסימפּאַטיע צו די יידן און האָבן זיך באַמיט צו שטערן זייער קאָנקורענץ מיט די קריסטן אויף פאַרשידענע געביטן פון עקאָנאָמישער טעטיקייט. פולשטענדיק גוטע באַציונגען זיינען בלויז געבליבן צווישן דער יידישער אַריסטאָקראַטיע און די נידערלענדישע שטאַטהאַלטער, די פּרינצען פון אָראַנישן הויז. בעתן אויפשטאַנד פון דער „פּאַטריאָטישער פּאַרטיי" געגן דעם שטאַט-האַלטער ווילהעלם V (1786–87) זיינען די יידן געווען אויף דער זייט פון דער „אָראַנישער פּאַרטיי". אַנטלויפנדיק פון האַאַג, האָט דער שטאַט-האַלטער געפונען שוץ אין אַמסטערדאַם אינם הויז פון בנימין כהן; נאָכדעם ווי ווילהעלם איז דורך דער הילף פון די רוסישע אַרמייען צוריק אַרויף אויפן טראָן, האָבן זיך די יידן באַטייליקט אין די פייערונגען לכבוד דעם צוריקגעקומענעם הערשער. ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי געהאַט אַ גרונט צו וועלן בעסער די רעגירונגס-פּאַרטיי איידער יענע „פּאַטריאָטן", וואָס האָבן אין די מאַגיסטראַטן און פאַריינען כסדר באַגרענעצט די יידישע רעכט און נישט צוגעלאָזן זיי אין זייער געזעלשאַפט.

סימנים פון אַ סיסטעמאַטישער פ אַ ס י ו ו ע ר אומטאָלעראַנץ האָבן זיך אַלץ בולטער אַרויסגעוויזן אין א י נ ג ל אַ נ ד. דאָ האָבן די יידן אין אַ געוויסער מאָס געטיילט דעם אַלגעמיינעם גורל פון די „דיסענטערן" (קריסטן, וואָס געהערן נישט צו דער הערשענדיקער אַנגליקאַנישער קירך), וועלכע מען האָט אין 18 יאָרהונדערט בשום אופן נישט געוואָלט געבן קיין בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיקונג; אָבער, אַלס נישט-קריסטן, זיינען זיי אויפן געזעלשאַפטלאַכן לייטער נאָך געשטאַנען מיט אַ שטאַפּל נידעריקער פון די דיסענטערן. אין יאָר 1754 איז אַ דאַנק דער אַגיטאַציע פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי אָפּגעשאַפט געוואָרן דער ליבעראַלער ביל (פּאַרלאַמענטס-אַקט) פון יאָר 1753 מכוח נאַטוראַליזירן די איינגלישע יידן. דערדאָזיקער אַקט האָט אויף לאַנגע יאָרן אָפּגעשטעלט

די בירגערלאַכע אַנטוויקלונג פון איינגלישן יידנטום. די יידן האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין האַנדל און אינדוסטריע, האָבן געהאַט זייערע אויטאָנאָמע קהלות אין לאָנדאָן און אין אַנדערע שטעט, אָבער פון געזעלשאַפטלאַכן און פּאָליטישן לעבן אין לאַנד זיינען זיי לגמרי געווען אָפּגעריסן. פון די עלעמענטאַרסטע רעכט (ווי, צ. ב., דערווערבן נחלאות) זיינען זיי געווען באַרויבט. כּדי צו באַקומען וועלכן עס איז עפנטלאַכן פּאָסטן האָט מען געמוזט געבן אַ שבועה, וואָס איז באַשטאַנען פון די ווערטער: „לויטן אמתן קריסטלאַכן גלויבן" און דידאָזיקע אומגליקלאַכע פראַזע האָט פאַרצוימט פאַרן יידן דעם וועג אין פּאַרלאַמענט, אין די מוניציפּאַליטעטן און אין פאַרשידענע שטאַנדן-קאָרפּאָראַציעס.

עס איז איינגעפירט געוואָרן אַן אָריגינעלער סיסטעם: מען האָט דעם יידן נישט פאַרפאָלגט, זיך נישט אַריינגעמישט ברוטאַל אין זיין פּערזענלאַכן לעבן, ווי אין פרייסן אָדער אין עסטרייך, נאָך מען האָט אים אָפּגעטיילט מיט אַ כינעזישער וואַנט פון בירגערלאַכן און פּאָליטישן לעבן. צווישן יידן און דעם פולבאַרעכטיקטן בירגער איז געשטאַנען די קירך,—נישט קיין קריגערישע און אַגרעסיווע, ווי די רוימיש-קאַטוילישע, נאָר אַ פּאַסיוו פאַרעקשנטע, וואָס אָנדערקענט נישט אַלס בירגער קיין שום נישט-אַנגליקאַנער ומה גם נישט קיין קריסט. דער עטיקעט פון דער הערשענדיקער קירך האָט געקאָנט ראַטעווען פון אַלע צרות. בעת אין לאָנדאָן זיינען אין יאָר 1780 אויסגעבראָכן גאַסן-אומרוען אויפן באָדן פון רעליגיעז• צוזאַמענשטויסן, האָבן די יידן אויסגעהאָנגען אויף די פענסטער פון זייערע הייזער פאָלגענדיקע אויסשריפט: דאָס הויז געהערט צו אַן אמתן פּראָטעסטאַנט." בייטען דעם עטיקעט אין ברייטערן זין פון וואָרט איז אין יענער עפּאָכע געוואָרן אַ טאָגטעגלאַכע דערשיינונג. צווישן דער יידישער אַריסטאָקראַטיע איז געווען אַ היפּשע צאָל פאַמיליעס, וואָס האָבן באַשלאָסן צו באַהאַלטן זייערע קינדער אונטער די פליגלען פון דער הערשענדיקער קירך, כּדי זיי צו פאַרזיכערן אַ גוטע קאַריערע און אַ פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. אַ גרויסן שטויס האָט דערצו געגעבן דער ביישפּיל פון פינאַנסיסט און ראש-הקהל פון דער לאָנדאָנער יידישער געמיינדע-שמשון גדעון: נאָכן אָפּשאַפן דעם נאַטוראַליזאַציע-ביל האָט ער איבערגעשמדט אַלע זיינע קינדער. זיין ביישפּיל האָבן צום סוף פון XVIII יאָרהונדערט נאָכגע-

טאָן אַ גאַנצע גרופּע יידישע פאַמיליעס אין לאָנדאָן. די שמד-באַוועגונג
איז געווען באַזונדערס שטאַרק אין דער ספרדים-געמיינדע ביי די בר׳ני-
סע סוחרים און פינאַנסיסטן. אַ סך אויסגעהאַלטענער האָבן זיך
אַרויסגעוויזן די אשכנזים—די דייטש-פּוילישע יידן, ביי וועמען די
נאַציאָנאַלע טראַדיציעס זיינען געווען באַדייטענד שטאַרקער. אויפן עקאָ-
נאָמישן לייטער זיינען זיי געשטאַנען אַ סך נידעריקער פון די ספרדים
—אָבער גלייכצייטיק פיל ווייטער פון די הויכע קלאַסן פון דער ענג-
לישער געזעלשאַפט. די אשכנזים האָבן געוווינט נישט בלויז אין לאָנ-
דאָן, נאָר אויך אין אַנדערע האַנדלס-און פּאָרט-צענטרען: ליווערפּול,
פּלימוט, בריסטאָל, וואו זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיט קליינהאַנדל
און פּעדלען. גייט מען אַריבער פון די לענדער מיט דער געמישטער
ספרד־אַשכנזישער קולטור, ווי האָלאַנד און איינגלאַנד, צו די קאָלאָניעס,
וואָס זיינען איינפאַכער לויט זייער צוזאַמענשטעל, און וואָס האָבן געצויגן
צו דייטשלאַנד אָדער עסטרייך,—שטעלט זיך פאָר דאָסזעלבע טרויעריקע
בילד. אין דער שווייץ, וואו יידן האָבן בכלל נישט געטאָרט וואוי-
נען, האָט עקזיסטירט אַ ספּעציעלער „תחום“, וואו זיי האָבן צייט-
ווייליק געמעגט בלייבן. דאָס זיינען געווען צוויי שטעטלאַך אין
באַדענער קרייז: ענדינגען און לענגנוי, וואָס זיינען שפּעטער אַריין אין
קאַנטאָן אַארגוי. געפינענדיק דאָ אַ בלומרשטן מקום-מנוחה, האָבן די
„שוץ-יידן“, וואָס זיינען אַהער געקומען פון עסטרייך, דייטשלאַנד און
עלזאַס, געלעבט אויפן סמך פון אַ באַזונדערן אָפּמאַך מיט דער אָרטיקער
מאַכט, וועלכן מען האָט געמוזט באַנייען אַלע 16 יאָר. דאָס באַנייען
דעם אָפּמאַך אין די לעצטע טערמינען פון 18 יאָרהונדערט (אין די
יאָרן 1760, 1776, 1792) איז פאָרגעקומען אויף פאָלגענדיקע באַדינגונגען:
די יידן וועלן זיך נישט מערן; עס וועלן נישט דערלאָזט ווערן קיין
חתונות פון אָרימע לייט; כלות, וואָס מען ברענגט פון אַנדערע לענ-
דער, מוזן האָבן נישט ווייניקער ווי 400 גולדן נדן; יידן טאָרן נישט
דערווערבן קיין הייזער, נישט קויפן קיין ערד, נישט באַשעפטיקן זיך
מיט ליכווע; געבן הלוואות איז דערלויבט נאָר אויף משכנות פון באַ-
וועגלאַכע גיטער; אַ ייד טאָר נישט וואוינען אין איין הויז מיט אַ קריסט.
אַזעלכע געזעצן האָט מען אָנגענומען געגן אַן הייפעל יידן (בערך
150 פאַמיליעס) אין דעם „פרייהייטסלאַנד“, ערב אָדער בעסער אין
די ערשטע יאָרן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די יידישע קאָלאָניע אין דענעמאַרק (אַן ערך 3000 מאַן) האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ צווייג פון דער האַמבורגער קהילה. די שכנישע האָלשטיינער שטאָט אַלטאָנאַ האָט זיך אין XVIII יאָרהונדערט געפונען אונטער דער דענישער הערשאַפט, און די יידישע קהילות פון ביידע שטעט (צוזאַמען מיט דער דריטער געמיינדע פון שטעטל וואַנדסבעק) האָבן געהאַט איין געמיינזאַמען רב. אין די שטעט-סביבות פון דענעמאַרק האָט מען יידן קנאַפּ וואָס אַריינגעלאָזט, אָבער דאָך איז די רייכע סוחרים און פאַבריקאַנטן געלונגען אַהין אַריינצודרינגען און אָרגאַניזירן אַ קאָלאָניע אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד—אין קאָפּענהאַגען. פאַרן קעניג קריסטיאַן VI (1766—1808) האָט די רעגירונג מיט צופרידנקייט געקוקט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער בערלינער השכלה צווישן די דענישע יידן; אונטערן איינפלוס פון דער נייער באַוועגונג האָט זיך די קאָפּענהאַגענער געמיינדע צושפּאָלטן אויף צוויי גרופּעס: פּראָגרעסיסטן און אָרטאָדאָקסן. פון בירגערלאַכער גלייכבאַרעכטיקונג זיינען נאָך אָבער די דענישע יידן ערב דעם יאָר 1789 געווען זייער ווייט.

אין צווייטן סקאַנדינאַווישן לאַנד, אין שוועדען, האָט מען אין אָנהויב (אין 17 יאָרהונדערט) שטאַרק אָפּגעהיט די קריסטלאַכע באַפעלקערונג „פון שעדלאַכן איינפלוס פון דער יידישער רעליגיע אויפן ריינעם עוואַנגעלישן גלויבן.” פון די יידן, וואָס פלעגן קומען קיין שטאָקהאָלם, פלעגט מען פאָדערן נישט מער און נישט ווייניקער ווי זיך איבערצושמדן לויטן לוטעראַנישן מנהג. אין 18 יאָרהונדערט איז פונדעסטוועגן די יידישע סוחרים געלונגען צו באַקומען וואוינרעכט אין לאַנד, נישט איבערבייטנדיק דעם גלויבן. אַן אַלגעמיינער רעגולאַמין איז געווען אַרויסגעגעבן פאַר די יידן אין יאָר 1782. די אָרטיקע יידן האָט מען דערלויבט צו וואוינען אינגאַנצן קעניגרייך, פריי דערפילן זייער גאָטדינסט, אָבער אָן שום צערעמאָניעס, „וואָס קענען דערוועקן אומרוהיקייט ביי דער קריסטלאַכער באַפעלקערונג.” אָבער די יידישע קהילות, מיטן ראַבינאַט און סינאַגאָגעס, זיינען בלויז דערלויבט געוואָרן דריי שטעט: שטאָקהאָלם, געטעבאָרג און נאָרקעפּינג. אויסלענדישע יידן פלעגט מען דערלויבן זיך באַזעצן נאָך אַ גאַנצע ריי וואָגלעניש. מען האָט געמוזט צושטעלן פערזענלאַכע דאָקומענטן, אָנווייזן אויף די עקזיסטענץ-מיטלען און וואוינען האָט מען געקאָנט נאָר אין די אויבנדערמאָנטע דריי שטעט. אויף אַ סך לייכטערע באַדינגונגען פלעגט מען

אַרײנלאָזן אין לאַנד רייכע יידן, וואָס האָבן געהאַט קאַפּיטאַלן אויף עפענען פאַבריקן און גרויסע האַנדלסהייזער ספּעציעל פאַר אַזעלכע אינדוסטריע-צווייגן, וואָס זיינען געווען אין לאַנד ווייניק אַנטוויקלט; אַזעלכע פּערזאָנען פלעגט מען געבן "אַלערליי קאָנצעסיעס. דער קליין-געווערב און אחדים-האַנדל איז אָבער געווען געשטערט דורך שווערע באַגרענצונגען.

די שפּורן פון שוועדישן רעגולאַמין פאַרן יאָר 1782, וואָס איז שוין אין זיין פאָטערלאַנד לאַנג סקאַסירט געוואָרן, האַלטן זיך נאָך עד-היום אין דער געוועזענער שוועדישער פּראָווינץ—פינלאַנד, וואו די אַלטפרענקישע געזעצגעבונג מכוח יידן האָט זיך געהאַלטן אונטערן איינפלוס פון דער נייער רוימישער מעטראָפּאָליע, דעמדאָזיקן גרויסן רעזערוואואַר פון יידישער רעכטלאָזיקקייט.

**די שווייץ.** (די העלוועטישע רעפּובליק). אויך אין דער שווייץ האָט זיך אין מיניאַטור איבערגעחזרט דאָס בילד פון דער עפּע-מערגער עמאַנסיפּאַציע, נאָר מיט אַ דייטלאַכער לאָקאַלער פאַרפאַרבונג. אַ צוויי-הונדערט יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אין צוויי "ערי-מקלט"—אין ענדינגען און לענגנוי, אין באַדענער קרייז, האָבן אין יאָר 1792 באַנייט זייער אָפּמאַך מיט דער רעגירונג, וואָס האָט זיי געגעבן דאָס רעכט צו וואוינען און פירן אַ קאַרגלאַכע עקזיסטענץ אין דעמדאָזיקן ראַיאָן מיטן באַדינג זיך נישט צו פאַרמערן. דאָס אַרויס-גיין אויסערן "תחום" און דאָס אָנקומען פון יידן פון אַנדערע לענדער איז דערלויבט געווען צייטווייליק אויף די שווערסטע באַדינגונגען; די דורכרייזנדיקע סוחרים האָבן געמוזט אָפּצאָלן פּי-צאָל, לייבצאָל און פאַר-שידענע אַנדערע ספּעציעלע שטייערן. דעם ערשטן דורכברוך אין דעם-דאָזיקן כינעזישן מויער האָט געמאַכט דאָס געווער פון פראַנצויזי-שער אָפּשטאַמונג. די פראַנצויזישע רעגירונג פון די דירעקטאָריע-צייטן האָט געפאָדערט ביים שווייצאַרישן בונדעס-ראַט, אַז ער זאָל באַפרייען פון די ספּעציעלע שטייערן די פראַנצויזישע יידן, וואָס קומען אין דער שווייץ וועגן געשעפטלאַכע ענינים—און די שווייצאַרישע רעגירונג איז געווען געצוואונגען צו אַקצעפּטירן דידאָזיקע פאָדערונג (1797), געבענדיק אויף דעם אופן די אויסלענדער מער רעכט ווי די איינגע-באָרענע. אין אַ יאָר שפּעטער האָט שוין פראַנקרייך פאַרפעסטיקט איר

פּראָטעקטאָראַט אין דער שווייץ און האָט איינגעבראָכן די מיטעלאַלטער־לאַכע מלוכהאָרדנונג.

אין יאָר 1798 איז אויף די חורבות פון דער אַלטער שווייצאַ־רישער קאָנפעדעראַציע אַנטשטאַנען „אַן איינהייטלאַכע און אומטיילבאַ־רע" געלוועטישע רעפּובליק, מיט אַ דירעקטאָריום אָן דער שפּיץ און מיט צוויי געזעצגעבערישע פּאַלאַטעס. תיכּף נאָך דער איבערקערעניש האָבן זיך די יידן פון באַדענער קרייז געווענדט צו די (קאָנסטיטוציאַ־רענדיקע) פּאַרזאַמלונגען מיט אַ פּעטיציע אויסצוגלייכן זיי אין די רעכט פון פרייער באַוועגונג און שטייערן־אָפּצאָל מיט די פּריווילעגירטע אויס־לענדישע פראַנצויזישע יידן. די רעגירונג (דאָס דירעקטאָריום) האָט געשטיצט דידאָזיקע פאָדערונג. נאָך הייסע דעבאַטן (דעם 31 מאַי און 1-טן יוני 1798) האָבןביידע פּאַלאַטעס אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון דירעקטאָריום און האָבן פעסטגעשטעלט: „אויף די קומענדיקע צייטן ווערן סקאַסירט אין אַלע געלוועטישע געגנטן אַלע ספּעציעל אויף יידן אַרויפגעלייגטע פּערזענלאַכע שטייערן און אָפּצאָלונגען, וואָס זיינען מבזה דעם מענטשלאַכן כבוד." אויף דעם אופן איז פאָרגעקומען די אָפּצאָל־אויסגלייכונג פון די יידן. איצט האָט געדאַרפט קומען די פולע בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיקונג.

די פראַגע וועגן גלייכבאַרעכטיקונג איז אַרויפגעשוואומען אין פּאַרלאַמענט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער בירגער־שבועה, אָדער מיט דער שבועה פאַר דער נייער קאָנסטיטוציע. צולאָזן די יידן צו דער־דאָזיקער שבועה האָט געהייסן אָנדערקענען זייער גלייכבאַרעכטיקונג, דאָס האָט אָבער די יידנפיינטלאַכע מאַרטיי נישט געקאָנט נאָכגעבן. לאַנגדויערנדקע דעבאַטן אין ביידע פּאַלאַטעס און אין אַ ספּעציעלער קאָ־מיסיע (אויגוסט 1798) האָבן דייטלאַך אויפגעוויזן דעם פּרינציפּיעלן געגנ־זאַץ צווישן די קאָנסערוואַטאָרן און ליבעראַלן בנוגע דער עמאַנסיפּאַציע־פראַגע. דער ציריכער דעפּוטאַט עשער און דער לאָזאַנער סעקרע־טאַן האָבן געפאָדערט גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן, וואָס זיינען געבאָרן אין דער שווייץ און באַפרידיקן אַלע פאָדערונגען פון בירגער־לאַכער רעכטספעהיקייט. זייערע געגנער האָבן זיך געשטיצט אויף די אויסגעדראָשענע מאָטיוון: די יידן קאָנען נישט געבן מיט אַ ריינעם געוויסן די בירגערלאַכע שבועה, ווייל זיי זיינען מיטגלידער פון אַ באַזונדערער נאַציע און חלומען וועגן אַ משיח, וואָס וועט ווידער אויפ־

בויען זייער אייגענע מלוכה. מען האָט פאָרגעשלאָגן אַ קאָמפּראָמיס: צולאָזן צו דער בירגער-שבועה נאָר אַזעלכע יידן, וואָס וועלן פאָר-שטעלן צייגנישן פון אָרטיקע קהילות וועגן זייער גוטער אויפפירונג און וועלן זיך פאַרפליכטן שטריינג זיך אונטערצוואַרפן דער געלוועטישער קאָנסטיטוציע, זיך אָפּזאָגנדיק פון דער נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט. די פּאַלאַטעס האָבן אָבער אָפּגעוואָרפן דעמדאָזיקן פּשרה-פאָרשלאַג, און אויף זיין אָנפראַגע האָט דאָס דירעקטאָריום בעקומען פאָלגענדיקן ענט-פער: אָפּלייגן די שבועה פון די יידן ביז די קאָמיסיע וועט גענויער באַ-טראַכטן דידאָזיקע פראַגע.

אין פעברואַר 1799 האָט די קאָמיסיע פאָרגעשטעלט די פּאַלאַטעס דעם גאַנצן צונויפגעזאַמעלטן מאַטעריאַל, וואו עס האָבן זיך אויך גע-פונען מיינונגען פון פראַנצויזישע און דייטשע רבנים און תשובות פון שווייצאַרישע יידן אויף אַן אַנקעטע, מיט וועלכער מען האָט זיך צו זיי געווענדט. אין די ענטפערס האָט זיך געזאָגט, אַז די יידישע רע-ליגיע פאַרפליכטעט אירע אָנהענגער זיך אונטערצוואַרפן אויסשליסלאַך די געזעצן פון יעגע לענדער, וואו זיי וואוינען, און פלאַנבן אין זיי נישט איין קיין שום סעפּאַראַטיזם. אויף פיר זיצונגען פון דער אונטערשטער פּאַלאַטע, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט איר זיץ אין ליוצערן (6, 12—13 פעברואַר און 6 מערץ) זיינען פאָרגעקומען שטורמישע וכוחים איבערן רעפעראַט פון דער קאָמיסיע. דער לידער פון די עמאַנסיפּאַנטן, סעקרע-טאַן, האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך נישט רעכענען מיט די פאָראור-טיילן פון די פינסטערע פאָלקסשיכטן געגן די יידן: מיר זיינען דאָ די טרעגער פון בילדונג און פאַרשטאַנד, און נישט פון אָפּגעלעבטע פאָלקס-נאַרישקייטן. דער געגנער פון עמאַנסיפּאַציע, עלמיגער, האָט געשילדערט אין זיין רעדע דעם טרויעריקן צושטאַנד פון דער קינפטי-קער שווייץ נאָכדעם, ווי עס וועט געגעבן ווערן יידן גלייכבאַרעכ-טיקונג, די בעסטע לעזונג פון דערדאָזיקער פראַגע וואָלט, לויט זיין מיינונג געווען—אויפזאַמלען אַלע יידן און אַוועקשיקן זיי צו נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, ער זאָל זיי באַזעצן אין ירושלים (דאָס איז געווען אין דער צייט, בעת באָנאַפּאַרט האָט אונטערגענומען זיין סיריש-עגיפּטישן מאַרש און האָט זיך געווענדט מיט אויפרופן צו די פּאַלעסטינער יידן).

נאָך לאַנגדויערנדיקע דעבאַטן האָט די פּאַלאַטע מיט אַן אומבאַ-דייטנדיקער שטימען-מערהייט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג וועגן דער ייד-

שער גלײכבאַרעכטיקונג.

דער שװײצאַרישער פּאַרלאַמענט האָט זיך אויף דעם אופן אַרויסגעװיזן קאָנסערװאַטיװער, װי די רעגירונג. דאָס דירעקטאָריום, האַלטנדיק פאַר אוממעגלאַך איבערצולאָזן די יידן אין דער פריערדיקער רעכטלאָזיקייט, האָט געזאָרגט װעגן אַ טײלװײזער אויסבעסערונג פון זײער לאַגע און האָט געגעבן די יידן פון „תחום המושב" גלײכע רעכט מיט די אויסלענדער. די יידן איז געװען דערלויבט זיך צו באַזעצן נישט בלויז אין צװײ שטעט, נאָר אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון באַדענער קרייז און דערװערבן אומעטום ערד-אייגנטום. אָבער אַפילו דידאָזיקע נישטיקע פאַרלײכטערונגען האָבן געשטאָכן די אויגן פון דער קאַנטאָן-באַפעלקערונג, װאָס איז געװען דערצויגן אין גייסט פון מיטלאַלטער. אין סעפּטעמבער 1802, בעת די יידישע ימים-טובים, האָט אַ מחנה כוליגאַנעס צוראַבירט די װאוינונגען פון אַ סך יידן אין ענדינגען און לענגנוי. דידאָזיקע אומרוען האָבן, װאַרשיינלאַך, געהאַט אַ צוזאַמענהאַנג מיטן צײטװײליקן אָפּטרעטן פון די פראַנצויזישע אַרמײען פון דער שװייץ, װאו עס זיינען בסדר פאָרגעקומען פּאַרטײ-צוזאַמענשטויסן. באַלד זיינען די פראַנצויזישע אַרמײען צוריקגעקומען, כדי דורכצופירן די נייע איבערקערעניש לויט באָנאַפּאַרטס פּלאַן.

„דורכן מעדיאַציע-אַקט" (פּאַרמיטלונגס-אַקט) פון יאָר 1803 איז די געלװעטישע רעפּובליק געװאָרן מער אָפּהײנגיק פון פראַנקרײך, דערפאַר איז אָבער אין איר צוריק אײנגעפירט געװאָרן די אַלטע קאָנפעדעראַטיװע אָרדנונג; יעדער קאַנטאָן איז װידער געװאָרן פולשטענדיק אויטאָנאָם אין זיין בירגערלאַכער פאַרװאַלטונג. די יידן האָבן זיך געפונען אונטער דער אוממיטלבאַרער הערשאַפט פון קאַנטאָן אַארגוי, װאוהין עס איז אַריין דער פריערדיקער באַדענער קרייז, זייער „תחום המושב". אין יענעם יאָר האָבן זיי זיך געװענדט צום בונדעס-ראַט פון דער קאָנפעדעראַציע מיט אַ פּעטיציע װעגן גלייכע רעכט מיט דער קריסטלאַכער באַפעלקערונג. דער אַלמעכטיקער פראַנצויזישער גענעראַל ניי האָט געשטיצט דידאָזיקע פּעטיציע. אָבער אַז דער בונדעס-ראַט האָט איבערגעשיקט די פּעטיציע צו דער רעגירונג פון קאַנטאָן אַארגוי זי צו באַשטעטיקן, האָט ער באַקומען אַן ענטפער, אַז לויט דער נייער קאָנסטיטוציע קאָן די קאַנטאָן-מאַכט נישט דערלויבן דער צענטראַל-רעגירונג זיך אַריינצומישן אין אירע אינערלאַכע אָנגעלעגנהייטן. די קאַנ-

טאָן-רעגירונג גופא האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט וועגן אויסבעסערן די לאַגע פון די יידן אין אַאַרגוי און האָט אים איבערגעגעבן דעם קאַנטאָן-ראַט צו באַטראַכטן; דער ראַט האָט אָבער געפונען פאַר צו ליבעראַל אַפילו דעמדאָזיקן מעסיקן פּראָיעקט, וואָס אַנדעדקענט אַלס קאַנטאָן-בירגער די יידן, וואָס וואוינען דאָרט העכער 26 יאָר (אין יאָר 1805). נאָך לאַנגע הכנות איז סוף-כל-סוף אויסגעאַרבעט און אָנגענומען געוואָרן אַ ניי געזעץ וועגן די יידן פון קאַנטאָן אַאַרגוי (5 מאַי 1809), וואו עס זיינען געמאַכט געוואָרן דעם פרייען צייט-גייסט די אומבאַדייטנדסטע הנחות. אויפן גרונט פון דאָזיקן געזעץ האָבן די יידן, לויטן אויסדרוק פון אַ שווייצאַרישן היסטאָריקער, „געהאַט די פליכטן, אָבער נישט די רעכט פון קאַנטאָן-בירגער". דער תחום המושב איז געבליבן, נאָר דאָס געזעץ האָט גרויסמוטיק דערלויבט זיך צו באַזעצן אין אַנדערע קאַנטאָן-געמיינדעס (חוץ ענדינגען און לענגנוי) יענע יידן, וואָס וועלן פאָרשטעלן אַ צייגניש וועגן זייער אויסגעצייכנטער אויפפירונג, זייער בילדונג אין אינדוסטריעלן חשק. אָבער אַזעלכע צייגנישן האָבן בשום אופן נישט געקאָנט צושטעלן מענטשן, וואָס דיזעלבע רעגירונג האָט כסדר באַגרענעצט זייערע וואוינרעכט, זייער פרייע וואַל פון האַנדל און האַנדווערק. די איינציקע פרייע פּראָפעסיע פאַר יידן איז געווען דאָס פעדלען: דער אָרעמער „תחום-איינוואוינער" פלעגט יעדן זונטאָג אַרויפוואַרפן אויפן פּלייצע זיין קערבעל סחורה און גיין וואַנדערן פון שטעטל צו שטעטל, פון דאָרף צו דאָרף, אין די קרייזן פון ענדינגען און לענגנוי, וואו ער פלעגט פאַרקויפן זיינע סחורה און קומען אַהיים ערשט פרייטאָג פאַרנאַכט, כדי צו פאַרברייגען מיט זיין פאַמיליע דעם שבתדיקן טאָג. פון דער צווייטער זייט איז אין נייעם געזעץ שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן פרעהס באַפעל — נישט דערלאָזן די יידן זיך מערן: זיי האָבן נישט געטאָרט חתונה האָבן אָן דער דערלויבניש פון דער קאַנטאָן-מאַכט און דאָס נאָר דעמאָלט, אַז מען האָט צוגעשטעלט אַ צייגניש וועגן דעם חתנס פּראָפעסיע און זיינע מאַטעריעלע עקזיסטענץ-מיטלען.

אויף דעם אופן איז די שווייצער געלונגען, נאָך עטלאַכע צייטווייליקע הנחות, צוריק איינצופירן זייער פּרימיטיווע געזעצגעבונג וועגן יידן נאָך פאַרן אָנקומען פון דער אַלגעמיין-אייראָפּייאישער רעאַקציע. אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט דאָסדאָזיקע בלומרשט פרייע אומה-

לע אַרויסגעוויזן דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד געגן אַלע עמאַנסיפּאַציע-פּראָבעס בנוגע דעם אומבאַדייטנדיקן הייפעל יידן, וואָס זיינען מגולגל געוואָרן צוּיף זיין טעריטאָריע.

**פּוילן נאָך דער ערשטער חלוקה.**

ערב דעם קריזיס פון די מערב-אייראָפּייאישע יידן, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1789, האָט זיך דער גרויסער יידישער צענטער אין פוילן געפונען אין אַ צושטאַנד פון פּאָליטישער און געזעלשאַפטלאַכער גסיסה.

דאָס איז געווען דער מאָמענט צווישן דער ערשטער חלוקה פון פוילן (1772) און דער צווייטער (1793). אויפן קראַנקן קערפּער פון דער פּוילישער רעפּובליק איז שוין געמאַכט געוואָרן די ערשטע וויוויסעקסיע: רוסלאַנד האָט אָפּגעשניטן איין זייט—ווייסרוסלאַנד, עסטרייך—גאַליציע, פּרייסן—פּאָמערן און אַ טייל פון דער פּויזנער פּראָווינץ. גלייכצייטיק איז אויך צושניטן געוואָרן אויף שטיקער דער קאָמפּאַקטער אָרגאַניזם פון פּוילישן יידנטום. איין טייל פון דעראָזיקער טיף-פּרימיטיווער, פאַרשלאָסענער מאַסע איז אומגעריכט געוואָרן דער אָביעקט פון „רעפאָרמען"-עקספּערימענטן אין לאַבאָראַטאָריע פון יאָסף דעם צווייטן; דער צווייטער טייל האָט זיך דערשפּירט אין דער ראָל פון „געדולדעטע" אין דער רעגירונגס-קאַזאַרמע פון פרידריך דעם צווייטן, וואָס וואָלט זייער גערן צוגענומען די פּוילישע פּראָווינצן אָן זייער יידישער באַפעלקערונג; דער דריטער טייל איז מגולגל געוואָרן אונטער דער הערשאַפט פון רוסלאַנד, וועלכע האָט בשום אופן נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דאָס הייפעל יידן אין אירע קליינרוסישע ראַנדן-לענדער. דער אַמפּוטירטער יידישער צענטער אין פוילן, וואָס איז דאָרט געבליבן נאָך דעראָזיקער כירורגישער אָפּעראַציע (1772) האָט אויף זיין שטייגער איבערגעלעבט די קאָנוואולסיע פון דער גוססער מלוכה, אויף וועלכער עס האָבן געוואַרט נאָך צווי חלוקות. דאָס גוססע פוילן האָט זיך געוואָרפן, געשליידערט, געזוכט אַ לעבנסעליקסיר אין די רעגולאַמינס פון פערמאַנענץ-ראַט, אין די רעפאָרמען פון פיריערדיקן סיים (1788—1791). אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַלגעמיינע רעפאָרמען האָט זיך דערשפּירט אַ באַדערפעניש אויסצוקורירן די פאַרעלטערטע מחלה—לעזן די יידנפראַגע. די „פינאַנטיעלע קאָמיסיע" פון פיריערדיקן סיים האָט צונויפגעזאַמלט

סטאַטיסטישע ידיעות וועגן דער גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן נאָך דער ערשטער חלוקה, וועגן זייער עקאָנאָמישן און קולטורעלן צושטאַנד, און אַט זיינען די רעזולטאַטן פון יענע אָפיציעלע אויספאָרשונגען, ווי זיי ווערן פאָרגעשטעלט אין די אויספירונגען פון איינעם פון די קאָמיסיע-מיטגלידער, דעם היסטאָריקער טאַדעאוש טשאַצקע, וואָס האָט ספעציעל שטודירט די יידישע פראַגע.

אָפיציעל איז אין יאָר 1788 די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן און ליטע געווען אַן ערך 617,000. אויפן גרונט פון אַ גאַנצער ריי פאַקטן ווייזט אָבער טשאַצקי אָן בפירוש, אַז די ווירקלאַכע צאָל יידן,—וואָס צוליב פיסקאַלישע מאָטיוון באַהאַלט מען זי פון דער אָפיציעלער רעוויזיע—האָט דערגרייכט מינדעסטנס ביז 900,000 נפשות, מענער און פרויען. דאָס שטימט כמעט מיטן אויטאָריטעטן אָנווייז פון בוטרימאָוויטשן, דעם מיטגליד „פון דער יידישער קאָמיסיע" ביים פיריאָריקן סיים, אַז די יידן אין פוילן מאַכן אויס אַן אַכטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג (8,790,000 ). דערדאָזיקער מיליאָן האָט זיך שטאַרק פאַרמערט אַ דאַנק דעם איינגעוואָרצלטן מנהג פון יענער צייט יונגע חתונה צו האָבן. דערדאָזיקער מנהג האָט אָבער אַרויסגערופן אַ גרויסע שטערבלאַכקייט צווישן די יידישע קינדער און אַ שטאַרקע קרייגקלאַכקייט פון יינגן דור. דער שול-אונטערריכט פון די קינדער האָט זיך באַשריינקט בלויז מיטן לערנען די רעליגיעזע שריפטן, איבערהויפט דעם תלמוד. דער האַנדל איז געווען אין די יידישע הענט לויט דער פאָלגענדיקער פראָפאָרציע: $^{3}/_{4}$ פון גאַנצן עקספאָרט און $^{1}/_{10}$ פון אימפאָרט. פאַרלעבט האָט דער יידישער סוחר אַ דריטל פון קריסטלאַכן, דעריבער האָט ער געקאָנט פאַרקויפן זיין סחורה אַ סך ביליגער. באַנקראָטן זיינען ביי די יידן געווען עפטער ווי ביי קריסטן. אין פראָווינץ, אויסער גרויס-פוילן, זיינען אַ העלפט האַנדווערקער געווען יידן. דער גרעסטער טייל האַנדווערקער זיינען געווען שוסטער, שניידער, קירזשנער, גאָלדשמידן, משעטליאַרעס, ברוקירער, צירולניקעס; אין גאַנצן לאַנד זיינען געווען בלויז 14 יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ערד-אַרבעט. זייער זעלטן האָט זיך דאָס עשירות, וואָס אַ ייד האָט אָנגעזאַמלט, איינגעהאַלטן ביי זיין פאַמיליע אין משך פון עטלאַכע דורות: די סיבות דערפון זיינען געווען די אָפטע באַנקראָטן און די נייגונג צו ריזיקאַלישע ספעקולאַציעס.

אַ צוועלפטל פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון „ליידיקגייער", ד. ה. מענטשן אָן אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג, און אַ זעכציקסטל—פון קבצנים. צו די דאָזיקע באַשלוסן, לויט צאָציקלע און זייטיקע אויספאָרשונגען — דאַרף מען צוגעבן, אַז איינער פון די וויכטיקסטע יידישע עסקים איז געווען „שיינקעריי", ד. ה. האַלטן טרינקהייזער אין שטעט און דערפער. אין די פּריצישע גיפּען איז שיינקעריי געווען שטאַרק פאַרבונדען מיט אַרענדעס און קרעטשמעריי: אַרענדירנדיק ביים פּריץ פאַרשידענע ווירטשאַפטס-צווייגן (מילך-ווירטשאַפט, לאָנקעס, וועלדער און אַז. וו.), האָט דער ייד אויך גענומען אין אַרענדע דאָס פּריצישע „פּראָפּינאַציע-רעכט" ד. ה. דאָס רעכט צו טרייבן שפּירט און פאַרקויפן שאַרפע געטראַנקען אין שיינקען און קרעטשמעס. די דאָזיקע עסקים האָבן געבראַכט צו אַפטע סכסוכים צווישן יידן מיטן פּויער, דעם פאַרשקלאַפטן כּלאַפּ, וואָס איז געגאַנגען אין שיינק פאַרטרינקען זיינע צרות. זיינע לעצטע פּאָר גראָשן האָט דער אָרימער, אומגליקלאַכער פּויער איבערגעלאָזן אין שיינק, און דעריבער האָט געהערשט די מיינונג, אַז דער יידישער שיינקער רואינירט דעם פּויער. די דאָזיקע באַשולדיקונג האָבן געוואָרפן אויף די יידן די פּריצים-פאַרשקלאַפער, וואָס האָבן באמת אויפן העכסטן אופן עקספּלאָאַטירט דעם פּויער און זיינען געווען די ווירקלאַך שולדיקע אין דער נויט און עלנט פון זייערע פּויערים-קנעכט. אָפּגעבנדיק די יידן אין אַרענדע זייער „פּראָפּינאַציע-רעכט" האָבן די פּריצים דערפון געצויגן פאַר זיך דעם גרעסטן מאַטעריעלן נוצן און—דער שולדיקער איז פאַרן פּויער געווען דער ייד. די יידן האָט די שיינקעריי שרעקלאַך דעמאָראַליזירט. שווער איז געווען די לאַגע פון יידישן אַרענדאַר, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן צווישן דעם פאַרשווענדערישן איינגזיניקן פּריץ און דעם דערשלאָגענעם, פאַרשקלאַפטן פּויער. פאַרן פּריץ איז דער אַרענדאַר אויך געווען דערזעלבער שקלאַף, מיט וועלכן ער איז זיך באַגאַנגען נישט בעסער ווי מיטן פּויער. גאַנץ אָפט פלעגט דער פּריץ מכבד זיין מיט קלעפּ דעם אַרענדאַר דערפאַר, וואָס די וועגן און בריקן אין זיין גוט האָבן זיך געפונען אין אַ שלעכטן צושטאַנד. מאַכן חוזק פון אַרענדאַר און זיין פאַמיליע בעת די אויסגעלאַסענע פּריצישע בעלער און פאַרוויילונגען איז אויך געווען אַ טאָגטעגלאַכע דערשיינונג. אין טאָגבוך פון אַ וואָלינער פּריץ פון יאָר 1774 געפינען זיך, צ. ב.

פאָלגענדיקע באַמערקונגען: הירשקע דער אַרענדאַר האָט מיר נאָך נישט אָפּגעצאָלט די 91 טאָלער פון פריערדיקן טערמין. איך בין געווען גע-צוואונגען צו זוכן מיטלען ווי אַזוי אויפצומאָנען מיין געלט. לויטן סטאַטוס פון קאָנטראַקט האָב איך רעכט, אויב דער אַרענדאַר צאָלט נישט, איינצוזעצן אין טורמע אים מיט זיין ווייב און קינדער אויף אַזוי לאַנג, ביז ער וועט באַצאָלן דעם חוב. איך האָב געגעבן אַ באַפעל אים צו שמידן אין קייטן און פאַרשפאַרן אין שטאַל מיט די חזירים, אָבער דאָס ווייב מיט די קינדער האָב איך איבערגעלאָזן אין קרעטש-מע. נאָר דעם יונגערן יינגל לייזשען האָב איך צוגענומען אין הויף אַריין און געהייסן אים לערנען דעם קאַטעכיזיס און די תפלות (די קאַטוילישע)". דעם יינגל האָט מען מיט געוואַלט געניט זיך צו צלמען און עסן חזיר. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז עס זיינען געקומען עטלאַכע יידן פון בערדיטשעוו, האָבן באַצאָלט דעם חוב פון פאַראָרעמטן אַרענדאַר און האָבן באַפרייט דעם פאָטער פון תפיסה און דעם זון פון צוואַנגשמד.

וואָס האָט געטריבן די יידישע מאַסע צו דערדאָזיקער נידעריקער באַשעפטיקונג — צו אַרענדעריי און דאָרפישער שיינקעריי? בלויז איין אַכטל פון דער באַפעלקערונג אין פוילן, זיינען די יידן אָבער געווען אַ העלפט פון דער גאַנצער צאָל בעלי-מלאכות אין לאַנד און דריי פערטל פאַרמיטלער ביים עקספאָרט-האַנדל (ביים עקספאָרט פון לאַנדווירטשאַפט-לאַכע פראָדוקטן, ווי, געהילץ, פלאַקס, פעל און אַנדערע רוימאַטעריאַלן) פון די אַלע עסקים האָט קענטיק, נישט געקלעקט צום לעבן. די צעכן און גילדעס אין פוילן האָבן, ווי אין מערב-אייראָפּע, נישט אַריינגענומען אין זייערע אָרגאַניזאַציעס — וואו עס האָבן זיך געפונען אַ היפּשע צאָל דייטשן — קיין יידישע סוחרים און בעלי-מלאכות און דערמיט האָבן זיי שטאַרק פאַרשמעלערט זייער טעטיקקייטסקרייז. אין די הענט פון דידאָ-זיקע בירגער און סוחרים, וואָס זיי זיינען געווען דער הערשענדיקער עלעמענט אין די מאַגיסטראַטן, איז געלעגן די מאַכט צו געבן אָדער נישט געבן זייערע יידישע קאָנקורענטן דאָס רעכט אויף האַנדל און מלאכה. די סיים-קאָנסטיטוציע פון יאָר 1768 גיט איבער די עקאָנאָמישע טעטיקקייט פון די יידן אונטער דער השגחה פון די מאַ-גיסטראַטן. דידאָזיקע קאָנסטיטוציע איז אייגנטלעך דיקטירט געוואָרן דורך די מאַגיסטראַטן: „משמעות, אַז די יידן ברענגען אַ שרעקלעכן

שאָדן די שטעט און די בירגער און נעמען-צו ביי זיי די מעגלאַכקייט צו לעבן. דעריבער געמען מיר אָן דעם פאָלגענדיקן באַשלוס: אין אַלע שטעט און שטעטלאַך, וואו די יידן האָבן נישט קיין באַזונדערע פּריווילעגיעס, סאַנקציאָנירט דורך דער קאָנסטיטוציע, מוזן זיי זיך אונטערוואַרפן די אָפּמאַכן, וועלכע זיינען געשלאָסן געוואָרן מיט די שטעט נישט פאַרקאַפּנדיק קיין שום גרעסערע רעכט, וייל דאָס וועט שטרייגג באַשטראָפט ווערן." פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע „אָפּמאַכן" מצד די קריסטלאַכע אינדוסטריעלער האָבן געווייגלאַך געפירט דערצו, אַז מען זאָל פאַרווערן אָדער באַגרענעצן די קאָנקורענץ פון די אָרטיקע יידן. אויף דעם אופן וואָבן מיר, די שעפער פון דער סיים-קאָנסטיטוציע—די פּריצים און די שטאָטישע איינוואוינער—אַרויסגעשטופּט די יידן פון די שטעט און זיי פאַרטריבן אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפטלאַכער אַרענדע און שיינקעריי.

די סיים-קאָנסטיטוציע פון 1775, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך דער ערשטער פּוילישער חלוקה און וואָס האָט געשאַפן אַן אויבערשטן רעגירונגס-אָרגאַן—„דעם שטענדיקן „פערמאַנענטן"-ראַט (Rada nieustająca), האָט פאַרגרעסערט דעם יידישן קאָפּשטייער (אַנשטאָט צוויי—דריי גילדן פון יעדן פאַרשוין אָן אונטערשייד פון געשלעכט, אַנהויבנדיק פון נייגעבאָרענע). גלייכצייטיק האָט זי אויך געמאַכט אַ פּרוּוו צו פאַרמינערן די יידישע חתונות-אַמת, נישט לויטן שרעקלאַכן מוסטער פון מערב-אייראָפּע. די רבנים האָבן נישט געטאָרט געבן קיין חופּה-וקדושין אַזעלכע פערזאָנען, וואָס באַשעפטיקן זיך נישט מיט די מלאכות, האַנדל, ערדאַרבעט, וואָס זיינען דערלויבט דורכן געזעץ און האָבן נישט קיין שום שטעלע און קענען דעריבער נישט אָנווייזן, אַז זיי פאַרדינען צום לעבן. דאָסדאָזיקע געזעץ איז אָבער אייגנטלאַך פּראַקטיש קיין מאָל נישט אָנגעווענדט געוואָרן.

דאָס אַלטע פּוילן האָט נישט געהאַט קיין באַזונדער „תחום המושב" פאַר די יידן: זיי איז נאָר פאַרווערט געווען צו וואוינען אין עטלאַכע „פּריווילעגירטע שטעט". אין דעמדאָזיקן פאַרשלאָסענעם גן-עדן האָט זיך אויך געפונען די הויפּטשטאָט וואַרשע. נאָך פון אַלטע צייטן אָן האָבן יידן דאָרט נישט געטאָרט זיין קיין שטענדיקע איינוואוינער; זיי האָבן נאָר געהאַט דאָס רעכט צו קומען קיין וואַרשע בעת די סיים-זיצונגען, וואָס אין דערזעלבער צייט פלעגן טאַקע אויך פאָרקומען די האַנדלס-

ירידים. די סיים-קאָנסטיטוציע פון 1768 האָט באַשטעטיקט דעמדאָזיקן „אַלטן-מנהג", אַז די יידן מעגן צייטווייליק אַריינגעלאָזט ווערן אין וואַרשע, מאָטיווירנדיק דאָס מיטן „אַלגעמיינעם נוצן" און אויך דערמיט, אַז דאָס שוואַכט-אָפּ די טייערקייט פון די סחורות, וואָס זייערע פּרייזן וואַקסן שרעקלעך אויס, וויבאַלד עס איז נישטאָ די יידישע קאָנקורענץ. אין דער הויפּטשטאָט איז דעריבער איינגעפירט געוואָרן די פאָלגענדיקע אָרדנונג: צוויי וואָכן פאַר דער סיים-עפענונג פלעגט דער געקרוינטער מאַרשאַלעק הייסן מעלדן איבער דער שטאָט דורך שופר-בלאָזן, אַז די צוגעפאָרענע יידן ווערט דערלויבט זיך צו באַשעפטיקן מיט האַנדל און מלאכה; און צוויי וואָכן נאָך דער סיים-סעסיעס פלעגט ווידער דערזעלבער קול-השופר מודיע זיין די יידן, אַז עס איז געקומען די צייט, זיי זאָלן זיך אָפּטראָגן פון דער שטאָט; די, וואָס פלעגן זיך נישט צואיילן, האָט מען מיט דער הילף פון פּאָליציי פּשוט אַרויסגעטריבן. די אַרויסגעטריבענע פלעגן זיך אָבער אויפן צווייטן טאָג, ווי ניי-אָנגעקומענע, ווידער אַריינכאַפּן אין שטאָט און אונטער פאַרשידענע תירוצים אָפּזיצן עטלעכע וואָכן, אונטערקויפנדיק דעם מאַרשאַלעקס איפּזער. דעמאָלט האָט דער געקרוינטער מאַרשאַלעק ליובאָמירסקי איינגעפירט פאַר די יידן אַ בילעטן-סיסטעם: יעדער ייד, וואָס איז געקומען קיין וואַרשע, האָט געדאַרפט אויסקויפן אַ בילעט פאַר אַ זילבערגראָשן, וואָס האָט אים געגעבן דאָס רעכט צו וואוינען אין שטאָט גאַנצע פינף טעג; אָן אַזאַ בילעט האָט זיך קיין ייד נישט געטאָרט ווייזן אין גאַס. און באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דערדאָזיקער בילעטן-אָפּצאָל האָט אַריינגעבראַכט דעם מאַרשאַלעקס קאַסע אַ סומע פון 200,000 גילדן יערלעך. זעענדיק די מעגלעכקייט צו מאַכן געלט אויפן חשבון פון דער יידישער רעכטלאָזיקייט, האָבן אַ סך באַאַמטע פון די וואַרשעווער קוואַרטאַלן, דערלויבט די יידן פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל צו וואוינען אין זייערע געביטן אויסער דער שטאָדט. אויף דעם אופן איז אַנטשטאַנען אַ גאַנץ דערפעל, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „דאָס נייע ירושלים".

די וואַרשעווער קריסטלעכע בירגער האָבן אויפגעהויבן אַ ויצעקו: זיי האָבן געפאָדערט בוכשטעבלעך דורכצופירן דעם געזעץ, וואָס פאַרווערט יידן דאָס שטענדיקע וואוינען אין וואַרשע. ליובאָמירסקי האָט אָנגענומען שטריינגע מיטלען געגן די יידן, נישט קוקנדיק אויפן פּראָ-

טעסט פון די באַאַמטע און אַפילו אויף דער השתדלות פון קעניג: דעם
22 יאַנואַר 1755 האָט מען די יידן אַרויסגעטריבן פון וואַרשאַ, זרוב
געמאַכט זייערע וואוינונגען אין ניי-ירושלים, אַלע סחורות אַוועקגעפירט
אין צעכהויז אין די קאַדעטן-קאַזאַרמעס און דאָרט אויספאַרקויפט. דאָס
איז געווען אַ שרעקלאַכער קלאַפּ פאַר דער אינדוסטריעלער יידישער
באַפעלקערונג, וואָס איז צעבעריסן געוואָרן פון פאָליטישן און קאָמער-
ציעלן צענטער פון לאַנד. ווידער האָט מען זיך געמוזט באַנוגענען מיט
דער קורצער צייט פון די סיים-סעסיעס; אין משך פון דער צייט
האָט זיך אָבער ווידער אָפּגעפרישט דאָס שוחד-סיסטעם; אין יאָר 1784
האָט זיך די אַדמיניסטראַציע, לויט דער פאָדערונג פון מאַגיסטראַט, ווי-
דער אַנגעם געטאָן אָפּצורייניקן די הויפּטשטאָט פון יידן. געענדערט
האָט זיך די לאַגע ערשט אין יאָר 1788, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן
די סעסיע פון פיראָריקן סיים. די יידן האָבן משער געווען, אַז ווי-
באַלד די סיים-זיצונג איז אַ שטענדיקע, איז אויך זייער וואוינרעכט אין
דער הויפּטשטאָט נישט באַגרענצט דורך אַ געוויסן טערמין. און טאַקע
באַלד האָט זיך אין וואַרשאַ צונויפגעקליבן אַ יידישע באַפעלקערונג פון
עטלאַכע טויזנט נפשות, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין צענטער פון שטאָט.
דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרימצאָרן פון די בירגער און דעם מאַגיסטראַט
און האָט שפּעטער דערפירט צו אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס. אָט אַזוי
האָט געקעמפט דאָס געזעץ און דאָס לעבן; דאָס לעבן האָט פאַרוואַנדלט
אין אַ פיקציע דאָס געזעץ, וואָס האָט זיך אַנטקעגן געשטעלט זיינע באַ-
דערפענישן; אָבער אָפט פלעגט זיך דאָס געזעץ נוקם זיין אין לעבן
און אים דערלאַנגען היפשע קלעפּ. ווי אַ קלין האָט זיך אַריינגעהאַקט
אַ מיליאָן יידן אין דער אַכטמיליאָניקער פוילישער ראַסע—און בשום
אופן האָט מען אים נישט געקאָנט רירן פון אָרט, ווייל ער האָט אין
משך פון הונדערטער יאָרן געדינט אַלס צעמענט פאַרן פאָלק פון שליאַכ-
טע און פויערים, פאַרנעמענדיק לכתחילה דעם לעדיקן פלאַץ פון אַ
האַנדלס-אינדוסטריעלן קלאַס. איצט האָט אים אַ צווייטער קלין—דער
קריסטלאַכער בירגערלאַכער עלעמענט—געוואָלט אַרויסהאַקן. ער האָט
אים אָבער נישט געקאָנט בייקומען. צו שטאַרק האָט זיך דאָס יידנטום
צוזאַמענגעוואַקסן מיטן עקאָנאָמישן אָרגאַניזם פון פוילן, בלייבנדיק
לחלוטין פרעמד צו אים און זיינע נאַציאָנאַלע און גייסטיקע
באַציונגען. דאָ איז געלעגן דער טראַגיזם פון דער יידן-פראַגע אין

פוילן בעת דער חלוקה-עפּאָכע. אויפגעוואַכט דורך דער קאַטאַסטראָפע פון יאָר 1772, האָט זיך פוילן אַוואָרף געטאָן אויף רעפאָרמעס. עס זיי-נען אַנטשטאַנען צווייערליי לעזונגען פון דער יידן-פראַגע: איינע—אַ רעפּרעסיווע, דורכגעדרונגען מיטן אַלטן שליאַכטע-גייסט, די צווייטע—פאַרהעלטניסמעסיק אַ ליבעראַלע אין גייסט פון אַ „צוואַנגס-קולטור" פון קייזער יוסעף דעם צווייטן. די ערשטע לעזונג איז געווען אויסגעדריקט אין זאַמאָיסקעס סיים-פּראָיעקט (1778—1780). די צווייטע אין די פּראָ-יעקטן, וואָס בוטרימאָוויטש און טשאַצקע האָבן פאָרגעלייגט דעם פיר-יאָריקן רעפאָרמען-סיים (1789).

„דער באַרימטער עקס-קאַנצלער (אַנדזשיי זאַמאָיסקי)—זאָגט איינער אַ פוילישער היסטאָריקער—האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ רעגולאַמין, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די יידן, אָבער בשום אופן נישט מיטן צוועק זיי צו צווינגען זיך צונויפצוגיסן מיטן פוילישן פאָלקסאָרגאַניזם." זאַמאָיס-קיס רעגולאַמין טראָגט אַ קאַנאָניש-פּאָליצייאישן כאַראַקטער. די יידן קאָנען וואוינען נאָר אין די שטעט, וואו דאָס איז זיי דערלויבט אויפן גרונט פון די פריערדיקע הסכמות מצד די מאַגיסטראַטן; אין אַלע איבעריקע ערטער קאָנען זיי קומען נאָר אויף דער צייט פון יאָרמאַרקן און ירידים. אין די שטעט דאַרפן זיי וואוינען אָפּגעזונדערט פון די קריסטן אויף באַזונדערע גאַסן. יעדער מינדיקער ייד מוז זיך מעלדן אין דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע און פאָרשטעלן אַ צייגניש, אַז ער איז ענטוועדער אַ הענדלער, וואָס האָט אַ קאַפּיטאַל נישט ווייניקער פון 1000 גילדן, אָדער אַ בעל-מלאכה, אַן אַרענדאַר אָדער אַן ערדאַרבע-טער. ווער עס וועט נישט דערווייזן זיין אָנגעהעריקקייט צו איינער פון דידאָזיקע פיר פּראָפעסיעס—מוז אין משך פון אַ יאָר צייט פאַר-לאָזן דאָס לאַנד. אויב ער וועט עס נישט טאָן גערנוויליק, ווערט ער אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין תפיסה. ווייטער ווידערהאָלט דער פּראָיעקט-מחבר די קאַנאָנישע רעגעלן, באַזייטיקט די יידן פון יע-נע פינאַנסיעלע און עקאָנאָמישע פונקציעס,—רעגירונגס-אַרענדעס, פאַכטן, שטייערזאַמלונגען,—וואו זיי וואָלטן געקאָנט הערשן איבער די קריסטן, פאַרווערן האַלטן קריסטלאַכע דינסטן און אַז. וו. שמדן יידן מיט גע-וואַלט דאַרף מען נישט, אָבער די אָפּגעשמדטע מוז מען אומבאַדינגט איזאָלירן פון זייער פריערדיקער סביבה; זיך זען מיט זייערע גלויבנס-בענאָסען קען מען זיי דערלויבן נאָר אין דער אָנוועזנהייט פון אַ

קריסט. דער קאַטוילישער קלער איז געווען אַזוי צופרידן מיט זאַמאָיס-קעס פּראָיעקט, אַז דער פּלאָצקער ביסקופּ שעמבעק האָט זיך אַרויסגע-רופן אונטערצושרייבן אויף אים אויך זיין נאָמען. פאַרזיכערנדיק זיך מיט אַזעלכע קירכלעך-פּאָליציייאישע גאַראַנטיעס, האָט זאַמאָיסקי פּלומרשט אויך געוואָלט יוצא זיין פאַרן גייסט פון דער נייער צייט און האָט אַריינגענומען אין זיין פּראָיעקט דעם פּרינציפּ מכּוח דער אומבאַריר-לעכקייט פון פּערזאָן און פאַרמעגן פון די יידן. דעם יידן, וועלכן מען האָט געבונדן הענט און פיס מיט דראַקאָנישע רעגולאַמינס, איז שוין, נאַטירלעך, געווען אומגיטיק צו באַליידיקן.

אויף אַ גאַנץ אַנדער שטאַנדפּונקט איז געשטאַנען דער מחבר פון אַ פּוילישן ביכל, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1782 אונ-טערן טיטל: „וועגן דער גויטווענדיקקייט פון יידישע רעפאָרמען אין די בחלוּאות פון דער פּוילישער מלוכה.” דער מחבר, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אונטערן פּסעוודאָנים „אַ בירגער פון אַ נאָמען” האַלט נישט פון אַ רעגרעסיוון סיסטעם, נאָר זאָגט זיך אַרויס אויסשליסלעך פאַר אַ נוצלעך-קולטורעלן רעגולאַמין. אויפן רעליגיעזן געביט לאָזט ער איבער די יידן די אומבאַרירלעכקייט פון די דאָגמעס, געפינט אָבער פאַר נוי-טיק צו קעמפן מיט זייערע „שעדלאַכע מנהגים”—מיט דער מענגע ימים-טובים, מיט די געזעצן וועגן שפּייז און אַז. וו. מען מוז אומ-באַדינגט פאַרשמעלערן די קהל-אויטאָנאָמיע און איר באַגרענעצן בלויז מיט דער רעליגיעזער ספערע, כּדי די יידן זאָלן נישט בילדן קיין רע-פּובליק אין דער רעפּובליק (קיין מלוכה אין דער מלוכה), כּדי די יידן זאָלן זיך אַסימילירן מיטן פּוילישן פאָלק, מוז מען זיי פאַרפליכטן זיך צו באַנוצן אין זייערע האַנדלסבאַציונגען מיט דער פּוילישער שפּראַך, סקאַסירן דעם זשאַרגאָן און פאַרווערן דרוקן אָדער אַריינפירן פון אויס-לאַנד יידישער ביכער. אויפן עקאָנאָמישן געביט מוז מען פאַרווערן די יידן צו וואוינען אין קרעטשמעס און האַלטן שיינקען און דערלויבן זיי בלויז זיך צו פאַרנעמען מיט מלאכה, מיט קרלאַכן האַנדל און ערד-אַרבעט. אויף דעם אופן שטרעבט דער פּראָיעקט פון „נאָמענלאָזן ביר-גער” צו מאַכן די יידן „אומשעדלעך” דורך צוואַנג-אַסימילאַציע, אַזוי ווי זאַמאָיסקעס פּראָיעקט מיינט דאָסזעלבע צו דערגרייכן דורך צוואַנג-איזאָלאַציע.

בלויז דער ייד, וואָס איז דורכן דאָזיקן סיסטעם געוואָרן „אומ-

שעדלאַך", קאָן גלייכגעשטעלט ווערן מיטן קריסט. אין דעמדאָזיקן פּראָיעקט זעט זיך גאַנץ בולט דער איינפלוס פון עסטרייכישן סיסטעם פון יאָסיף דעם צווייטן, וואָס האָט געשטרעבט „אויסצובעסערן" די יידן דורך צוואַנגסקולטור, אַסימילירן זיי מיט דער איינגעבאָרענער באַפעלקערונג און ערשט דאַן זיי געבן בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיקונג. דער פּראָיעקט האָט, וואַרשיינלאַך, אַרויסגערופן מיטגעפיל אין יענע קרייזן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון XVIII יאָרהונדערט. אין יאָר 1755 איז דער ביכל פון „נאָמענלאָזן" אַרויס אין דער צווייטער אויפלאַגע און אין יאָר 1789 האָט אים צום דריטן מאָל אַרויסגעגעבן, מיט זיינע אייגענע דערגענצונגען, דער דעפּוטאַט פון פיריערלאַכן סיים, בוטרימאָוויטש. שפּעטער האָט בוטרימאָוויטש פון זיין אויפלאַגע אַרויסגענומען דעם פּראָיעקט פון „די יידישע רעפאָרמען" און האָט אים אַריינגעטראָגן אין דער סיים-קאָמיסיע, וואָס האָט געאַרבעט אונטערן קלאַנג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

וואָס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אין יענער עפּאָכע די מיליאָניקע יידישע מאַסע פון פּוילן אין איר אינערלאַכן לעבן? דאָ האָבן מיר פאַר זיך דאָס טרויעריקע בילד פון אַ שרעקלאַכן חורבן. די סאָציאַלע צופוילטקייט פון דער אַרומיקער סביבה, דאָס גיפט פון פאַרפעסטעטן טויטן קערפּער פון פּוילן—האָבן אַריינגעדרונגען אויך אין יידישן לעבן און האָבן צוטרייסלט זיינע אַמאָליקע פעסטע יסודות. דער נאַציאָנאַלער שוצמויער פון יידנטום, די אויטאָנאָמע קהילה האָט אָנגעהויבן פוילן. אין דער דרום-מערב-געגנט (פּאָדאָליע, וואָלין און אין גאַליציע, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו עסטרייך) האָט זי באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ פון דער גרויסער רעליגיעזער צושפּליטערונג פון חסידיזם; די קהילות-אָרגאַניזאַציע איז איינגעפאַלן צוליב דעם, וואָס די געמיינדע איז צופאַלן אויף צוויי פיינטלאַכע לאַגערן—אַ חסידישער און אַ מתנגדישער—אָדער צוליב דער ווילדקייט פון דער חסידישער מערהייט, וואָס איז נישט פעהיק געווען צו קיין געזעלשאַפטלאַכער אָרגאַניזאַציע און האָט געלעבט אויסשליסלאַך מיטן רבינס כוח. אין דער צפון-מערב-געגנט (ליטע און ווייסרוסלאַנד, וואָס איז אַריבער צו רוסלאַנד), וואו די קהל-רבנישע פּאַרטיי איז געווען שטאַרקער פון דער חסידישער, האָט זיך די קהילה אונטערגעוואָרפן דעם אַלגעמיינעם אַנטאַרטונגס-

פּראָצעס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט פּוילן אין דער חלוקה-עפּאָכע די
יידישע פּלוטאָקראַטיע האָט נאָכגעטאַנצט די פּוילישע פּריצים און האָט
שרעקלאַך עקספּלואַטירט די אָרעמע אַרבייטנדיקע מאַסן; די רבנים,
ווי דער פּוילישער קלער, זיינען שטענדיק געווען אויף דער זייט פון
די גבירים. די וועלטלאַכע און גייסטלאַכע אָליגאַרכיע, וואָס האָבן אָנ-
געפירט מיט די קהלות, האָבן געדריקט די געמיינדעס מיטן שרעקלאַך
אומגערעכטן שטייער-איינטיילן, אַרויפוואַרפנדיק די גאַנצע שווערקייט
אויף די אָרעמע קלאַסן און דערפירנדיק זיי ממש צו אַ פול-
שטענדיקער רואינאַציע. די „פּרנסים" פלעגט מען גאַנץ אָפט כאַפּן
ביים פאַרשווענדן געזעלשאַפטלאַכע געלטער, ביי שוחד און אויס-
באַרען. דער דרוק פון דער קהל-אָליגאַרכיע האָט געבראַכט דערצו,
אַז די געדריקטע יידישע מאַסן, נישט רעכענענדיק זיך מיטן טראַדי-
ציאָנעלן איסור, פלעגן זיך אָפט ווענדן מיט אָנקלאָגעס אויף זייערע סאַ-
טראַפּן צו דער קריסטלאַכער אַדמיניסטראַציע, ד. ה. „צום געריכט פון
פרעמדע". אין יאָר 1782 האָבן זיך די באַפולמעכטיקטע פון איין טייל
פון דער מינסקער יידישער קהילה—פון המון, הויפּטזעכלאַך בעלי-מלאכות,
געקלאָגט פאַרן סקאַרבאָווען טריבונאַל אויף דער אָרטיגער קהילה-פאַר-
וואַלטונג, וואָס האָט „פולשטענדיק רואינירט די מינסקער געמיינדע."
די קהלסלייט פאַרלייקענען אַ סך שטייער-סכומים און נעמען זיי צו
פאַר זיך, שלעפּן אַרויס ביי די אָרעמע לייט שטייערן, אַריינלייגנדיק
זיי אין חרם, און שפּעטער רויבן זיי צו פאַר זיך די דיזאָזיקע בלוטיקע
געלטער; די אָנקלאָגער זיינען מוסיף, אַז פאַר זייער פּרוב אויפצודעקן
די מעשים פון די קהלסלייט פאַר דער אַדמיניסטראַציע, האָט מען זיי
אויפן באַפעל פון די קהל-פאַרשטייער אַרעסטירט, איינגעזעצט אין תפיסה
און אַוועקגעשטעלט צום שאַנד-סלופּ („קונע") אין שול. אין דער הויפּט-
שטאָט פון ליטע, אין ווילנע, וואָס איז געווען באַרימט מיט אירע רבנים
און געבוירענע אַריסטאָקראַטן, איז אַנטשטאַנען אַ שפּאַלטונג אין דער
געמיינדע-אָליגאַרכיע גופא. אין אַ משך פון גאַנצע צוואַנציק יאָר האָט
זיך דאָ געצויגן אַ סכסוך צווישן דעם רב שמואל וויגדאָראָוויטש און
דעם קהל, אָדער, ריכטיקער, צווישן דער רבנישער פּאַרטיי און דער
קהלשער. דעם רב האָט מען באַשולדיקט אין נעמען שוחד, אין שכרות,
אין פאַלש משפּטן, אין ברעכן זיין שבועה א. אַז. וו. דעם סכסוך
צווישן רב און דעם קהל האָט מען פריער איבערגעגעבן אַ שידסגע-

ריכט אין דעם צוזאַמענפֿאָר פון די ליטווישע רבנים. אָבער אַזוי ווי די מחלוקת און אויפרעגונג אין שטאָט האָבן נישט אויפגעהערט, האָבן זיך די צדדים געווענדט צום ווילנער וואָיעוואָדע ראַדזיוויל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער זייט פון קהל און ער האָט אָפּגעזאָגט דעם רב פון זיין שטעל (1785). דער המון, וואָס איז געשטאַנען צווישן ביידע קעמפנדיקע צדדים, איז געווען אַ סך פיינטלאַכער געשטימט געגן דעם קהל, וואָס זיינע מיסברויכן און געוואַלטטאַטן זיינען שוין ווירקלאַך איבערגעגאַנגען אַלע גרענעצן. אויך אין די פאָלגענדיקע יאָרן (1786—88) טרעט אַרויס אַלס פאַרטיידיקער פון די ווילנער יידישע מאַסן זייער באַפולמעכטיקטער שמעון וואָלפאָוויטש און ווערט אַן אמתער קעמפער-מערטירער פאַר די אינטערעסן פון זיינע וויילער. שטאַרק פאַרפאָלגט פון קהל, געלינגט אים אָבער צו באַקומען פון קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט „אַן אייזערנעם באַפעל" וועגן דער אומבאַרירלאַכקייט פון פערזאָן און פאַרמעגן, ווי פון אים אַזוי אויך פון גאַנצן המון, וואָס איז, אַ דאַנק דעם קהל-דעספּאָטיזם, דערפירט צו אַ „פולשטענדיקן אונטערגאַנג". דאָס האָט אָבער דאָך נישט געשטערט דער קהלפאַרוואַלטונג אַריינצולייגן שמעונען אין „חרם" און איינשרייבן זיין נאָמען אין „שוואַרצן בוך". דער וואָיעוואָדע, וואָס איז געשטאַנען אויף דער זייט פון די קהל-סאַטראַפּן, האָט אַריינגעזעצט דעם ווידערשפעניקדיקן פאָלקס-ליבהאָבער אין ניעסוויזשער טורמע (1788). פון טורמע האָט שמעון געשיקט אַ מעמאָראַנדום צום פיריאָריקן סיים וועגן דער נויטיקקייט גרינדלאַך צו רעפאָרמירן דאָס יידישע געמיינדע-וועזן און סקאַסירן די קהל-מאַכט, וואָס דערדריקט אינגאַנצן די יידישע פאָלקסמאַסן. דערדאָזיקער קאַמף צווישן קהל, ראַבינאַט און די מאַסן, האָט לחלוטין צוטרייסלט די יסודות פון דער יידישער געזעלשאַפטלאַכער אָרגאַניזאַציע אין ליטע, אַ קורצע צייט פריער, איידער די דאָזיקע פּראָווינץ איז אַריין אין צוזאַמענשטעל פון דער רוסישער אימפּעריע.

מיט זייער פינסטערע פאַרבן שילדערט אויך די אויפפירונג פון דער קהל-אָליגאַרכיע איינער פון די וועניקע פריידיינקענדיקע רבנים פון יענער צייט: די מנהיגים (רבנים און ראשי-הקהל) עסן אויף די פאָלקסשטייערן און טרינקען וויין פאַר די שטראָף-געלטער; פאַרוואַלטנדיק מיט אַלע שטייערן, טוען זיי, וואָס זייער האַרץ גלוסט און לייגן אַריין אין חרם יעדן, וואָס וויל זיך זיי נישט אונטערוואַרפן; זייער

לוין פאַר דער כּלל-אַרבעט נעמען זיי ביודעים ובלא יודעים מיט אַלערליי מיטלען; זיי גייען נישט דורך קיין ד׳ אמות אָן שוחד, און די אָרעמסטע פון די אָרעמע שלעפּן דידאָזיקע לאַסט...

די לומדים הנפּהגען די גבירים, און די רבנים גופא פאַראַכטן איינער דעם צווייטן: די תלמודיסטן פאַראַכטן די מיסטיקער און קבליסטן, און דער המון בינדט צנויף די באַווייזן פון איין צד געגן צווייטן און באַשליסט, אַז אַלע געלערנטע זייַנען גאַרנישט ווערט... ביי די גבירים איז דער חסד פון די פריצים (פּוילישע) מער ווערט, ווי די נייגונג פון די בעסטע און ערלאַכסטע יידן. דער גביר באַריימט זיך נישט דערמיט, וואָס אַ געלערנטער האָט אים אָפּגעגעבן כּבוד, נאָר מיט דעם, אַז דער פּריץ האָט אים פאַרייגעפירט אין זיינע פּאַלאַצן און האָט אים באַוויזן זיינע אוצרות." ביי די פאַרמעגלאַכע קלאַסן איז שטאַרק אַנטוויקלט די „ליבע צום לוקסוס"; די פרויען טראָגן די טייערסטע פּערל-שנורן און די פאַרשידנפאַרביקסטע קליידער. די יוגנטדערציונג אין די חדרים און ישיבות ווערט פון טאָג צו טאָג ערגער. וועגן עלעמענטאַרע אַלגעמיינע בילדונג האָט מען דאָ זאָגאַר נישט געקאָנט ריידן; די שולע האָט געטראָגן אַן אויסשליסלאַך רבנישן כאַראַקטער. די תלמודישע סכאָלאַסטיק האָט געשאַרפט דעם שכל, אָבער נישט געגעבן קיין שום רעאַל וויסן, האָט זי בלויז געשאַפן אין די קעפּ אַ צומישעניש, אַ מין תהו-ובהו. דער חסידיזם האָט אַנעקטירט אַ היבש שטיק טעריטאָריע ביי דער דאָזיקער רבנים-מלוכה, אָבער אויפן געביט פון דער שולדערציונג איז ער נישט געווען בכּוח צו שאַפן קיין שום נייס. אין דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער געזעלשאַפטלאַכער שטימונג האָט דער חסידיזם, אמת, אַרויסגערופן טיפע שנוים, אָבער דידאָזיקע שנוים האָבן דעם יידן געשלעפּט צוריק אין דער טיפעניש פון די מיסטישע באַטראַכטונגען און בלינדן גלויבן, וואָס שטייען אין שטאַרקן ווידערשפּרוך מיטן לאָגישן פאַרשטאַנד און מיט יעטוועדער פּרוב פון געזעלשאַפטלאַכע רעפאָרמען. דאָס געשפּענסט פון השכלה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַריינצודרייסן פון דייטשלאַנד, רופט דאָ אַרויס אין ביידע לאַגערן אַ שרעקלעכע אימה. „בערלינער" ווערט דער סינאָנים פון אַ בונד. די שלמה מיימונס דאַרפן לויפן קיין דייטשלאַנד, כּדי דאָרט אַריינצוטרעטן אין אַ וועלט פון די ברייטע אידייען, וואָס זייַנען פאַרווערט אין פּוילן.

**די יידנפראַגע אין דער ליטעראַטור פון פיריאָריקן סיים.**

דאָס ערשטע יאָר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז אויך געווען דאָס ערשטע יאָר פון פוילישע רעפאָרמען. אין פּאַריז האָבן זיך די גענעראַלשטאַטן, אונטערן דרוק פון דער באַפרייונגסבאַוועגונג, פון אַ שטאַנדן-פּאַרלאַמענט פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַנדגלאָזע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג; אין וואַרשא האָט זיך דער נייער רעפאָרמאַטאָרן-סיים, וואָס האָט געהייסן דער פיריאָריקער אָדער דער גרויסער—שטרייבג געהאַלטן אין זיין קלאַסן-כאַראַקטער און איז געבליבן אַ פּריצישער, אָבער אויך אויף אים איז געלעגן דער שטעמפּעל פון די פראַנצויזישע אידייען פון XVIII יאָרהונדערט. אין די סיימטירן האָט כסדר געקלאַפּט דער דריטער שטאַנד—דאָס בירגערטום, פאָדערנדיק, גלייכבאַרעכטיקונג און איינע פון די הויפּטרעפאָרמען פון סיים איז געווען דאָס גלייכשטעלן דעם דריטן שטאַנד מיטן אַדעל, געבנדיק אים בירגערלאַכע, אָבער נישט קיין גלייכע פּאָליטישע רעכט. נאָך צוויי וויכטיקע פראַגן פון אינערלאַכן לעבן האָבן געפאָדערט די אויפמערקזאַמקייט פון די געזעצגעבער-רעפאָרמאַטאָרן: די פּויערים- און די יידנפראַגע. די פּויערים-פראַגע איז דיסקוטירט געוואָרן, האָט אָבער נישט געקאָנט געלעזט ווערן דורכן פּריצישן פאַרלאַמענט אַנדערש ווי לטובת פון די שקלאַפן-הערשער, די פּריצים. די יידנפראַגע איז כלאחר יד באַרירט געוואָרן אויף די רוישיקע זיצונגען פון פיריאָריקן סיים, און, ווי אַ שווארצן געשפּענסט, האָט מען זי פאַרטריבן אין אַ ווייטן ווינקעל פון דער פּאַלאַטע, אין אַ באַזונדערע „דעפּוטאַציע“ אָדער „קאָמיסיע“, וואו זי איז טאַקי געבליבן ליגן, זיך נישט דערוואַרטנדיק אויף איר לעזונג... איבעריגנס, קאָן מען נישט צושרייבן אינגאַנצן דעמדאָזיקן רעזולטאַט דעם קאָנסערוואַטיזם פון פּוילנס באַנייער; נאָך אַ סיבה האָט געשטערט די ראַדיקאַלע ריפאָרמען: איבער פּוילן האָט געהאָנגען דאָס בלויזע שווערד פון רוסלאַנד, וואָס האָט נישט געוואָלט די אינערלאַכע באַנייונג פון דעמדאָזיקן לאַנד, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס צווייטע און דריטע געריכט אויפן מאָלצייט פון די „גרויסמאַכטן“. דער סיים האָט געקעמפּט געגן דער שווערער רוסישער אַפּוטרופּסות, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין באַשטימען פון אַ רוסישן רעזידענט אין וואַרשא, און האָט צוגעגרייט דאָס לאַנד צו אַן

אומפאַרמיידלאַכן קריג מיטן מעכטיקן שכן. „די סיימישע שטאַנדן" האָבן געפּרוּווט מער קלערן מכּח רעאָרגאַניזירן די אַרמיי און פאַרשטאַרקן דעם קריגספאָנד, ווי וועגן אינערלאַכע רעפאָרמען.

הינטער די סיים־ווענט האָט געבראַזשעט און געשטורעמט די געזעלשאַפטלאַכע כוואַליע. נעבן דער גרויסבעגביטערישער פאַרזאַמלונג האָט זיך געשטעלט דער ליטעראַרישער פאַרלאַמענט — די באַרימטע פּאָליטישע „ליטעראַטור פון פיראָריקן סיים", אין וועלכער עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די ליבעראַלע שטרעמונגען פון דעם יאָרהונדערט. בלויז קאָלאָנטאַיס קוזשניע אַליין, דאָסדאָזיקע פּובליציסטישע רעפאָרמאַטאָרן־ביוראָ, האָט פאַרשפּרייט דאָס לאַנד מיט בראָשורן און פלוגבלעטער, וואָס האָבן באַרירט אַלע פראַגן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער איבערבויונג פון דער רעפּובליק. צענדליקער בראָשורן האָבן ספּעציעל אָדער טיילווייז באַהאַנדלט די יידנפראַגע. די פּאָלעמיק מכּח די פּראָיעקטן וועגן „יידישע רעפאָרמען" האָט זיך דאָ געפירט מיט דער גרעסטער ליידנשאַפט, פאַרנעמענדיק דעם אָרט פון די פאַרלאַמענטאַרישע דרשות.

אַ געווויסן שטויס צו דער ליטעראַרישער פּאָלעמיק וועגן דער יידנפראַגע האָט געגעבן די בראָשור פון פּינסקער סיים־דעפּוטאַט — בוטרימאָוויטש, דעם הויפּטקעמפער פאַר דער באַנייאונג פון פּוילישן יידנטום. אייגנטלאַך האָט בוטרימאָוויטש בלויז איבערגעדריקט די באַקאַנטע בראָשור פון „אומבאַוואוסטן בירגער" וואָס איז אַרויס אין צוויי אויפלאַגן — 1782—1785. אַרויסגעבנדיק דידאָזיקע בראָשור אין יאָר 1789 האָט איר בוטרימאָוויטש געגעבן אַ נייעם נאָמען („די מיטלען און וועגן, ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען די פּוילישע יידן אין נוצלאַכע בירגער פאַרן לאַנד") און מוסיף געווען צו איר זיינע באַמערקונגען. דער פּאָפּולערער סיים־דעפּוטאַט האָט, אַלזאָ, אויף דעם אופן פאַרפעסטיקט דורך זיין אונטערשריפט דעם „רעפאָרמען־פּראָיעקט", וואָס האָט באַזירט אויפן פּרינציפּ, אַז אין זייער איצטיקן צושטאַנד זיינען די יידן „שעדלאַך פאַר דער מלוכה" נישט לויט זייער נאַטור, נאָר אַ דאַנק דער ספּעציעלער דערציִונג און לעבנסאַרט, און דעריבער מוז מען זיי פּאָליטיש און גייסטיק איבערדערציִען, איידער מען גייט זיי אַריינגעמען אין פאַרבאַנד פון די בירגער. די רעפאָרם איז הויפּטזעכלאַך באַשטאַנען דערין, אַז אַנטוויקלען ביי די יידן דאָס פאַרשטענדניש פאַר נוצלאַכער פּראָדוקטיווער אַרבעט — פאַר לאַנדווירטשאַפט און האַנדווערק און זיי צו

דערווייטערן פון שעדלעכער שיינקעריי. באַקעמפן זייער סעפּאַראַטיזם, באַשריינקענדיק די קהל־אויטאָנאָמיע און פאַרבייטנדיק דעם „זשאַרגאָן" אויף פּויליש אין דער שולע און אין די האַנדלסבאַציונגען; פאַרווערן די ספּעציעל יידישע קליידונג און דאָס אַריינפירן פון אויסלאַנד יידישע ביכער. צום דאָזיקן פּראָיעקט פון „קולטורעלע" רעפאָרמיס האָט בוטרימאָוויטש צוגעגעבן פאָלגנדיקן קאָרעקטיוו: נישט אַרויסלאָזן די יידן צום פאַקטישן מיליטערדינסט, כל־זמן די בילדונג וועט זיי נישט פאַרוואַנדלען אין פאַטריאָטן, וואָס זיינען גרייט צו דינען דעם פאָטערלאַנד. אָבער אויך דער דאָזיקער פּראָיעקט, וואָס באַזירט אויף אַן אַפּוטרופּסות־סיסטעם און אויף צוואַנג־אַסימילאַציע, האָט זיך אויסגעוויזן פאַר צו ליבעראַל אין די אויגן פון דער מערהייט פון דער פּראָגרעסיווער פּוילישער געזעלשאַפט. אין איינער פון די פּוילישע פּראָגרעסיווע צייטשריפטן זיינען דערשינען „באַטראַכטונגען מכח בוטרימאָוויטשעס פּראָיעקטירטע יידישע רעפאָרמען (דעצעמבער 1789). דער מחבר פון די „באַטראַכטונגען" אָנערקענט אין בוטרימאָוויטשעס פּראָיעקט אַן עלעמענט פון „געזונטער פּאָליטיק", אָבער ער מוסרט דעם פּראָיעקט־מאַכער, אַז „צוליב זיין שטאַרקער דאגה וועגן אָפּהיטן די מענטשלעכע רעכט, פאַרשטאַרקט ער נאָך די יידישע פעלערן". דער אַנאָנימער זשורנאַליסט פאָדערט אָפּצושאַפן אינגאַנצן די קהלס און איבערלאָזן די יידישע געמיינדעס בלויז אַ רעליגיעזע אויטאָנאָמיע. אויסערדעם, האַלט ער פאַר נויטיק צו באַגרענעצן דעם יידישן קליינהאַנדל אין די שטעט, בדי זיי אַרויסצושטופּן פון האַנדל און צווינגען צו האַנטווערק און ערדאַרבעט. עטלעכע פּובליציסטן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן די יידן מיט אַ שאַרפקייט, וואָס גרענעצט מיט יידנהאַס. דער דעמאָקראַטיש געשטימטער קסיאָנדז, דער באַרימטער סטאַשיץ, דער מחבר פון די „וואָרנונגען צו פּוילן" רופט אָן די יידן „די זומערדיקע און ווינטערדיקע הײשעריקן פון לאַנד" און זאָגט, אַז נאָר אין אַ סביבה, וואָס שטיצט אונטער די בטלה, דאָס ליידיקגיין, האָבן געקאָנט געפינען אַן אָבדאַך אַזאַ מחנה „פּאַראַזיטן". דער ליבעראַלער קסיאָנדז האָט אָבער לגמרי פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע „ליידיקגייער" האָבן געשאַפן דעם האַנדל פון פּריציש־פּויערישן לאַנד.

די מערהייט פון די יידישע קריטיקער זיינען געווען איינשטימיק דערין, אַז די פעלערן פון דער יידישער נאַציע קאָנען אויסגעבעסערט

ווערן אויב מען וועט איבערצײַגעריש זייער גאַנצע לעבנסאַרט. דאָס
אַלטע היסטאָרישע פאָלק, וואָס האָט זיך דורות לאַנג אַליין אָנגע-
פירט, האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט ווי עפּיס אַ מין ערב-רב, וואָס מען
קען קערעווען מיט זיין לעבן, ווי איינעם ווילט זיך. צו דעם צוועק
דאַרף מען נאָר פאַרבייטן די יידישע שפּראַך אויף דער פּוילישער—אָב-
פּוצנס איך די עפנטלאַכע אַקטן און דערנאָך אויך אין פּריוואַטלעבן;
אויפן אָרט פון דער פאָלקסשול אַוועקשטעלן די רעגירונגסשול, אויפן
אָרט פון קהל—דעם מאַגיסטראַט, אַנשטאָט האַנדל— איינפירן מלאכה
און ערדאַרבעט. די פּראָיעקטן-געבער זאָגן זיך אַרויס פאַרשידן בלויז
וועגן דער גרויס פון ראַדיקאַליזם אין דער צוואַנג „רעפאָרם”: איינע
פאַרלאַנגען לחלוטין די קהילה-אויטאָנאָמיע (קאָלאָנטאַי); אַנדערע באַגרענעצן
זי בלויז דורך באַשטימטע פונקציעס און גיבן איבער דעם קהל אונ-
טער דער רעגירונגס-השגחה (בוטרימאָוויטש און אַנדערע); איינע לייגן
פאָר צו שערן יידן די בערד און פאות, ברענען דעם תלמוד און פאַר-
קלענערן די צאָל יידישע ימים-טובים; אַנדערע באַנוגענען זיך מיטן
פאַרווערן די טראַדיציאָנעלע קליידונג און פאַרמאַכן די יידישע טיפּאָ-
גראַפיעס, מיט דער איבערזעצונג פון די יידישע רעליגיעזע בי-
כער אויף דער פּוילישער שפּראַך; דאָס נאָרמירן די יידי-
שע חתונות לויטן עסטרייך-פּרייסישן שטייגער (חתונה האָבן מיט דער
דערלויבניש פון דער אַדמיניסטראַציע, נאָכדעם ווי מען האָט צוגעשטעלט
אַ צייגניש וועגן די מאַטעריעלע עקזיסטענצקוועלן און דעם אַלגעמיי-
נעם בילדונגס-צענזן) געפעלט אַלע פּראָיעקט-געבער. אייניקע פּובלי-
ציסטן האָבן אַריינגעפלאָכטערט אין דער יידנפראַגע אויך די פראַגע
וועגן „די נעאָפיטן”, ד. ה. וועגן די משומדים פון דער פראַנקיסטן-סעק-
טע, וואָס זיינען אַריין אין צוזאַמענשטעל פון פּוילישן אַדעל און בירגערטום, און האָבן זיך אָבער געפילט דאָרט פרעמד און זיינען געשטאַנען
איזאָלירט צווישן דער קריסטלאַכער און דער יידישער געזעלשאַפט. די
מחברים זיינען מסכים געווען מיט דער פאַראַכטונג פון פּוילישן פאָלק
צו די צווייזייטיקע נעאָפיטן, וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון
זייערע סעקטאַנטישע נייגונגען, זיינען געפאָרן צו פראַנקן קיין אויס-
לאַנד אָדער געשיקט אים אַהין געלט.

געגן דעמדאָזיקן שרעקלאַכן פּאַר, וואָס האָט פאָראורטיילט
די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג און האָט באַשלאָסן זי אַרויס-

לאַך „איבערצוניציוען” דורך שטרענגע פּאָליציימיטלען, האָט זיך דער-
הערט בלויז איין איינציקער יידישער קול. דער בעלזמער רב, הירש
יוזעפאָוויטש האָט פאַרעפנטלאַכט אַ בראָשור אין דער פּוילישער שפּראַך:
„געדאַנקען וועגן דער פּלאַן אומצעוואַנדלען די פּוילישע יידן אין נוצ-
לאַכע בירגער פאַרן לאַנד”. אויטדריקענדיק בוטרימאָוויטשן אָנדערקענונג
פאַר זיין גוטן ווילן, זאָגט אַרויס דער רב זיין באַוואונדערונג מכח דעם,
וואָס אַפילו געבילדעטע מענטשן פאַראורטיילן געמיינזאַם דאָס יידנ-
טום און וואַרפן אַרויף די שולד פון יחידים אויפן גאַנצן יידישן פאָלק,
וואָס פאַרמאָגט נישט ווייניק מעלות און ברענגט דעם לאַנד נוצן. דער
מחבר פּראָטעסטירט שאַרף געגן דעם פּראָיעקט צו סקאַסירן די קהלות
און געגן דאָס אַריינמישן זיך אין די גייסטיקע אָנגעלעגנהייטן פון די
יידן, בכלל געגן אַלע אַסימילאַציע-פּראָיעקטן, וואָס ווילן, „דערפירן
דאָס יידנטום צום פולשטענדיקן אונטערגאַנג”. אַלס רעכטגלויביקער רב,
וויל ער אַפילו נישט נאָכגעבן אין דער פראַגע וועגן איבערבייטן די
קליידונג, באַמערקנדיק מיט אַן איראָניע, אַז אויב די יידן געהערן צו
דער קאַטעגאָריע שלעכטע מענטשן, איז דאָך גלייכער זיי איבערצולאָזן
די טראַדיציאָנעלע קליידער, וואָס גיט די מעגלאַכקייט אונטערצושיידן
זיי פון די קריסטן.

אין יענע יאָרן האָט זיך נאָך אין וואַרשא נישט געפונען קיין
איינפלוסרייכע גרופּע געבילדעטע יידן-מענדעלסאָניסטן (זיי זיינען דער-
שינען ערשט מיט יאָרן שפּעטער בעת דער פּרייסישער הערשאַפט), וואָס
זאָלן קאָנען שריפטלאַך באַלויכטן די פּראָיעקטירטע רעפאָרמען פון
זייער שטאַנדפּונקט. „פאַר געבילדעטע” האָט מען דעמאָלט געהאַלטן
נאָר אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס האָבן געהאַט באַציונגען מיטן הויף אָדער
מיט דער רעגירונג בנוגע פינאַנסיעלע אָפּעראַציעס אָדער רעגירונגס-
פּאָדריאַדן. אין אַרכיוו האָט זיך געפונען דער פּראָיעקט פון איינעם
פון דידאָזיקע „פּראָגרעסיווע” מענטשן, דעם קעניגלאַכן פאַקטאָר אברהם
הירשאָוויטש, וואָס ער האָט דערלאַנגט דעם קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט
פּאָניאַטאָווסקי בעתן „גרויסן סיים”. דער מחבר לעגט פאָר עטלאַכע
פּאַטענטירטע מיטלען פון די פּוילישע רעפאָרמאַטאָרן: צוציען צו מלאכה
און ערדאַרבעט (אין „די וויסטע אוקראַאינישע סטעפּן”) און פאַרווערן
פרי חתונה צו האָבן. בנוגע דער קליידונג-רעפאָרי, עצהט ער בלויז
פאַרווערן צו טראָגן לוקסוס-טואַלעטן, זיידנס, יאַטלאַס, סאַמעט, פּערל

אַק בריליאַנטן, הוייל דאָסדאָזיקע יאָגן זיך נאָכן פוץ רואינירט דעם מיטלקלאַס. רבנים דאַרף מען, לויט גערשאָוויטשעס מיינונג באַשטימען נאָר אין די גרויסע שטעט, ווייל אין די קליינע שטעטלאַך קויפן די רבנים זייערע אַמטן ביי די גוטסבאַזיצער פאַר געלט און דערנאָך רואינירן זיי די באַפעלקערונג דורך די גרויסע אָפּצאָלונגען. אין די קהלס מוז די אָרדנונג איינגעפירט ווערן דורך דער רעגירונג, ווייל צוליב זייערע שטענדיקע סכסוכים „קאָנען די יידן גופא בשום אופן נישט שאַפן פאַר זיך קיין קלוגע רעגעלן.” אין פּראָיעקט ווערט אויסגעדריקט די פולשטענדיקע גרייטקייט זיך אונטערצוואַרפן דעם ווילן פון די מאַכטהאָבער „כדי אויסצעוואָרצלען די פאָראורטיילן און פאַלשע באַגריפן פון טועהדיקן פאָלק... עס האָט נאָך נישט געקאָנט קלינגען אין יענער צייט די שטים פון פרייען ייד, וואָס זאָל זאָגן די פוילישע רעפאָרמאַטאָרן”: אויב איר ווילט מאַכן די יידן נוצלאַך פאַר דער מלוכה, מוזט איר פריער ווי אַלץ מאַכן נוצלאַך די מלוכה פאַר די יידן אין דערזעלבער מאָס, ווי זי איז עס פאַר די איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס באַוואוינען זי. בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיקונג און פרייהייט — דאָס זיינען די איינציקע מיטלען אויסצובעסערן דאָס, וואָס עס האָבן פאַרקריפּעלט די דורותלאַנגע אומגלייכהייט און דרוק. די פוילישע רעפאָרמאַטאָרן, טריי דער דאָגמע פון „געבילדעטן אַבסאָלוטיזם”, האָבן זיך נאָך נישט געקאָנט דערהויבן צום דאָזיקן פשוטן אמת, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין פאַריז אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע: „עס קאָן נישט זיין קיין האַלבע פרייהייט, אַזוי ווי עס קאָן נישט זיין קיין האַלבע גערעכטיקקייט.”

### די שטים פון דער גאַס און די סיים־קאָמיסיע.

אין יאָר 1789 און אין דער ערשטער העלפט פון יאָר 1790 האָט די יידנפראַגע אויף די זיצונגען פון פיריאָריקן סיים אינגאַנצן נישט פיגורירט. בעת די ליידנשאַפטלאַכע דיסקוסיעס וועגן די סאַמע וויכטיקסטע געזעצפּראָיעקטן, פון וועלכע עס איז געווען אָפּהייַנגיק די צוקונפט פון דער רעפובליק, האָט זיך דער סיים לגמרי נישט גערעכנט מיט די אויפפאָדערונגען פון בוטרימאָוויטשן אַריינצונעמען די יידישע רעפאָרם צווישן די דרינגענדיקע פראַגן פון דער טאָגאָרדנונג. די הייסע ליטעראַרישע פאָלעמיק מכח דער יידנ-

פראַגע האָט אויך נישט געווירקט אויף די פאָלקס־פאָרשטייער זיך צו-
צוואיילן אים צו באַטראַכטן. אָבער אָט רייסט זיך אַריין אין פּאַלאַטע
דער מוראדיקער גאַסן-גערויש און דער סיים כאַפּט זיך אויף.

דער וואַרשעווער המון האָט זיך אַנעם געטאָן אויף זיין שטייגער
צו לעזן די יידנפראַגע. פאַר די קריסטלאַכע הענדלער און האַנדווער־
קער אין דער הויפּטשטאָט איז דאָס קודם-כל געווען אַ פראַגע פון פּראָ־
פעסיאָנעלער קאָנקורענץ. אין די ערשטע צוויי יאָר „פון גרויסן סיים"
איז פון זיך אַליין בטל געוואָרן דאָס אַלטע געזעץ, וואָס האָט דער־
לויבט די יידן צו וואוינען אין וואַרשע בלויז אין די וואָכן פון די
ירידים, וואָס פלעגט פאָרקומען בעת די סיים־זיצונגען. אַזוי ווי דער
סיים האָט פאַרלייגערט זיינע פולמאַכטן אויף אַ גאַנצער ריי יאָרן,
האָבן זיך אויך די יידן גענומען דאָס רעכט צו פאַרלייגערן דעם טער-
מין פון זייער וואוינרעכט. פון פּראָווינץ האָבן זיך בסדר געצויגן אין
דער הויפּטשטאָט, זוכנדיק פרנסה, אַלץ נייע מאַסן יידישע סוחרים און
האַנדווערקער, און זייער צופלוס האָט זיך געלאָזט שפּירן פאַרן אָרטיקן
פּויליש בירגערטום. די פרעמדע האָבן אָפּגעצויגן די קונים און קאָנסו־
מענטן פון די איינגעבאָרענע, פון די מיטגלידער אין די וואַרשעווער
גילדעס און צעכן. דאָס פּריווילעגירטע בירגערטום, וואָס איז געווען
גאַנץ פון גלייכבאַרעכטיקונג מיטן אַדעל, האָט אויפגעהויבן אַ שטאַרקן
ויצעקו. אין מערץ 1790 האָבן אַ גאַנצע מחנה צעכמייסטער,
דאָס רוב שניידער און קירזשנער—אַרומגערינגלט דאָס שטאָטישע ראָט־
הויז מיט קולות און געוואַלדן, אַז אויב דער מאַגיסטראַט וועט נישט
אַרויסטרייבן די יידן פון וואַרשע, וועלן זיי אַלע יידן אויסשעכטן. דער
בורגמייסטער מאַן דעקערט, דער באַקאַנטער פאָרקעמפער פאַר בירגער־
לאַכע גלייכבאַרעכטיקונג, האָט תיכף געמאָלדן דעם סיים וועגן דער-
דאָזיקער דעמאָנסטראַציע און דאָרט זייבען גלייך געקומען צוויי דעפּו־
טאַטן, כדי צו באַרוהיקן דעם המון. אויף דער פראַגע פון די דעפּוטאַטן
וועגן דער סיבה פון דער דעמאָנסטראַציע, האָבן די צעכמייסטער געענט-
פערט, אַז די איינגעוואַנדערטע יידן לאָזן פּשוט נישט לעבן, רייסן
ממש אַרויס ביי די אָרטיקע שניידער און קירזשנער דעם ביסן פון
מויל. די דעפּוטאַטן האָבן צוגעזאָגט דעם ענין איינצואָרדנען. און ווירק-
לאַך, אויפן צווייטן טאָג האָט די אַדמיניסטראַציע אַרויסגעטריבן פון
וואַרשע די יידישע האַנדווערקער און קליינע גאַסנהענדלער, איבער־

לאָזנדיק אין שטאָט בלויז סוחרים און אינדוסטריעלער, וואָס האָבן גע־
האַט אָפענע געשעפטן אָדער סקלאַדן.

די אַרויסגעטריבענע אָרעמע לייט, וואָס האָבן זיך נישט געהאַט
וואוהין צו טאָן, זיינען באַלד ווידער בגנבה צוריקגעקומען קיין וואַרשע.
ווידער האָט זיך געמאַכט אַ טומעל צווישן די קריסטן,—און דעם 16 מײַ
1790—איז דערגאַנגען צו אַ פּאָגראָם. אין יענעם טאָג האָט דער צעלקאָ־
ווער שניידער פּאָקס, באַגעגענענדיק אויפן גאַס אַ יידישן שניידער מיט
אַרבעט אין האַנט, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים און אָנגעהויבן רייסן
ביי אים דעם פּעקעל. דער ייד האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן פון זיי־
נע הענט און איז אַנטלאָפן. אויף פּאָקסעס געשריי איז אָנגעלאָפן אַ
מחנה קריסטלאַכע האַנדווערקער. אין המון האָט זיך צוטראָגן אַ פאַלשע
ידיעה, אַז די יידן האָבן דערהרגעט אַ פּוילישן שניידער. תיכף האָט
זיך דערהערט אַ רוף צו נקמה, צו אַ פּאָגראָם. די פּאָגראָמשציקעס האָבן
זיך אַ וואָרף געטאָן אויף טלאָמאַצקע גאַס, אָבער די יידן, וואָס האָבן
זיך דאָ באַפעסטיקט הינטער אַ פּאַרקאַן, האָבן אָפּגעשלאָגן דעם אָנפאַל.
אויף די שכנישע גאַסן האָט אָבער דער המון „געוואונען די שלאַכט":
ער האָט צורויבט דאָס פאַרמעגן אין יידישע הייזער און די סחורה אין
קראָמען און סקלאַדן: די טייערע חפצים האָט מען צוגענומען און
דאָס איבעריקע געוואָרפן אין די ברינעמס. די אָנגעלאָפענע פייערלע־
שער האָבן די גראָמילעס באַגעגנט מיט אַ האָגעל פון שטיינער און
דאַלעווקעס. נאָר בעת עס איז אָנגעקומען אַ קאָמאַנדע סאָלדאַטן —פּע־
לאָטע און אויף פערד—איז געלונגען פונאַנדערצוטרייבן דעם צעווילדע־
וועטן המון און צוריקשטעלן די אָרדנונג.

דער סיים, אויפגערעגט דורך דערדאָזיקער געשעעניש, האָט
באַפוילן אויסצופאָרשן דעם ענין און באַשטראָפן די שולדיקע. דער
שטראָף האָט זיך אָבער געענדיקט בלויז דערמיט, וואָס מען האָט אַרעס־
טירט דעם אָרגאַניזאַטאָר פון פּאָגראָם פּאָקסן און עטלאַכע פון זיינע
מיטהעלפער. געגן די יידן האָט מען אָבער אָנגענומען גאַנץ שטרענגע
אַדמיניסטראַטיווע מיטלען. די גאַסן-הענדלער און האַנדווערקער, וואָס
מען פלעגט באַגעגענען מיט סחורה אָדער מיט זייערע אויסאַרבעטונגען,
האָט מען תיכף געכאַפּט, אַוועקגעשיקט אין גוואַרדיעקאָרדאָן אויף מאַר־
שאַלקאָווסקאַ, באַשטראָפט מיט ריטער און דערנאָך אַרויסגעטריבן פון
וואַרשע... אויף אַזאַ אופן איז מען זיך באַגאַנגען מיט די יידישע האַנד־

װערקער אין יענע יאָרן, בעת אין אַלע רעפאָרמעס־פּראָיעקטן האָט זיך אַזוי שיין געװעדט װעגן דער נויטװענדיקייט צוצוציען די יידן צו פּראָדוקטיװער אַרבעט.

די װאַרשעװער אומרוען האָבן, איבעריגנס, געהאַט אַ סך װיכטיקערע פאָלגן. דער סיים האָט זיך איבערצייגט, אַז מען קאָן מער נישט אָפּלייגן די יידנפראַגע, װאָס די גאַס האָט איר אָנגעהויבן לעזן אויף זייער אַ גראָבן אופן. דעם 22 יוני 1790 איז געװעלט געװאָרן אַ סיים־„דעפּוטאַציע״ (קאָמיסיע) פאַר יידישע רעפאָרמעס. אין איר צוזאַמענשטעל זיינען אַריין די דעפּוטאַטן: בוטרימאָװיטש, יאַצעק יעזערסקי (דער לוקאָװער קאַשטעלמאַן) און אַנדערע. יעזערסקי איז באַלד געװאָרן דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע. אַן אָנהענגער פון ראַדיקאַלע רעפאָרמען, האָט דערדאָזיקער דעפּוטאַט בעסער פון אַלע באַגריפן דעם עקאָנאָמישן מהות פון דער יידישער פראַגע. אַלס געגנגעװיכט צו דער אויסגעדראָשענער פאָרמול, אַז מען דאַרף „פאַרװאַנדלען די יידן אין נוצלאַכע בירגער״ האָט ער געזאָגט אין סיים, אַז ער האַלט די יידן שוין איצט פאַר נוצלאַך, װייל זיי עקספּאָרטירן די לאַנדפּראָדוקטן און באַרייכערן דערמיט דאָס פאָטערלאַנד; די גוטע איינאָרדנונג פון די יידן װעט פאַרגרעסערן די רעגירונגספינאַנסן און אויף מיליאָנען פאַרשטאַרקן דעם געלטאומזאַץ. אונטער דער אָנפירונג פון יעזערסקען און בוטרימאָװיטשן האָט די קאָמיסיע ענערגיש געאַרבעט. זי האָט איבערגעקוקט אַ ריי רעפאָרמען־פּראָיעקטן, אַריינגעטראָגן דורך בוטרימאָװיטשן, שצאַצקען און אַנדערע. בוטרימאָװיטשעס פּראָיעקט איז געװען אַן אויסצוג פון זיין אויבנדערמאָנטער בראָשור. פון זעלבן טיפּ איז געװען דער פּראָיעקט פון באַקאַנטן היסטאָריקער־פּובליציסט טאַדעאוש שצאַצקי, דער לידער פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע אין סיים. אין דעמדאָזיקן פּראָיעקט זיינען דורכגעפירט פאָלגענדיקע גרונט־הנחות: 1) ביז איצט האָט די רעגירונג די יידן בלויז געדולדעט, פון היינט אָן װערט זיי אָנדערקענט די רעכט פון „בירגער״; 2) געבענדיג זיי רעכט פון איינגעבאָרענע בירגער, קאָן די רעגירונג פאָדערן, אַז די יידן זאָלן זיין „געבילדעטע״ צום נוצן פאַר דער מלוכה. 3) אַלע אונטערשיידן צװישן יידן און קריסטן, אויסער רעליגיעזע, װערן אָפּגעשאַפט; 4) אַלע מלאכות זיינען אָפן פאַר יידן, אויסער דעם בראָנפן־האַנדל, פון װעלכן מען מוז זיי אומבאַדינגט באַזייטיקן אויף גאַנצע 50 יאָר, און אָנשטאָט דעם צוגעװיינען זיי צו

ערדאַרבעט. בנוגע דער יידישער ציוויליזאַציע לאָזט נאָך צו דער פּראָיעקט אַ גאַנצע ריי באַגרעניצונגען און צוואַנגסמיטלען; עס ווערט פאַרווערט פרי חתונה צו האָבן (מענער נישט יינגער פון 20,—פרויען נישט יונגער פון 18 יאָר); מען גיט נישט קיין דערלויבניש אויף חתונה צו האָבן פּעריזאָנען, וואָס האָבן נישט קיין עקזיסטענץ-מיטלען; עס ווערן באַגרענעצט אין בירגער־ און האַנדלסרעכט פּעריזאָנען, וואָס האָבן נישט פאַרגעשטעלט קיין צייגנישן פון ענדיקן אַ נידעריקע אַלגעמיינע שולע; די יידישע ביכער מוזן אונטערגעוואָרפן ווערן אַ שטרייגגער צענזור; די יידישע קליידער מוז פאַרביטן ווערן אויף פּוילישע אָדער דייטשע, די יידישע שפּראַך און אָפיציעלע דאָקומענטן—אויף דער פּוילישער.

אָנפאַנגס יאָר 1791 האָט די סיימדעפּוטאַציע אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון דער יידישער רעפאָרם און האָט אים אַריינגעטראָגן אין סיים אויף דורכצוקוקן. די גרונטפּרינציפּן פון פּראָיעקט, וואָס זיין טעקסט איז צו אונז נישט דערגאַנגען, זיינען בלתי ספק, געווען דיזעלבע, ווי אין די פּראָיעקטן פון בוטרימאָוויטשן און שצאַצקען. אַריינגעטראָגן ראשו ורבו אין די הכנות צו פּראָקלאַמירן די קאָנסטיטוציע פון 3-טן מאַי, האָט דער סיים זיך נישט געקאָנט פאַרנעמען מיטן באַהאַנדלען די יידנפראַגע. שוין נאָכן פּראָקלאַמירן די קאָנסטיטוציע האָט בוטרימאָוויטש אויף דער זיצונג פון 24 מאַי דרינגלאַך געפאָדערט צו באַהאַנדלען דעם פּראָיעקט; אָבער דאָ איז אויפגעשטאַנען אַ צווייטער מיטגליד פון דער „יידישער קאָמיסיע", דער בראַצלאַווער דעפּוטאַט כאָלאָנעווסקי, און האָט געמאָלדן, אַז ער געפינט דעם קאָמיסיעפּראָיעקט, וואָס פאַרברייטערט די יידישע האַנדלסרעכט, שעדלאַך פאַר די אינטערעסן פון קליין-פּוילן, און דעריבער לייגט ער פאָר דער פּאַלאַטע זיין אייגענעם פּראָיעקט. דער סיים האָט זיך דערפרייט מיט דער מעגלאַכקייט אָפּצולייגן די באַהאַנדלונג פון דער אומאָנגענעמער פראַגע. אין יוני איז באַשטימט געוואָרן די סיים-פעריעס, וועלכע האָבן געדויערט ביז סעפּטעמבער. אויף דעם אופן איז דאָס גרויסע ליכט פון דער פּוילישער רעפאָרם—די קאָנסטיטוציע פון 3-טן מאַי אין יאָר 1791 פאַרפינצטעלט געוואָרן אָן אַ שום שנוי אין דער לאַגע פון יידישן פאָלק. די קאָנסטיטוציע האָט, אמת, איבערגעלאָזן אין זיין קראַפט אויך די פריערדיקע שטאַנדן-אָרדנונג פון דער רעפּובליק—דעם פּעאָדאַליזם פון די פריצים און די פאַר-

שקלאַפונג פון די פויערים. אָבער זי האָט דאָך געגעבן רעכט דעם בירגערטום און טיילווייז דעמאָקראַטיזירט די רעגירונגס־אינסטיטוציעס. נאָר דער שטיפזון, דאָס יידישע פאָלק, איז אינגאַנצן געווען אויסגעמיטן אין דער צוואה פון גוסען פוילן.

די באַנייטע סיים-סעסיע אין הערבסט 1791 האָט געאַרבעט אין אַ שטאַרק אויפגערעגטער פּאָליטישער אַטמאָספערע: די רעאַקציאָנערע געגנער פון דער נייער קאָנסטיטוציע האָבן באַאומרויקט דאָס לאַנד; עס האָט זיך אָנגערוקט אַן איבערלאַכער שטורם און דער קריג מיט רוסלאַנד. נישט קוקנדיק דערויף, האָט זיך דער אומדערמידלאַכער בוטרימאָוויטש אַנטשלאָסן ווידעראַמאָל צו דערמאָנען דעם סיים וועגן דער נויטווענדיקקייט צו פאַרשפּרייטן די אַפּוטרופּסות פון דער רעגירונג אויף דער „אומגליקלאַכער נאַציע, וואָס קאָן זיך אַליין נישט העלפן און ווייס אַפילו נישט אין וואָס עס ליגט די אויסבעסערונג פון איר גורל”. ער האָט געפאָדערט, אַז די קאָמיסיע זאָל איבערקוקן דעם פריער אויסגעאַרבעטן פּראָיעקט, כדי, נאָכדעם, ווי עס וועלן אין אים אַריינגעטראָגן ווערן אייניקע שנוים, „וואָס ווערן אַרויסגערופן פון די געגנוואַרטיקע אומשטענדן”, אים ווידער איבערצוגעבן דער פּאַלאַטע. שטיצנדיק דעמדאָזיקן פאָרשלאַג, האָט יעזערסקי געהאַט דעם מוט אַרויסצוזאָגן אויף דער סיים-זיצונג (דעם 30 דעצעמבער) זיין אויבנדערמאָנטן געדאַנק, אַז ער האַלט די יידן שוין פאַר נוצלאַכע בירגער, נישט נאָר פאַר אַזעלכע, וואָס דאַרפן ערשט „אומגעוואַנדלט ווערן אין נוצלאַכע.” דער סיים האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען און די קאָמיסיע איז ווידער צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. דער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער אַרבעט איז אָבער געווען אַ נישטיקער. נאָך לאַנגע וכוחים איז די קאָמיסיע געקומען צום פאָלגנדיקן באַשלוס: „כדי אויסצובעסערן דעם גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג, מוז מען אומבאַדינגט בעסער אָרגאַניזירן זיין לעבן; דאָסדאָזיקע איינאָרדנונג איז אָבער אוממעגלאַך אַזוי לאַנג, כל-זמן די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך נישט באַפרייט פון אירע קהל-חובות און דאָס קאָן געשען ערשט דעמאָלט, ווען די פינאַנס-קאָמיסיע וועט זיך פאַרנעמען מיט דערדאָזיקער ליקווידאַציע.” און דעריבער מוז די רעגירונג, איידער זי גייט רעאַליזירן דעם רעפאָרמען-פּראָיעקט, פריער אָנווייזן די וועגן ווי אַזוי צו ליקווידירן די קהל-חובות. דער באַשלוס פון דער יידישער קאָמיסיע איז גערן אָנגענומען געוואָרן

פון דער גאַנצער סיים-פאַרוואַלטונג: עס איז אָראָפּגעפאַלן אַ באַרג פון די פּלייצעס; מען דאַרף מער נישט קלערן וועגן „רעפאָרמען" און „גלייכבאַרעכטיקונג"; עס איז גענוג איבערצוגעבן די אָרטיקע געריכטן צו באַשטימען די סכומים פון די קהל-חובות, און דער פינאַנס-קאָמיסיע זיי צו דעקן מיט די געלטער פון די קהלפאָנדן אָדער פון ספּעציעלע קוועלן, און די אַרבעט וועט סטאַיען אויף אַ סך יאָרן. אָט אַזוי איז מיטן אויסרייד פון ליקווידירן די חובות פּאַקטיש ליקווידירט געוואָרן די יידישע רעפאָרם*).

אויסגעמידן דורך דער קאָנסטיטוציע פון 3-טן מאַי, האָבן די יידן, לויט די דערציילונגען פון עטלעכע צייטחברים, פּרובירט צו ווירקן אויפן סיים דורכן קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט.

זיי האָבן אויסגענוצט זייערע נאָנטע באַציונגען מיטן הויף. ערגעץ וואו איז פאָרגעקומען אַ געהיימע באַראַטונג פון יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, און דאָרט זיינען געוויילט געוואָרן דריי דעלעגירטע אויף צו פירן די אונטערהאַנדלונגען מיטן קעניג וועגן אויסבעסערן די לאַגע פון די יידן. די באַפולמעכטיקטע האָבן סוף 1791 און אָנפאַנג 1792 אונטערגעהאַנדלט מיטן קעניגלאַכן סעקרעטאַר פּיאַטאָלי. באַלד האָט זיי דער קעניג אָנגענומען אויף אַ ספּעציעלער אוידיענץ ביי אַ זייער פייערלאַכער דעקאָראַציע; דער קעניג האָט זיי כלומרשט אָנגענומען זיצנדיק אויפן טראָן. די יידן האָבן געבעטן צו שיינקען זיי בירגעררעכט און דאָס רעכט צו דערווערבן אין די שטעט אומבאַוועגלאַכע גיטער. איבערצולאָזן זיי זייער קהלות-אויטאָנאָמיע און זייער אומאָפּהייִנגיקקייט בנוגע די מאַגיסטראַטן. מען האָט דערציילט, אַז די יידישע פאָרשטייער האָבן כלומרשט צוגעזאָגט דעם קעניג 20 מיליאָן אויף אָפּצוצאָלן זיינע פער-

---

*) די יידישע קהילות אין פוילן האָבן געהאַט אויף זיך אומגעהויערע חובות פון הלוואות, וואָס די קהלס האָבן געמאַכט אין משך פון אַ לאַנגער צייט, כדי צו דעקן די שטייערצאָלונגען, די נישט פּאָרויסגעזעענע הוצאות א. אַז. וו. די מלוים זיינען געווען די שטאָטישע מאַגיסטראַטן, די קאַטוילישע קלויסטערס און פּריוואַטע פּערזאָנען. די פראַגע וועגן ליקווידירן דידאָזיקע חובות איז נישט איינמאָל באַהאַנדלט געוואָרן אויף די סיימזיצונגען אין דער צווייטער העלפט פון 18-טן יאָרהונדערט.

זעגלאַכע חובות, דעמדאָזיקן ענין האָבן די יידן אויף פאַרטרויט עטלאַכע סיימלידערס, צווישן זיי דעם ראַדיקאַל קאָלאָנטאַי. דער קעניג זאָל זיך כלומרשט האָבן באַמיט דורכצופירט דעם יידישן רעפאָרמען-פּראָיעקט דורך דער „דעפּוטאַציע“ און דורכן סיים, נאָר דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן. די פראַגע פון יאָרהונדערטער האָט נישט געקאָנט געלעזט ווערן אין יענעם אומרוהיקן מאָמענט, בעת דער טויט האָט שוין געשוועבט איבערן לאַנד, וואָס האָט מקריב געווען זיינע לעצטע כוחות אין זיין לעצטן קאַמף פאַר זיין אומאָפּהיינגיקקייט.

די רעגירונג פון וואַרשעווער הערצאָגטום האָט געפונען פריי צייט צו דער אַנגען דעם פּוילישן יידנטום אַן עקאָנאָמישן קלאַפּ. אויף דער פאָרשטעלונג פון מיניסטער לובינסקי איז אַרויס אַ הערצאָגלאַכער דעקרעט (30 אָקטאָבער), וואָס האָט פאַרווערט די יידן, נאָך אַ צוויי-יאָריקן טערמין, צו האַנדלען מיט בראָנפן און האַלטן שיינקען,—ד. ה. עס איז אָפּגענומען געוואָרן די עקזיסטענץ-מעגלאַכקייט ביי צענדליקער טויזנטער יידישע פאַמיליעס. די רעגירונג האָט אין דער שטיל מאָטיווירט דעמדאָזיקן דעקרעט דערמיט, וואָס מען וואַרט אויף דער מעגלאַכקייט צו פאַרגרעסערן די פּוילישער טעריטאָריע און אויפשטעלן צוריק דאָס אַלט-פּוילן, און דאַן מוז מען די צוריקגעקומענע יידישע באַפעלקערונג מקבל פּנים זיין מיט אַ שטאַרקער עקאָנאָמישער רעפּרעסיע, אָבער די האָפנונגען אויף נאַפּאָלעאָנס מאַכט האָבן אָפּגענאַרט: דער אָפּגאָט איז געפאַלן; דאָס וואַרשעווער הערצאָגטום, דאָס בלייכע געשפּענסט פון אומאָפּהייגיקן פּוילן, איז זיך צופאַלן און דער גורל פון לאַנד איז ווידער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דריי מלוכות, וואָס האָבן זיך מיט איס געטיילט, איבערהויפּט אין די הענט פון רוסלאַנד. און די יידישע מיליאָנען-מאַסע פון רוסיש-פּוילן האָט שוין דעמאָלט געוואוסט, וואָס זי האָט צו דערוואַרטן פון דער נייער הערשערין...

די צווייטע און די דריטע חלוקה. בערעק יאָסעלעוויטש.

בענטער האָט זיך אָנגערוקט פּוילנס גסיסה, ד געגנער פון דער מאַי-אָווער קאָנסטיטוציע, די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן פון לאַנד, האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער רוסישער רעגירונג. עס איז אַנטשטאַנען די „טאַרגאָוויצקע קאָנפעדעראַציע“, עס איז אויסגעבראָכן אַ בירגערקריג (זומער פון יאָר 1792). אָפּגעריסן פון פּאָליטישן לעבן, האָבן דאָך

די יידן וואו נישט וואו אַרויסגעוויזן זייער מיטגעפיל די קעמפער פאַר
דער בייער קאָנסטיטוציע; די ווילנער יידישע שניידער האָבן זיך גע-
נומען אויפנייען אָן געלט 200 מונדירן פאַר דער פרייהייטסאַרמיי; די
סאָכאַטשעווער און פולאַווער קהילות האָבן גענומען אַן אָנטייל אין
די פּאַטריאָטישע נדבות; די בערדיטשעווער יידן האָבן זיך באַ-
טייליקט אין דער דעפּוטאַציע פון די אָרטיקע סוחרים, וואָס האָבן מקבל
פּנים געווען דעם קאָמאַנדיר פון דער פּוילישער אַרמיי יוזעף פּאָניאַ-
טאָווסקי און האָבן דערלאַנגט די פּאָלקסמוזיקאַנטן נייע אינסטרומענטן.
די יידישע געמיינדען אין וואָלין און פּאָדאָליע האָבן נישט ווייניק גע-
ליטן פון די קריגסאָפּעראַציעס. די אָסטראָגער קהילה האָט איבערגע-
לעבט דאָס באָמבאַרדירן פון דער שטאָט דורך די רוסישע חילות אין יולי
פון יאָר 1792, אָבער דאָס לאַנד האָבן די אַלע קרבנות נישט מציל
געווען.

אין יאָר 1793 איז פאָרגעקומען די דריטע חלוקה פון פּוילן צווישן
רוסלאַנד און פּרייסן. צו רוסלאַנד זיינען אַריבער וואָלין מיט אַ טייל
פון די קיעוו־געגנטן, פּאָדאָליע און דאָס מינסקער וואָיעוואָדנטום; צו
פּרייסן—דער צווייטער טייל פון גרויספּוילן (קאַליש, פּלאָצק און אַנ-
דערע) מיט דאַנציק און טאָרן. ווידער איז פון פּוילן אָפּגעריסן געוואָרן
אַן אומגעהויער גרויסע טעריטאָריע מיט הונדערטער טויזנטער יידישער
באַפעלקערונג. די דערנידעריקטע נאַציע האָט דערשפּירט אַ שרעקלאַכן
ווייטאָג פון נייעם שניט. עס איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע פון
יאָר 1794.

דער אָנפירער פון אויפשטאַנד קאָסטיושקאָ, דערצויגן אין דער
אַטמאָספערע פון צוויי וועלט-רעוואָלוציעס—די אַמעריקאַנישע און פראַנ-
צויזישע, האָט געהאַט אַ סך העכערע באַגריפן וועגן פּאָליטישער און
בירגערלאַכער פרייהייט, ווי די גאַנצע באַפרייונגסאַרמיי פון פּריצישן
פּוילן. ער האָט באַגריפן, אַז עס קאָן נישט זיין קיין פרייע מלוכה
אָן דער פאַרניכטונג פון דער פויערים-פאַרשקלאַפונג און דער אומגלייכ-
קייט פון די בירגער. אין פייער פון קאַמף צו ראַטן דאָס פאָטערלאַנד
האָבן זיך צייטנווייז אַרויסגעריסן דידאָזיקע דעמאָקראַטישע שטרעבונגען
פון מנהיג,—און די געדריקטע קלאַסן האָבן דערשפּירט, אַז דאָ שפּילט
זיך אָפּ עפּיס גרעסערס, ווי אַ פּריצישע רעוואָלוציע. דער פרייהייטס-
ענטוזיאַזם האָט אויך פאַרכאַפּט געוויסע שיכטן פון דער יידישער גע-

זעלשאַפט. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן בעת דער לאַנגער באַלאַגערונג פון וואַרשע דורך דער רוסיש-פּרייסישער אַרמיי, זומער און הערבסט פון יאָר 1794, ווען די גאַנצע באַפעלקערונג איז גערופן געוואָרן צו פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט. די אייגענע יידן, וואָס זיינען דאָ נישט לאַנג אויסגעשטאַנען שרעקלאַכע גאַסנאָנפאַלן און אויפן באַפעל פון דער אַדמיניסטראַציע האָט מען זיי אומברחמנותדיק אַרויסגעיאָגט פון וואַרשע, זיינען איצט, אין געפערלאַכן מאָמענט, געלעגן אין די אָקאָפּעס צוזאַמען מיט זייער פאַרפאָלגער, איינעם מיט זיי געמאַכט גראָבנס, געשאָטן וואַלן צו פאַרטיידיקן די שטאָט. אָפט פלעגן זיך דידאָזיקע פרייוויליקע, אויף אַן אומרוהיקן סיגנאַל, תיכף באַוואָפענען, כדי אָפּצושלאָגן די באַלאַגערער; אונטערן רויש פון די קוילן, אונטערן פייער פון די האַרמאַטן, האָבן זיי אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס פון שונא צוזאַמען מיט די וואַרשעווער איינוואוינער, בריינגענדיק קרבנות דורך פאַרוואונדעטע און טויטע, אָבער נישט פאַרלירנדיק דערביי דעם מוט. ביי די יידן, וואָס האָבן פאַרטיידיקט וואַרשע, איז געבאָרן געוואָרן אַ געדאַנק צו אָרגאַניזירן אַ ספּעציעל יידישן לעגיאָן צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. אין דער שפּיץ פון דערדאָזיקער גרופּע פּאַטריאָטן איז געשטאַנען בערעק יאָסעלעוויטש.

געבוירן אין קרעטינגען, אַ קליינעם שטעטל אין זשמוד (בערך אין יאָר 1765) האָט בערעק דורכגעמאַכט דעם גאַנצן דערנער-וועג פון אַן אָרימען יידישן בחור: אָנהויבנדיק פון דער רעליגיעזער שולע פון „חדר" און ענדיקנדיק מיט דער פּראָפעסיע פון אַ פאַקטאָר ביים פּריץ. ער איז אָנגעקומען אויף אַ שטעלע צום באַרימטן מאַגנאַט, דעם ווילנער ביסקופּ מאַסאַלסקי,—און דאָ הויבט זיך שוין אָן זיין נישט איינגאַנצן פּשוטע קאַריערע. פאָרנדיק אָפט קיין אויסלאַנד, איבערהויפּט קיין פּאַריז, פלעגט מאַסאַלסקי מיטנעמען מיט זיך זיין געשיקטן פאַקטאָר. דער יונגער בערעק האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט פראַנצויזיש און האָט באַקומען די מעגלאַכקייט זיך צוצוקוקן מן הצד צום לעבן פון די פּאַריזער סאַלאָנען, וואו זיין אדון האָט פאַרקערט. ער האָט דערזען אַ נייע וועלט און דערשפּירט נייע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט פון דער וועלט-הויפּטשטאָט ערב דער גרויסער רעוואָלוציע. אין דער צייט פון פיריאָריקן סיים האָט שוין בערעק געהאַט פאַרלאָזן זיין שטעל ביי מאַסאַלסקין און געלעבט אין וואַרשע, אויף פּראַגע,

אַלס פאַמיליען-פאַסער. דאָ, אין דער אַטמאָספער פון פאַטריאָטישן אויפשוואונג זיינען צייטיק געוואָרן אין בערעקס נשמה יענע געפלדיקע איינדרוקן, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פון דער פריצישער סביבה און פון זיינע אויסלענדישע נסיעות. די דערשיינונג פון העלד קאָסציושקאָ און די באַלאַגערונג פון וואַרשע האָבן פאַרוואַנדלט זיינע נישט דייטלאַכע פאַנטאַזיעס אין רעאַלער ווירקלאַכקייט: מען מוז קעמפן פאַר דער פרייהייט פון פאָטערלאַנד, פאַר דער רעטונג פון דער הויפטשטאָט, וואו עס זיינען גלייכצייטיק פאַרשפאַרט און פאַרשטיקט דורך דער פיינטלאַכער האַנט די פוילן און די יידן; מען דאַרף דערוויייזן, אַז אויך די שטיפקינדער פון פאָטערלאַנד קאָנען קעמפן אין די רייען פון זיינע זין און פאַרדינען אַ בעסערן גורל. אין סעפטעמבער 1794, אין רעכטן ברען פון דער וואַרשעווער פאַרטיידיקונג, האָט בערעק יאָסעלעוויטש דערלאַנגט דעם הויפטקאָמאַנדיר קאָסטיושקאָ אַ ביטע וועגן דער דערלויבניש צו אָרגאַניזירן פון יידישע פרייוויליקע אַ ספעציעלן פאָלק לייכטע קאַוואַלעריע. קאָסטיושקאָ האָט זייער גערן באַפרידיקט דידאָזיקע ביטע און מיט פרייד האָט ער וועגן דעם געמאָלדן אין אַ ספעציעלן באַפעל פון 17 סעפטעמבער, וואו ער הויבט אויף ביזן הימעל דעם פאַטריאָטישן אייפער פון די „איניציאַטאָרן, וואָס געדיינקען דאָס לאַנד, אין וועלכן זיי זיינען געבאָרן, און וועגן דעם, אַז פון זיין באַפרייונג וועלן די יידן געניסן דעם נוצן גלייך מיט אַנדערע". בערעק איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפירער פון יידישן רעגימענט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ווערבירן פון פרייוויליקע פאַרן דאָזיקן רעגימענט און דאָס זאַמלען געלט פאַר זיין באַוואָפענונג. דעם ערשטן אָקטאָבער איז אין דער וואַרשעווער „רעגירונגס-צייטונג" דערשינען פאָלגנדיקער אויפרוף פון בערעק יאָסעלעוויטש צו זיינע מיטבירגער, געשריבן אויף פויליש, אָבער מיטן אַלט-יידישן סטיל: „הערט זיך צו בני-ישראל, אַלע, וואָס אין זייערע הערצער לעבט דאָס בילד פון אַלמעכטיקן גאָט, אַלע, וואָס ווילן העלפן צו קעמפן פאַרן פאָטערלאַנד!... זייט וויסן, אַז איצט איז געקומען די שעה אָפּצוגעבן דעמדאָזיקן ענין אונזערע גאַנצע כחות... עס זיינען דאָך פאַרהאַן אַ סך מעכטיקע פריצים, שלאַכטישע קינדער און גרויסע קעפ, וואָס זיינען גרייט אָפּצוגעבן זייער לעבן פאַרן פאָטערלאַנד. פאַרוואָס-זשע זאָלן מיר, געיאָגטע, זיך נישט נעמען צום געווער, בעת מיר זיינען געדריקט מער ווי אַלע מענטשן אויף דער וועלט?..

פאַרוואָס דאַרפן מיר נישט דערגרייכן דורך אַרבעט די פרייהייט, וואָס מען האָט אונז צוגעזאָגט אַזוי פעסט און אויפריכטיק ווי אַלע אַנדערע מענטשן? אָבער פריער דאַרף מען די פרייהייט פאַרדינען... מיר איז באַשערט דאָס גליק—אַ דאַנק דעם באַפעל פון די פירער, צו ווערן אַ פאָלקאָווניק. כאַפּט-זשע זיך אויף, העלפט באַפרייען דאָס געדריקטע פוילן! טרייע ברידער, לאָמיר קעמפן פאַרן פאָטערלאַנד ביזן לעצטן טראָפּן בלוט! אויב מיר וועלן זיך נישט דערוואַרטן די פרייהייט, וועלן לכל-הפחות אונזערע קינדער לעבן רוהיק און פריי, נישט אַרומשלעפּנדיק זיך ווי די ווילדע חיות. וואַכט אויף ווי לייבן און לעמפּערטן!"...

איינפאַך און נאַאיוו איז געווען בערעקס שפּראַך, נאַאיוו זיין פּאָליטישער געדאַנק. אויפרופנדיק די יידן צו קעמפן פאַר דער פרייהייט צוזאַמען מיט די „מעכטיקע פּריצים", האָט ער פאַרגעסן, אַז די יידישע פרייהייט איז נישט גאַראַנטירט געוואָרן דורך דער פרייהייט פון די פּריצים, אונטער וועלכע עס זיינען געווען זייער ווייניק הומאַניסטן פון קאָסטיושקאָס טיפּ. ער האָט געלעבט אין דער עפּאָכע, ווען די מערב-יידן האָבן געשטרעבט צו באַווייזן זייער „ציוויזם" ד. ה. זייער בירגער-טוגנט. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך, וואַרשיינלאַך, געטראָגן די בילדער פון יענע יידן, וואָס האָבן אין יאָר 1789 געדינט אין דער פּאַריזער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע... בערעק האָט מיט זיין אַנטוזיאַזם צוגעצויגן אַ מאַסע פריייוויליקע. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז געשאַפן געוואָרן אַ פאָלק פון 500 מאַן. באַוואָפנט אין איילעניש פאַר די קליינע סומען, וואָס עס האָט אַסיגנירט דערויף די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג און אויף פריייוויליקע נדבות,—האָט דער יידישער לעגיאָן אויסגעזען ווי אַ פילפאַרביקע פאָלקס-מיליציע; אָבער דאָס געפיל פון קריגספליכט איז געווען שטאַרק ביי אַלע יענע מענטשן, פון וועלכע אַ סך האָבן געהאַלטן דאָס געווער דעם ערשטן מאָל אין זייער לעבן. דער יידישער פאָלק האָט באַוויזן זיין העלדישקייט און מסירת-נפש דעם 4-טן נאָוועמבער, אין יענעם אומגליקלאַכן טאָג, בעת סובאָראָווס אַרמיי האָט געשטורמט פּראַגע. אונטער די 15 טויזנט פּאָליאַקן, וואָס זיינען אומגעקומען אויף די פּראַגער וואַלן, אויף די וואַרשעווער גאַסן און אין די וועלן פון ווייכסען, איז אויך געווען בערעק יאָסעלעוויטשס פאָלק. דער גרעסטער טייל פון אים איז געפאַלן אויף די פּאָרטן פון די רוסישע קוילן און שטיקעס. דעם פאָלקאָווניק בערעק איז

געלונגען זיך צו ראַטעווען: ער איז אַנטלאָפֿן קיין אויסלאַנד צוזאַמען מיטן גענעראַל זאַיאָנטשיק, דעם מיטקעמפֿער פֿון קאָסטיושקאָן, וואָס איז נאָך פֿריער אַרייַנגעפֿאַלן אין רוסישער געפֿאַנגשאַפֿט. אַרעסטירט אין עסטרייַך, איז בערעק אין אַ קורצער צייַט אַרום אַנטלאָפֿן אויך פֿון דאָרט, און האָט זיך באַלד געפֿונען אין פֿראַנקרייַך צווישן די פּוילישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין לעצטן אויפֿשטאַנד.

די דריטע חלוקה פֿון פּוילן (1793) האָט אַרייַנגעפֿירט אין צוזאַמענשטעל פֿון רוסישן יידנטום—די קאָמפּאַקטע מאַסן פֿון ליטאַ (די ווילנער און גראָדנער וואָיעוואָדנטומס). פּרייסן האָט אייַנגעשלונגען דעם לעצטן טייל פֿון גרויספּוילן צוזאַמען מיט וואַרשע און מאַזאָוויע; צו איר איז, אויסערדעם, אויך אַריבערגעגאַנגען דאָס ביאַליסטאָקער געביט. עסטרייַך האָט אָפּגערונדיקט אירע גאַליציאַנישע טעריטאָריעס, פֿאַרייניגנדיק מיט זיי קראַקאָוו און דאָס לובלינער וואָיעוואָדנטום. פֿון דעמאָלט אָן ווערט דער גורל פֿון די פּוילישע יידן צונויפֿגעגאָסן מיטן גורל פֿון זייערע ברידער אין דידאָזיקע דרייַ מלוכות און באַקומט אַ דרייַפֿאַרביקן קאָליר—אַן עסטרייַך-פּרייסיש-רוסישן.

אָבער די דריטע פּוילישע חלוקה איז נאָך נישט געווען די פֿולשטענדיקע. אויף אַ קורצער צייַט שטייט אויף אין דער געשיכטע דאָס געשפּענסט פֿון אַ האַלב אומאָפּהענגיק פּוילן. אין 12 יאָר אַרום נאָך דער דריטער חלוקה, מאַכט איבער נאַפּאָלעאָן I די פּאָליטישע קאַרטע פֿון אייראָפּע און באַשאַפֿנדיק עפּעס־עטלעכע נייַע מלוכות, האָט ער אויסגעשניטן פֿון „פּרייסישן פֿאַרכאַפּן" אַ גרויס-פּוילישע פּראָווינץ און האָט זי אומגעוואַנדלט אין אַ וואַרשעווער הערצאָגטום—אַ קליינע מלוכה אונטער דער אָנפֿירונג פֿון זאַקסישן קעניג אויגוסט דעם דריטן (אַן אייניקל פֿון לעצטן פּוילישן קעניג פֿון דער זאַקסישער דינאַסטיע, אויגוסט דעם דריטן). דאָס איז געווען אין יאָר 1807, נאָכדעם ווי נאַפּאָלעאָן האָט צושמעטערט פּרייסן. און אין צוויי יאָר שפּעטער, בעת נאַפּאָלעאָן האָט אויך צושמעטערט עסטרייַך, האָט ער אָפּגעריסן פֿון איר אַ טייל פֿון אירע פּוילישע פּראָווינצן און פֿאַרייניקט מיטן וואַרשעווער הערצאָגטום (1809).

## דאָס וואַרשעווער הערצאָגטום און די נאַפּאָלעאָנישע רעאַקציע.

אָפּגעריייניקט פון די פּרוסאַקן, איז וואַרשע נאָך אַ צוועלפיאָריקער הפסקה ווידער געוואָרן די הויפּטשטאָט פון פּוילישן צענטר, וואָס איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק נאַפּאָלעאָנס אַפּוטרופּסות. דאָס וואַרשעווער הערצאָגטום, וואָס איז באַשטאַנען פון צען דעפּאַרטאַמענטן פון גרויס-און קליין-פּוילן (וואַרשע, קאַליש, פּלאָצק, לאָמזשע, פּויזן, בידגאָזש, דערנאָך—קראַקאָ, לובלין, ראַדאָם, סיעדלעץ) האָט באַקומען אַ גאַנצן ליבעראַלע קאָנסטיטוציע מיט צוויי געזעצגעבערישע פּאַלאַטעס (אַ סיים און אַ סענאַט), מיטן בירגערלאַכן „קאָדעקס פון נאַפּאָלעאָן”, וועלכער איז נאָר-וואָס איינגעפירט געוואָרן אין פראַנקרייך. די גרונטגעזעצן האָבן פּראָקלאַמירט וועגן דער גלייכהייט פון אַלע פאַרן געזעץ. פול מיט האָפנונגען זיינען געוואָרן די פּראָגרעסיווע יידן פון דער נייער מלוכה, וואָס דער פריערדיקער פּרייסישער רעזשים האָט זיי צוגעווינט נישט צו גלייכבאַרעכטיקונג (דאָס האָט אין פּרייסן גופא נאָך אויך נישט עקזיסטירט), נאָר צום קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג, געגן דעם ווילן פון די פינסטערע חסידישע מאַסן צו בלייבן ביי דער אַלטער אָרדנונג. נאָך אַלץ איז ביי דער יידישער געזעלשאַפט נישט בלאַסער געוואָרן דער גלאַנץ פון נאַפּאָלעאָנען; מען האָט געגלויבט, אַז דער אימפּעראַטאָר וועט אויסשפּרייטן זיין אַפּוטרופּסות אויף אויך די פּוילישע יידן. אָבער אויך די דאָזיקע האָפנונגען האָבן שטאַרק אָפּגענאַרט. דאָס ערשטע יאָר פון וואַרשעווער הערצאָגטום (1807—1808) איז געווען דאָס ווענדונגסיאָר פון דער נאַפּאָלעאָנישער פּאָליטיק בנוגע די יידן; „דאָס שענדלאַכע געזעץ” פון 17 מערץ 1808, האָט אָפּגעשטעלט כמעט אין גאַנץ פראַנקרייך אויף צען יאָר די ווירקונג פון געזעץ וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. מיט דער דאָזיקער רעאַקציע האָבן זיך באַנוצט די פּוילישע מלוכהלייט, וואָס האָבן קיין זאַך נישט געלערנט פון די איבערגעלעבטע אומגליקן און האָבן זאָגאַר איבט נישט געקאָנט דערלאָזן די גלייכבאַרעכטיקונג פון פאַרהאַסטן שטאַם.

אין פרילינג פון יאָר 1808 האָט זיך די רעגירונג פון וואַרשעווער הערצאָגטום געמוזט באַשעפטיקן מיט דער יידנפראַגע. געצוואונגען דערצו האָט זי די יידישע פאָדערונג וועגן בירגעררעכט אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאָרשטייענדיקע וואַלן צום סיים, זיך דערוויסנדיק

באַפּאָלעאָנס מערץ-דעקרעט, האָט זיך דער וואַרשעווער מיניסטאָרן-ראַט אָנגעכאַפּט אין אים ווי אין אַ רעטונגס-אַנקער. דעם הערצאָג פרידריך-אויגוסט האָט מען דערלאַנגט אַ מעמאָריאַל, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט, אַז דעם הערצאָגטום וואָלט געדראָט אַ טרויעריקע צוקונפט, אויב דאָס פאָלק ישראל, וואָס געפינט זיך דאָ אין אַ באַדייטנדיקער צאָל, זאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן פלוצלונג באַקומען בירגעררעכט, ווייל דאָס-דאָזיקע פאָלק „היט אָפּ שטאַרק דעם נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס איז פרעמד דעם לאַנד", און באַשעפטיקט זיך מיט אומפּראָדוקטיווע מלאכות.

ווי אויף אַ מיטל זיך אויסצודרייען פון „דער בירגערלאַכער גלייכהייט", צו וועלכער עס פאַרפליכטעט די קאָנסטיטוציע, האָט דער ראַט אָנגעוויזן אויף נאַפּאָלעאָנס סוספּענסיון דעקרעט, וואָס וואַרפט נישט אָפּ די גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר לייגט זי אָפּ אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. ווענדיק זיך פאַרזיכערן מכח דעמדאָזיקן ענין מיט נאַפּאָלעאָנס הסכמה, האָט די וואַרשעווער רעגירונג געפירט וועגן דעם אונטערהאַנדלונגען מיט אירע אַגענטן אין פראַנקרייך און מיטן פראַנצויזישן מיניסטער, דעם יידנפיינט שאַמפּאַניע. בעת עס איז אין דרעזדען און אין וואַרשע באַוואוסט געוואָרן נאַפּאָלעאָנס גייסטיקע באַציונג צום דאָזיקן אַקט, האָט דער הערצאָג אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט מיט פאָלגענדיקן אינהאַלט (17 אָקטאָבער 1808): „די איינוואוינער פון אונזער וואַרשעווער הערצאָגטום, וואָס געהערן צו משהס גלויבן, ווערן דערוויי-טערט אויף צען יאָר פון באַנוצן זיך מיט די פּאָליטישע רעכט, וועלכע זיי האָבן געזאָלט באַקומען, כדי אין משך פון דעראָזיקער צייט זאָלן זיי קאָנען אויסוואָרצלען ביי זיך די סימנים, וואָס טיילט זיי אויס פון דער גאַנצער איבעריקער באַפעלקערונג. דעראָזיקער באַשלוס ווערט אונז אָבער נישט שטערן צו דערלויבן איינצלנע פּערזאָנען פון יידישן גלויבן זיך צו באַנוצן מיט די פּאָליטישע רעכט אויך פאַרן סוף פון באַשטימטן טערמין, אין פאַל אַז זיי וועלן נאָר פאַרדינען אונזער הויכע גנאָד און לייטזעליקקייט, אויספירנדיק די באַדינגונגען, וואָס מיר וועלן אַרויסשטעלן אין אַ פאַראָרדנונג בנוגע די אָנהייגער פון משהס גלויבן." אויף אַזאַ אופן האָט די וואַרשעווער רעגירונג דורך זייער איידעלע אויסדריקן, אין אַ מאָדערנעם סטיל, אָפּגענומען ביי אַלע „אָנהענגער פון משהס גלויבן" דאָס בירגעררעכט, וואָס עס האָט זיי געגעבן די קאָנסטיטוציע... צוליב דער סטיל-שיינקייט האָט מען זיך באַנוצט

פיטן אויסדרוק „פּאָליטישע רעכט", בשעת אין דער ווירקלאַכקייט האָט מען צוגערויבט ביי די יידן די פּאַקטישע בירגעררעכט. אין נאָוועמבער 1808 האָט מען פאַרווערט יידן צו קויפן פרישישע גיטער; ווידער זיינען איינגעפירט געוואָרן די דערנידעריקטע באַגרענצונגען בנוגע יידישע וואוינרעכט אין וואַרשע: דעם 16 מערץ 1809 איז אַרויס אַ דעקרעט, אַז אין פאַרלויף פון אַ האַלב יאָר מוזן די יידן פּאַרלאָזן די הויפּטגאַס פון דער הויפּטשטאָט. אויסנאַמען זיינען געמאַכט געוואָרן נאָר פאַר יחידים — פאַר באַנקירן, גרויסע סוחרים, דאָקטוירים און קינסטלער.

מען האָט זיך ווידער אַ נעם געטאָן צום פּאַרפעסטיקן די אַלט־פּוילישע געזעצגעבונג אין אירע העסלאַכסטע, באַליידיגסטע פאָרמען. אין דער יידישער געזעלשאַפט איז געוואָרן אַ טומעל. אין וואַרשע האָט זיך שוין דאַן געפונען אַ באַדייטנדיקע גרופּע פּראָגרעסיווע יידן, וואָס האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער מאָדערנער בערלינער קולטור און זיך אָפּגעזאָגט פון יענע ספּעציעלע פאָרמען פון קליידונג און אויסערלאַכן אויסזען, פאַר וועלכע די יידן זיינען געשטראָפט געוואָרן דורך אָפּגעמען ביי זיי די בירגעררעכט. זיך שטיצנדיק אויפן צווייטן סטאַטוס פון סוספּענסיון דעקרעט, וואָס האָט דערלויבט צו מאַכן אויסנאַמען פאַר פּערזאָנען, וועלכע וועלן „אויסוואָרצלען אין זיך די ספּעציעלע סימנים", האָט זיך אַ גרופּע אַזעלכע יידן (17 פּערזאָן) אין יאַנואַר 1809 געווענדט צום יוסטיץ-מיניסטער מיט אַ דעקלאַראַציע, אַז נאָך מיט אַ צייט פריער האָבן זיי זיך באַמיט צו דערנענטערן זיך מיט זייער מאָראַלישער אויפפירונג אין דער גלייכער קליידונג צו דער איבעריקער באַפעלקערונג, און איצט זיינען זיי איבערצייגט, אַז זיי פאַרדינען בירגעררעכט." אויף דערדאָזיקער מה-יפית-דעקלאַראַציע האָט דער יוסטיץ־מיניסטער לובענסקי — איינער פון די „קאָנסטיטוציאָנעלע" מיניסטאָרן*) וואָס האָט פאַרשטאַנען, אונטער דער מאַסקע פון ליבעראַליזם, צו רעאַ-

*) וואָס פאַר אַ פאַרשטעלונג די פּוילישע מיניסטאָרן האָבן געהאַט וועגן די [illegible] יידן, וואָס פאַרדינען די עמאַנסיפּאַציע, זעט מען דייטלאַך פון בריף פון פינאַנצמיניסטער דעמבאָווסקי (מערץ 1808): „לויט דער קאָנסטיטוציע דאַרפן ביי די יידן נישט זיין קיין באַזונדערע מנהגים און פאָראורטיילן, קיין באַזונדערע שולן און קיין ספּעציעלע אָרדנונג פאַר דער קינדער־דערציונג. זיי דאַרפן בכלל נישט זיין קיין באַזונדער מין מיט באַזונדערע הנהגות.

ליזירן די געזעצן פון דעספאָטיזם—געגעטפערט מיט אַ גראָבן סאָפיזם,
אַז די קאָנסטיטוציאָנעלע גלייכהייט פאַרן געזעץ מאַכט נאָך נישט אַלע
פאַר בירגער, ווייל אַ בירגער קאָן נאָר זיין דער, וואָס איז טריי
דעם קעניג און באַטראַכט נאָר זיין געבורטסלאַנד פאַר זיין פאָטער־
לאַנד,—אָבער צי דען קאָנען די אָנהייגער פון משהס גלויבן באַטראַכטן
פוילן פאַר זייער פאָטערלאַנד? צי וועלן זיי זיך דען נישט אומקערן
אין לאַנד פון זייערע אבות? צי פילן זיי זיך נישט אַלס באַזונדערע
נאַציע? בלויז איבערבייטן די קליידונג—דאָס איז נאָך גאַנץ ווייניק."

צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון דער קליידונג־קולטור, וואָס
האָבן זיך משתדל געווען מכח פערזענלאַכע פריווילעגיעס, זיינען אין
דער וואַרשעווער יידישער געזעלשאַפט אויך געווען אָנהענגער פון דער
בערלינער השכלה, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו קעמפן
פאַר די רעכט פון זייער פאָלק. דעם 17 מערץ 1809 האָבן פינף וואַר־
שעווער געמיינדע־פאָרשטייער (מיכל ראַוויסקי־עטינגער א. אַנ.) אַריינ־
געטראָגן אין סענאַט אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן עס איז געווען נישט
בלויז אַ ביטע, נאָר עס האָט אויך געקלונגען אַ טאָן פון שטאַרקער אומ־
צופרידנקייט. „טויזנטער מענטשן פון פוילישן פאָלק פון
אַלטן גלויבן, וואָס זייער דורותלאַנגער זיצן אין לאַנד גיט זיי
דאָס רעכט צו באַטראַכטן פוילן פאַר זייער פאָטערלאַנד גלייך מיט
אַלע אַנדערע בירגער, זיינען ביז היינטיקן טאָג, אָן אַ שום שולד, נישט
וויסנדיק פאַרוואָס און פאַרוועז, פאַראורטיילט צום דערנידעריקן און
פאַלן אונטער דער לאַסט פון טאָגטעגלאַכע פאַרפאָלגונגען צום שאָדן
פאַר דער געזעלשאַפט און באַליידיקונג פאַר דער מענשהייט. מיר
זיינען באַלאַסטעט מיט שטייערן מער ווי אַלע איבעריקע איינוואוינער;
מען נעמט אונז אָפּ די פריידיקע מעגלאַכקייט פון דערווערבן אַ שטיקל
ערד, אויסבויען אַ הייזל, איינפירן אַ ווירטשאַפט, עפענען אַ פאַבריק, פריי
צו האַנדלען,—בכלל צו טאָן אַלץ, וואָס גאָט און די נאַטור דערלויבט
דעם מענטשן. אין וואַרשע האָט מען אונז זאָגאַר געהייסן זיך אָפּטראָגן
פון די הויפּטגאַסן. צי דען וועט דידזיקע ערד, וואו עס זיינען גע־
באָרן געוואָרן אונזערע עלטערן, באַצאָלנדיק טייער פאַר דערדאָזיקער
מתנה, שטענדיק בלייבן פאַר אונז פרעמד?... געערטע סענאַטאָרן! מיר
ברייגגען אייך די טרערן פון די פאָטערס, קינדער און פון די קינפ־
טיקע דורות: מיר בעטן, אַז איר זאָלט אונז וואָס גיכער געבן די

גליקלאַכע מעגלאַכקייט זיך צו באַנוצן מיט די רעכט און פרייהייטן, מיט וועלכן נאַפּאָלעאָן דער גרויסער האָט באַשאָנקען אַ/ע איינוואוינער פון דאָזיקן לאַנד און וועלכע אונזער געליבט פאָטערלאַנד אָנדערקענט פאַר אַלע זיינע קינדער."

אויף דערדאָזיקער קלעגלאַכער ביטע, אויף דאָס הכנעהדיקע צורעכענען זיך צו „די מענטשן פון פוילישן פאָלק"—האָט זיך דער סעגאַט אָפּגערופן מיט אַ דעקרעט צום הערצאָג, וואו עס האָט זיך געזאָגט, אַז די יידן גופא זיינען שולדיק „אין דעם פאַרשמעלערן פון זייער רעכט," ווייל זיי האָבן דאָס אַרויסגערופן מיט זייערע „נישט ערלאַכע געווערבן" און מיט זייערע לעבנסאַרט, וואָס איז שעדלאַך פאַר דער געזעלשאַפט"; עס איז נויטיק אַ רעפאָרם פון יידישן לעבן און צו דעם צוועק מוז מען אַוועקזעצן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסאַרבעטן דעם רעפאָרמען-פּלאַן. אַזאַ קאָמיסיע האָט שוין, איבעריגנס, געאַרבעט פון סוף 1868, אונטער דער אָנפירונג פון רעפערענט וואָידאַ און האָט צונויפגעשטעלט אַ „רעפאָרם-פּלאַן" אין גייסט פון צוואַנגס-בילדונג און פאַרפוילישן די יידן. אָבער די אַלע קאָמיסיעס זיינען נאָר געווען אַ פאַרפוצט מיטל צו באַגראָבן די יידישע פראַגע.

אין יענעם מאָמענט, בעת די רעגירונג פון וואַרשעווער הערצאָגטום האָט אָפּגעוואָרפן די יידישע בקשה וועגן גלייכבאַרעכטיקונג, מאָטיווירנדיק דעם אָפּזאָג מיטן מאַנגעל פון יידישן פאַטריאָטיזם, האָט אין וואַרשע געלעבט און געווירקט דער שטאַרקסטער סימבאָל פון פוילישן פאַטריאָטיזם—דער רעוואָלוציע-העלד פון יאָר 1794, בערעק יאָסעלעוויטש. נאָך זיין צוועלפיאָריקן וואַנדערן אין מערב-אייראָפּע, וואו ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ סך מלחמות פון נאַפּאָלעאָנען אין די רייען פון דאָמבראָווסקיס „פוילישע לעגיאָנען" איז בערעק, אין מאָמענט ווען עס איז אַנטשטאַנען דאָס וואַרשעווער הערצאָגטום, צוריקגעקומען אין זיין פאָטערלאַנד און האָט באַקומען אַ שטעל פון אַן עסקאַדראָןשעף אין דער שטענדיקער פוילישער אַרמיי. די פאַנטאַזיע פון אַלטן קריגער האָט זיך נישט פאַרווירקלאַכט. אומזיסט האָט זיין „יידישער פאָלק" באַדעקט מיט זיינע געפאַלענע ברידער די פראַגער וואַלן אין יאָר 1794. אין 12 יאָר שפעטער האָבן די ברידער פון די אומגעקומענע פאַרן פאָטערלאַנד געמוזט דאָ בעטלען פאַר זיך בירגעררעכט. אָבער בערעק האָט שוין געהאַט פאַרגעסן זיין ערשטן אויפרוף: ער איז שוין

געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער קריגער. זיין ריין-פּוילישער פּאַטריאָטיזם און די פּערזענלאַכע העלדישקייט האָבן אים געשטויסן צו זיין לעצטער קריגערישער העלדנטאַט. בעת אין פרילינג 1809 האָט אויסגעבראָכן דער קריג פון הערצאָגטום מיט עסטרייך, האָט זיך בערעק יאָסעלעוויטש אין דער שפּיץ פון זיין עסקאַדראָן אַ וואָרף געטאָן אין קאַמף געגן דער פיינטלאַכער קאַוואַלעריע ביי דער שטאָט קאָצק; אין דאָזיקן קאַמף איז ער נאָך אַריי העלדנטאַטן געפאַלן טויט (5 -טן מאַי). די צייטונגען האָבן באַוויינט דעם טויט פון פאָלקס-העלד. דער פאָרשטייער פון דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע, סטאַניסלאַוו פּאָטאָצקי, האָט געווידמעט זיין אָנדיינק אַ רעדע אין דער וואַרשעווער פאַרזאַמלונג פון „דער געזעלשאַפט — פריינד פון דער וויסנשאַפט". „דו האָסט באַטריבט—האָט געזאָגט דער רעדנער—דאָס לאַנד פון די העלדן. אָ, העלדישער פאָלקאָווניק בערקאָ, דערמיט וואָס דיין אומגעוויינלאַכער העלדנמוט האָט דיך געטריבן אין דער מיט פון שונא... עס געדיינקט דאָס פאָטערלאַנד אויף דיינע פריערדיקע וואונדן און דיינע קאַמפן, עס גערדיינקט עס אייביק, אַז דו האָסט דער ערשטער געגעבן דיין פאָלק אַ ביישפּיל פון באַנייטער העלדישקייט און האָסט אויפגעלעבט דאָס בילד פון די קריגער, וואָס עס האָבן אַמאָל באַקלאָגט די ציונסטעכטער."

די דאַנקבאַרקייט פון „פאָטערלאַנד" האָט זיך אויסגעדריקט דערמיט, וואָס דער הערצאָג האָט דורך אַ ספּעציעלן דעקרעט דערלויבט בערעקס אלמנה, וועלכער עס איז שווער געווען צו לעבן און דערציען די קינדער אויף דער קליינער פּענסיע, וואָס זי האָט באַקומען—צו וואוינען אין וואַרשע אויף די גאַסן, וואו יידן איז פאַרווערט געווען און „האַנדלען דאָרט מיט בראָנפן"... קיין אַנדערע פּריווילעגיעס האָט מען דעמאָלט יידן נישט געגעבן, אַפילו נישט אין דער פאָרם פון אַן אויסנאַם...

פאַר דער בירגערלאַכער גלייכבאַרעכטיקונג האָבן זיך געשראָקן נישט בלויז די פּאָליאַקן, נאָר אויך די פינסטערע יידישע מאַסן, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אונטערן שטאַרקסטן היפּנאָז פון חסידיזם און פון צדיקים-קולט. די געדריקטע אָרעמע מאַסע האָט, נאַטירלאַך, שטאַרק געוואָלט, מען זאָל אַראָפּנעמען פון איר דעמדאָזיקן שווערן דרוק, וואָס האָט פאַרגיפטעט איר עקזיסטענץ, אָבער די „בירגערלאַכע עמאַנסיפּאַציע" האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַ פּחד מיט די קאָנסעקווענצן, וואָס

זי וועט ברענגען: דאָס ברעכן פֿון דער אַלטער, גייסטיקער אָרדנונג, דאָס איינברעכן די אויטאָנאָמיע-געמיינדע און שולן און דאָס פֿאַרשפּרייטן אפּיקורסות. די ביישפּילן אין מערב און די פּראָיעקטן פֿון די פּוילישע „רעפֿאָרמאַטאָרן" האָבן נאָר געקאָנט פֿאַרשטאַרקן די איבערצייגונג פֿון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע. מער פֿאַר אַלץ האָט זיך די פּאַט-ריאַרכאַלע מאַסע געשראָקן פֿאַרן מיליטערדינסט, צו וועלכן זי איז אינגאַנצן נישט געווען צוגעוויינט, און דאָס וואַרשעווער הערצאָגטום האָט גערופֿן יידן צו מיליטערדינסט גראַדע אין דעם מאָמענט, בעת מען האָט געפֿירט די זעלנער צו דער שחיטה לכבוד נאַפּאָלעאָנען.

די צדיקים (ישראל קאָזעניצער, יעקב-יצחק לובלינער א. אַנד.) און די איינפֿלוסרייכע חסידים האָבן געפֿירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע איך לאַנד מיטן צוועק אָפּצעווענדן די צווייפּאַכיקע „גזירה"—גלייכבאַרעכטי-קונג און זעלנעריי—וואָס וועלן אונטערברעכן אינגאַנצן די רעליגיע און אָפּמעקן די יידישע נאַציאָנאַליטעט. צום קריגסמיניסטער פּאָניאַטאָוו-סקי און צו אַנדערע רעגירונגסמיטגלידער זיינען כסדר געגאַנגען חסידי-שע דעפּוטאַציעס מיט בקשות איבערצולאָזן די אַלטפּוילישע אָרדנונג אין די יידישע ענינים. דיזאָזיקע בקשות, וואָס זיינען אָפּט באַגלייט געוואָרן מיט הבטחות פֿון גרויסע געלטסומעס, האָבן אַ סך בעסער גע-שמעקט די פּוילישע מיניסטאָרן, ווי די השתדלותן פֿון די וואַרשעווער יידישע פּראָגרעסיסטן וועגן גלייכבאַרעכטיקונג. די רעגירונג האָט איצט געקאָנט רעכטפֿאַרטיקן איר מיאוסע פּאָליטיק, אָנווייזנדיק דערויף, אַז די פֿרומע יידן ווילן אַליין נישט קיין עמאַנציפּאַציע. אין יאָר 1808 האָט די רעגירונג באַפֿרידיקט דעם פֿאַרלאַנג פֿון די יידישע אָבסקוראַנטן מיט אַ דעקרעט וועגן אָפּלייגן די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג. שפּעטער האָט אָבער די רעגירונג געשפּירט, אַז מען קאָן נישט פֿאָדערן קיין בלוט-קרבנות פֿון מענטשן, וואָס זיינען אויסגעשלאָסן פֿון דער בירגערלאַכער געזעלשאַפֿט, און סוף-כל-סוף האָט זי איינגעוויליקט אויף דער שתדלנות, אַז די יידן זאָלן קאָנען איינצאָלן אַ הוספה-שטייער, אָנשטאָט גיין צום מיליטערדינסט. דער דעקרעט פֿון 29 יאַנואַר 1812 האָט סאַנקציאָ-נירט דעמדאָזיקן חלוק פֿון פֿערזענלאַכן מיליטערדינסט אויף אַ געלט-שטייער אין אַ סומע פֿון 700,000 גילדן יערלאַך. דאָסדאָזיקע געזעץ האָט נעראַטעוועט די פּוילישע יידן פֿונם טרויעריקן גורל צו דינען אַלס האַר-

מאַטן-פּלייש און נאַפּאָלעאָנס בלוטיקע אַוואַנטורעס, אָבער די יודאָפאָבן האָט ער געגעבן אַן איבעריקן גרונט צו באַשולדיקן די יידן אין מאַנגל פון פּאַטריאָטיזם.

שוין גאַנץ קורץ פאַר זיין אונטערגאַנג, בעתן קריגס-שטורם אין יאָר 1812 האָט די רעגירונג פון וואַרשעווער הערצאָגטום געפונען פרייע צייט צו דערלאַנגען דעם פּוילישן יידנטום אַן עקאָנאָמישן קלאַפּ. אויף דער פאָרשטעלונג פון מיניסטער לובענסקי איז אַרויס אַ הערצאָגלאַכער דעקרעט (30 אָקטאָבער), וואָס האָט פאַרווערט די יידן, נאָך אַ צוויי-יאָריקן טערמין, צו האַנדלען מיט בראָנפן און האַלטן שיינקען,—ד. ה. עס איז אָפּגענומען געוואָרן די עקזיסטענץ-מעגלאַכקייט ביי צענדליקער טויזנטער יידישע פאַמיליעס. די רעגירונג האָט אין דער שטיל מאָטיווירט דעמדאָזיקן דעקרעט דערמיט, וואָס מען וואַרט אויף דער מעגלאַכקייט צו פאַרגרעסערן די פּוילישע טעריטאָריע און אויפשטעלן צוריק דאָס אַלט-פּוילן, און דאַן מוז מען די צוריקגעקומענע יידישע באַפעלקערונג מקבל פנים זיין מיט אַ שטאַרקער עקאָנאָמישער רעפּרעסיע. אָבער די האָפנונגען אויף נאַפּאָלעאָנס מאַכט האָבן אָפּגענאַרט: דער אָפּגאָט איז געפאַלן; דאָס וואַרשעווער הערצאָגטום, דאָס בלייכע געשפענסט פון אומאָפהייגיקן פּוילן, איז זיך צופאַלן אין דער גורל פון לאַנד איז ווידער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דריי מלוכות, וואָס האָבן זיך מיט איר געטיילט, איבערהויפּט אין די הענט פון רוסלאַנד. און די יידישע מיליאָנען-מאַסע פון רוסיש-פּוילן האָט שוין דעמאָלט געוואוסט, וואָס זי האָט צו דערוואַרטן פון דער נייער הערשערין...

**רוסלאַנד.**

(ווייסרוסלאַנד) דער קאַראַנטין, מיט וועלכן רוסלאַנד האָט זיך אַרומגעצוימט פון „קריסטוסעס שונאים” ביז צו דער צייט פון יעקאַטערינע דער צווייטער, האָט זיך איבערגעריסן אין יאָר 1772 דורך דער ערשטער חלוקה פון פּוילן. איבערגייענדיק פון פּוילן צו רוסלאַנד, האָט ווייסרוסלאַנד מיט איר 200,000 יידישער באַפעלקערונג אַריינגעשלעפּט די „יידנפראַגע” אין דער אינערלאַכער רוסישער פּאָליטיק. אין אַ מלוכה, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוואוסט פון קיין שאַרפע נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן, זיינען אויפן גרענעץ פון מאָסקווער צענטער אויסגעוואַקסן צוויי גובערניעס—מאָהילעווער און פּאָלאָצקער (וויטעבסקער) מיט אַ פרעמדער באַפעלקערונג, זייער אַן אייגנאַרטיקע אין איר לעבנסאַרט און אויך

אין עקאָנאָמישן זין. די רעגירונג פון יעקאַטערינע דער צווייטער האָט זיך גענומען מאַכן איבער דער ווייסרוסישער באַפעלקערונג פאַרשידענע עקספּערימענטן, אמת, נישט אַזעלכע שאַרפע, ווי די פּראָבעס פון יוזעף דעם צווייטן איבער גאַליציע. אין דער ערשטער צייט האָט זיך די רוסישע רעגירונג נישט באַשעפטיקט מיט אַ קליינלאַכן רעגולירן דאָס יידישע לעבן אויפן דייטשן שטייגער, אָבער אויך אין איר פּאָליטיק בנוגע דער יידנפראַגע האָט זיך געמערקט דערזעלבער דואַליזם (צווייפּנימדיקייט), דער מישמאַש פון ליבעראַליזם מיט אונטערדריקונג, ווי אין דער עסטרייכישער פּאָליטיק.

פון איין זייט האָט מען דערלויבט די יידן זיך איינצושרייבן אין סוחרים-שטאַנד און בירגערטום און דערווערבן די געהעריקע שטאַנדן-רעכט (1780); פון דער צווייטער זייט האָבן זיי נישט געהאַט קיין רעכט אַריינצוטרעטן אין דידאָזיקע שטאַנדן און וואוינען אין אַנדערע ערטער, אויסער די צוויי ווייסרוסישע גובערניעס (1786) ד. ה. די יידן האָבן נישט באַקומען קיין וואוינרעכט אין די איבעריקע פּראָווינצן, אויסער אין די צוויי, וואָס מען האָט אָפּגענומען ביי פּוילן—אויף דעם אופן איז געשאַפן געוואָרן דער עמבריאָן, דער שרש פון דעם אומגליקלאַכן „תחום המושב”. אַ שאַרפער ברוך איז אויך פאָרגעקומען אויפן עקאָנאָמישן געביט. מען האָט געמאַכט אַ פּרוב אונטערצוברעכן דעם הויפּטגעוועב פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג—די ברויזן און דעם בראָנפן-האַנדל. אין די שטעט האָבן די מאַגיסטראַטן דערווייטערט די יידן פון דערדאָזיקער באַשעפטיקונג און אין די קרייזן האָט די ווייסרוסישע אַדמיניסטראַציע ווילקירלאַך פאַרבאָטן די גוטסבאַזיצער אָפּצוגעבן יידן אין אַרענדע שיינקען (1783); דערדאָזיקער פאַרבאָט האָט אַרויסגערופן אַ שרעקלאַכן עקאָנאָמישן קריזיס: „טויזענטער פאַמיליעס—שרייבט אַ מענטש פון יענער צייט—זיינען ממש רואינירט געוואָרן.” און טאַקי נאָר די יללות פון דער רואינירטער יידישער באַפעלקערונג, וואָס זיינען דערגאַנגען צום סענאַט (1786), האָבן געצוואונגען דער רעגירונג אָפּצושטעלן דעם ווייטערדיקן חורבן פון לאַנד. אַ שרעקלאַכן תהו ובהו האָבן אַרויסגערופן די געזעצן פון דער רעגירונג, וואָס האָט, פון איין זייט, געוואָלט אויפהאַלטן די פריערדיקע יידישע קהל-אָרדנונג צוליב פּראָוואָקאַציע-צוועקן (1776) און פון דער צווייטער זייט האָט זי געשטרעבט אַריינצופירן די יידן אין דער אָרדנונג פון געמיינזאַמער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

1783) עס האָבן זיך צומישט די פונקציעס פון צווי זעלבסטפאַרוואַלטונגען, פון אַ ספּעציעלער און אַ געמיינזאַמער, און איינע האָט געשטערט דער צווייטער. דידאַזיקע אומבאַשטימטע פּאָליטיק, דער מישמאַש פון פרייהייטן און רעפּרעסיעס, האָט נישט געקאָנט מיטהעלפן דעם וואוילשטאַנד פון דער נייער יידישער קאָלאָניע אין רוסלאַנד. שווער האָבן זיך געלייגט אויף אירע פּלייצעס די קריזיסן פון דער איבערגאַנגס־צייט—די הפסקה צווישן דער ערשטער און צווייטער חלוקה פון פוילן. מעכאַניש פאַרפעסטיקט מיטן אָרגאַניזם פון דער נייער מלוכה איז אָבער דאָך דאָס יידישע ווייטרוסלאַנד אין דערזעלבער צייט געווען אָפּגעטיילט מיט אַ שטאַרקער וואַנט פון אַלע איבעריקע טיילן פון דערדאָזיקער מלוכה. די אַלטרוסישע פּאָליטיק האָט זיך שוין אָנגעהויבן ביסלאַכוויז אַרויסצווזען פון אונטער דער פעטערבורגער מאַסקע... און אויפן שוועל, גרייט אַריינצוטרעטן אין צוזאַמענשטעל פון דער רוסישער מלוכה, איז דערווייל געשטאַנען די כמעט האַלבמיליאָניקע יידישע באַפעלקערונג פון ליטע, פּאָדאָליע, וואָלין און פון גרעסטן טייל פונם צענטראַל־פוילן, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו רוסלאַנד נאָך דער צווייטער און דריטער חלוקה, און שפּעטער לויטן באַשלוס פון ווינער קאָנגרעס (1795, 1815 1793).

## דער נייער יידישער צענטער אין רוסלאַנד.

(דער סוף פון יעקאַטערינע דער צווייטערס רעגירונג). איינשלינגענדיק אין גרויסע דאָזעס די פּוילישע טעריטאָריע צוזאַמען מיט איר יידישער באַפעלקערונג, האָט רוסלאַנד דערשפּירט אין איר אינערלאַכער פּאָליטיק דעם וואוקס פון אַ נייעם אינגרעדיענט פון דער יידנפראַגע. די לעזונג פון דער פראַגע האָט ביי די דעמאָלסיקע באַדינגונגען נישט געקאָנט גיין אויפן גראַדען וועג פון גלייכהייט פאַרן געזעץ, נאָר אויפן קרומען דרך פון אַ ספּעציעלער געזעצגעבונג. אַנדערש האָט נישט געקאָנט זיין אין אַ לאַנד פון שטאַנדן־פאַרצוימונגען, ביי אַ מלוכה־אָרדנונג, וואָס איר באַזיס איז געווען דאָס פאַרשקלאַפטע פּויערטום, און אין דער הויך האָט געבלאַנקט די אַליינהערשאַפט, וואָס האָט זיך געשטיצט אויפן אַדעל. די ליבעראַלע שטרעמונגען זיינען דאָ געווען בלויז דער רעזולטאַט פון צופעליקע פּאָליטישע ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן פון מערב און האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך זייער אַ שוואַכע ווענטילאַציע פאַר דער שטיקנדיקער

רוסישער אַטמאָספערע. בעת אָבער פון מערב האָט אַ בלאָז געטאָן אַ שאַרפער ווינט—דער שטורם פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט מען זיך אין רוסלאַנד שטאַרק געאיילט צו פאַרשטאָפּן אַלע שפּאַרעס, כדי איינצוהיטן זיך פון „דער פּאָליטישער אָנשטעקונג". דאָס רעגירן פון יעקאַטערינע II האָט זיך אָנגעהויבן זייער ליבעראַל און געענדיקט שטאַרק רעאַקציאָנער (1796—1789), אין דידאָזיקע רעאַקציע־יאָרן איז פאָרגעקומען דער קריזיס פון דער יידישער געשיכטע. די צווייטע און דריטע פּוילישע חלוקה האָבן איבערגעגעבן אין די הענט פון דער רוסישער רעגירונג די נייע געביטן פון וואָלין, פּאָדאָליע, און ליטע, וואָס צוזאַמען מיטן פריער פאַרייניקטן ווייסרוסלאַנד האָבן זיי געבילדעט אַן אומגעהויער גרויסע טעריטאָריע פון מערב־רוסלאַנד מיט אַ געדיכטער קאָמפּאַקטער יידישער באַפעלקערונג. לויטן וואוקס פון דערדאָזיקער טעריטאָריע ווערט קלאָר די באַציונג פון דער רוסישער רעגירונג צו איר יידישער באַפעלקערונג. עס פאַרשווינדן די פריערדיקע וואַקלעניש פון יעקאַטערינע II בנוגע דער יידנפראַגע, און עס ווייזט זיך בולט אַרויס אַ באַשטימט שטרעבן: פאַרפעסטיקן די יידישע מאַסן צו דער אַנעקסירטער טעריטאָריע, ניט געבנדיק זיי קיין צוטריט אין די אינערלעכע מלוכהגעביטן, און אויך אין די גרענעצן פון מערב־ראַיאָן באַשרייַנקען די ספערע פון זייער עקאָנאָמישער טעטיקקייט, אויסטיילן זיי פון דעם סוחריש־בירגערלאַכן שטאַנד אין אַ באַזונדערער שטייערן־גרופּע, פון וועלכער מען קען שינדן די הויט.

שוין ערב דער צווייטער חלוקה, בעת די רוסישע רעגירונג האָט פאָרגעזען אַ צופלוס פון נייע יידישע מאַסן, האָט זי פאַר זיי צוגעגרייט אַ טייערע מתנה: דאָס געזעץ וועגן „תחום המושב", וואָס האָט באַשאַפן אַ ספּעציעלן קלאַס טעריטאָריאַל פאַרפעסטיקטע שטאָט־איינוואוינער אין דער מלוכה פון דאָרפישער פאַרשקלאַפונג. אַ שטויס דערצו איז, איבעריגנס, געגעבן געוואָרן ניט פון אויבן, נאָר פון אונטן, מצד דער באַרימטער קריסטלעכער קויפמאַנשאַפט, וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר דער פרייער קאָנקורענץ און האָט אויפגעהויבן אַ ויצעקו וועגן באַלדיקן שוץ. די יידישע סוחרים פון ביידע ווייסרוסישע גובערניעס—די מאָהילעווער און פּאָלאָצקער, וואָס האָבן געגרענעצט מיט די גרויס־רוסישע סמאָלענסקער און מאָסקווער, האָבן אָנגעהויבן קומען קיין סמאָלענסק און מאָסקווע און געפירט געשעפטן אַן גראָ און דעטאַיל מיט

אויסלענדישע מאַנופאַקטור-סחורות. דער האַנדל האָט זיך גוט אַנטוויקלט, ווייל די יידישע סוחרים האָבן פאַרקויפט סחורות פון גוטער קוואַליטעט צו ביליקע פרייזן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ טומעל צווישן די מאָסקווער סוחרים און אין פעברואַר 1790 האָבן זיי דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע דעם מאָסקווער הויפּטקאָמאַנדיר אויף די יידן, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן האַנדל „צו אימפּאָרטירן פון אויסלאַנד סחורות אויף קלענערע פרייזן און דערמיט ברייגגען זיי אַ שטאַרקן שאָדן דעם אינערלאַכן מסחר.” די אָנקלאָגער האָבן אָנגעוויזן אויף די באַרימטע רוסישע טראַדיציעס פון דער מאָסקווער מלוכה, וואָס האָבן נישט אַריינגעלאָזט קיין יידן אין זייערע געביטן, און האָבן פאַרזיכערט דער מאַכט, אַז די יידישע קאָנקורענץ וועט „אונטערגראָבן” איגגאַנצן „דעם אָרטיקן האַנדל” און רואינירן די רוסישע סוחרים. דידאָזיקע אָנקלאַגע, געווענדט נישט בלויז געגן די יידן, נאָר אויך געגן די אינטערעסן פון רוסישן קאָנסומענט, וועמען עס האָבן כלומרשט עקספּלואַטירט די איינגעוואָרצלטע האַנדלס-מאָנאָפּאָליסטן, האָט געפונען אַ שטאַרקן מיטגעפיל אין די רעגירונגס-ספערן, און אין הערבסט, דעמזעלבן יאָר, בעת דער רעגירונגס-ראַט האָט באַטראַכט דעם קאָנטער-מעמאָריאַל פון די יידן מיט דער בקשה זיי צו דערלויבן זיך איינצושרייבן אין דער סמאָלענסקער און מאָסקווער קויפמאַנשאַפט, האָט מען אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די יידן דאַרף נישט געגעבן ווערן דאָס רעכט אויף פרייען האַנדל אין די אינערלאַכע גובערניעס, „ווייל פון צולאָזן זיי דערצו זעט זיך נישט אַרויס קיין שום נוצן”. אין אַ יאָר שפּעטער איז דערדאָזיקער באַשלוס פאַרפעסטיקט געוואָרן דורך יעקאַטערינע II דעקרעט, (פון 23 דעצעמבער 1791), וואו עס ווערט געזאָגט: „די יידן האָבן נישט קיין רעכט זיך איינצושרייבן אין דער קויפמאַנשאַפט פון די אינערלאַכע רוסישע שטעט און פּאָרטן, זיי איז דערלויבט זיך צו באַנוצן מיט בירגעררעכט אין ווייסרוסלאַנד”. כדי אָפּצושוואַכן דידאָזיקע שווערע גזירה, האָט דער דעקרעט „אָנדערקענט פאַר גינסטיק צו פאַרשפּרייטן דאָסדאָזיקע בירגעררעכט, אויסער אין די ווייסרוסישע גובערניעס, אויך אויף יעקאַטערינאָסלאַווער קאַנט און אין טאַווערישן געביט,” ד. ה. אויף דאָס נאָר-וואָס אַנעקסירטע ביי-רוסלאַנד, וואוהין די רעגירונג האָט דעמאָלט זייער ענערגיש אַריפגעיאָגט גרויסע מענטשנמאַסן, כדי צו באַפעלקערן די וויסטע סטעפּעס. אויף דעם אופן איז פאָרגעקומען די ערשטע יידישע פאַרשקלאַ-

פונג אין ווייסרוסלאַנד. אין צווייַ יאָר אַרום, נאָך דער צווייטער חלוקה פון פוילן, איז צום צפון-מערב פונם געטאָ צוגעקומען די שכנישע מינסקער גובערניע אין דער דרום-מערב געגנט—וואָלין מיט אַ גרויסן טייל פון קיעווער-געביט און פּאָדאָליע. דורכן דעקרעט פון 23 יוני 1794 איז סאַנקציאָנירט געוואָרן דער פאַרברייטערטער יידישער תחום-המושב. זיי איז דערלויבט געוואָרן „צו טרייבן סוחרישן און בירגערלאַכן געווערב אין מינסקער, איזיאַסלאַווסקער (שפּעטער וואָלינער) בראַצלאַווסקער (פּאָדאָליער) פּאָלאָצקער (וויטעבסקער) מאָהילעווער, קיעווער, טשערניגאָווער, נאָווגאָראָד-סיעווערסקער, יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס און אינם טאַווערישן געביט.” מיט דעם דעקרעט איז דער יידישער וואוין-ראַיאָן פאַרברייטערט געוואָרן דורך דער רוסישער אוקראַינע אָדער קליינרוסלאַנד, וואָס איז שוין לאַנג געווען אָפּגעריסן פון פוילן (טשערניגאָווער, נאָווגאָראָד-סיעווערסקער—שפּעטער פּאָלטאַווער גובערניעס און אַ טייל קיעווער), און פון וואַנען מען האָט אַזוי ענערגיש געטריבן די יידן „אין תחום אַריין” בעת דער הערשאַפט פון די דריי מלכות, די פאָרגייערינס פון יעקאַטערינע II. דער אָרגאַנישער צוזאַמענבונד פון קליינרוסלאַנד מיט דער נאָר-וואָס אַנעקסירטער פּוילישער אוקראַינע האָט געצוואונגען דער רעגירונג אַריינצולאָזן אַהין די אוראַלטע באַוואוינער פון יענער געגנט—די יידן; אַפילו די הייליקע שטאָט קיעוו האָט ברייט געעפנט פאַר זיי אירע טויערן. דער דניעפּר מיט זיינע ביידע ברעגעס איז געוואָרן דער צענטראַל-טייך פון דער „יידישער” טעריטאָריע. אין יאָר 1795, נאָך דער דריטער חלוקה פון פוילן, איז צום דניעפּר-באַסיין צוגעקומען אויך דער באַסיין פון ניעמאַן—די ליטווישע געגנט (ווילנער און גראָדנער גובערניעס). דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די פאָרמירונג פון „תחום-המושב צום סוף פון XVIII יאָרהונדערט. מזרח-רוסלאַנד איז אויך שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן, עס זאָל, חלילה, נישט אַריינדרינגען אַהין דער יידישער עלעמענט, ווי אַמאָל, אין די צייטן פון דער אַלטמאָסקווער מלוכה. אַריינגייענדיק אין צוזאַמענשטעל פון נייעם רוסלאַנד, האָט די יידישע מיליאָנען-מאַסע בשום אופן נישט געקאָנט פּאָרויסזען, אַז די פּרימיטיווע אַלטמאָסקווער פּאָליטיק פון פאַרשליסן די טירן פאַר אַ גאַנץ פאָלק וועט בלייבן איינע פון די הייליקע פּאָסטולאַטן פון רוסישן רעזשים אין פאַרלויף פונם גאַנצן XIX יאָרהונדערט און וועט איבערגיין בירושה צום XX. דערזעלבער דעקרעט פון יאָר 1794, וואָס האָט גרונטגעריכטלט

מיט אַ כינעזישער וואַנט דעם יידישן וואוין־ראַיאָן, האָט אויך פֿעסטגעשטעלט נאָך איינע אַ פּרינציפּיעלע באַגרענצונג—די שטייערפֿליכט. די יידן, וואָס האָבן זיך אין די שטעט געוואָלט איינשרייבן אינם בירגערטום אָדער אין דער קויפֿמאַנשאַפֿט, זיינען געווען פֿאַרפֿליכטעט צו צאָלן די באַשטימטע שטייערן „צוויי מאָל אַזויפֿיל, ווי די בירגער און סוחרים פֿון קריסטלעכן גלויבן"; דידאָזיקע יידן, וואָס ווען נישט מסכּים זיין צו בלייבן אין די שטעט אויף אַזעלכע באַדינגונגען, מוזן פֿאַרלאָזן די רוסישע אימפּעריע, איינצאָלנדיק פֿריער אַ געלטשטראָף—אַ דריי־יאָריקן דאָפּעלטן שטייער. אויף דעם אופֿן האָבן די יידן פֿאַר זייער בלייבן אויף די פֿריערדיקע ערטער, נאָך פֿאַרלירנדיק די רעכט פֿון פֿרייער באַוועגונג, געמוזט צאָלן דער מלוכה אַ צווייפֿאַכן שטייער, ווי די שטאָט־איינוואוינער פֿון קריסטלאַכן גלויבן, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט דער באַוועגונגס־פֿרייהייט. דידאָזיקע שטייערשטראָף האָט נישט באַפֿרייט די יידן פֿון אַ ספּעציעלן רעקרוטן־אָפּצאָל, וואָס מען האָט אַרויפֿגעלייגט אויף זיי, ווי אויף דער רוסישער קויפֿמאַנשאַפֿט, אַנשטאָט מיליטער־דינסט (די דעקרעטן פֿון 1794, 1796). פֿון צווייפֿאַכן שטייער זיינען באַפֿרייט געוואָרן די קאַראַאימער פֿון דער טאַווּרישער גובערניע, פֿאַר וועלכע עס האָט זיך משתדל געווען דער ניי־רוסישער גענעראַל־גובערנאַטאָר זובאָוו; די קאַראַאימער האָט מען אויך דערלויבט צו דערווערבן נחלאות; זיי האָט מען בכלל גלייכגעשטעלט מיט דער קריסטלאַכער באַפֿעלקערונג, „בלויז מיט דער וואָרנונג, אַז אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דידאָזיקע קאַראַאימער זאָלן נישט אַריינגיין יענע יידן, וואָס זיינען באַקאַנט אונטערן נאָמען רבנים (ראַבּיניסטן), וועגן וועלכע די פֿון אונז אַרויסגעגעבענע געזעצן מוזן אויסגעפֿירט ווערן מיט דער גרעסטער פּינקטלאַכקייט" (דער דעקרעט פֿון 8 יוני 1795). דאָ ווייזט זיך אַרויס גאַנץ דייטלאַך דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער מאָטיוו אין דער ספּעציעלער געזעצגעבונג צו באַגרענצן די יידישע רעכט: די קליינע צאָל קאַראַאימער, וואָס זיינען שוין דורותלאַנג אָפּגעריסן פֿון דער יידישער נאַציע און פֿון אירע גייסטיקע אוצרות, זיינען אָנדערקענט געוואָרן אַלס מער געוואונשענע בירגער פֿאַר דער מלוכה, ווי די ווירקלאַכע יידן, וועלכע ווערן כּסדר פֿאַרפֿאָלגט דורך פֿאַרשידענע רעפּרעסיעס.

אַן אויסגעשפּראָכענע נייגונג צו רעפּרעסיעס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעקרעט פֿון יאָר 1795, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: „צושרייבן

אַלע ייִדן, וואָס וואוינען אין די דערפער צו די שטעט און זיך באַזעצן. מיען זיי איבערצופירן אין די קרייזשטעדט, כדי די ייִדישע מענטשן זאָלן זיך נישט אַרומשלעפן צום שאָדן פאַר דער געזעלשאַפט, נאָר, פירנדיק האַנדל און פאַרגרעסערנדיק די האַנדאַרבעט און מלאָכה, זאָלן זיי שאַפן פאַר זיך פאַרדינסטן און נוצן פאַר דער געזעלשאַפט". דערמיט איז סאַנקציאָנירט געוואָרן דער לאַנג פּראַקטיקירטער ווילקיר פון דער אַדמיניסטראַציע, וואָס פלעגט אָפט אַרויסטרייבן די ייִדן פון די דערפער און די שטעט מיטן אויסרייד, אַז די ייִדן זייַנען צוגעשריבן אויסשליסלאַך צום שטעטישן שטאַנד. די פאַמיליעס, וואָס מען פלעגט אויף דעם אופן אַרויסיאָגן פון די דערפער, פלעגן בלייבן אָן ברויט און איגנאַנצן רואינירט ווערן, נישט האָבנדיק קיין שום מעגלעכקייט אויפן בלויזן באַפעל פון דער מאַכט „צו פאַרמערן די האַנדאַרבעט און מלאכה און פירן האַנדל" דאָרט, וואו פאַר די פאַקטישע הענדלער און בעלי-מלאכות האָט קיין ברויט נישט געעקזיסטירט. דאָס סיסטעם פון דער מאַכט-אַפּוטרופּסות האָט בלויז געקאָנט פאַראַליזירן, אָבער נישט אַנטוויקלען די עקאָנאָמישע טעטיקקייט פון די ייִדן. דאָס איז געווען דאָס עסטרייכישע סיסטעם פון יוזעף II, וואָס די רוסישע קייזערן האָט אַזוי דייטלאַך קאָפּירט.

עס זייַנען געמאַכט געוואָרן פּראָבעס צו פאַרשפּרייטן די ייִדישע אַפּוטרופּסות אויך אויף דער זעלבספאַרוואַלטונג פון דער קהילה. אין יאָר 1795 האָט מען איבערגעחזרט דעם באַפעל, לויט וועלכן די גובערניאַלע און קרייז-קהילות פאַרלירן—אויפן גרונט פון די באַקומענע רעכט זיך צו באַטייליקן אין דער געמיינזאַמער שטאָטישער זעלבספאַרוואַלטונג—אין די מאַגיסטראַטן און ראַטהייזער זייערע געזעלשאַפטלאַך-געריכטלאַכע פונקציעס, און „טאָרן זיך נישט באַשעפטיקן מיט קיין אַנדערע, נאָר מיט געזעצלאַכע און רעליגיעזע פראַגן."

באמת איז אָבער דער אָנטייל פון די ייִדן אין די מוניציפּאַלי-טעטן געווען זייער שוואַך, צוליב דער גרויסער פייַנטשאַפט צו די ייִדן מצד דעם קריסטלאַכן בירגערטום. די קהלס, אָבער, אויף וועלכע די רע-גירונג האָט אַרויפגעלייגט פּראָוואָקאַטאָרישע פונקציעס, האָבן זיך גע-האַלטן צוליב די רעגירונגס-אינטערעסן, און אַ דאַנק די ייִדישע פליכטן האָבן זיי אויך ווייטער פונקציאָנירט אַלס אָרגאַנען פון דער ייִדי-שער געמיינדע-אויטאָנאָמיע, כאָטש אַרומגעשניטן און דעזאָרגאַניזירט.

אויף דעם אופן איז אין די לעצטע יאָרן פון יעקאַטערינע II אויסשליסלאַכפאַדרערער רעגירונג געלעגט געוואָרן אַ פעסטער פונדאַמענט געזעצגעבונג וועגן די יידן. עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די מאָסק־ווער וואַנט צווישן מערב-און מזרח-רוסלאַנד, און אין דער אָפּגעשלאָסענער טעריטאָריע איז אָנגעמערקט געוואָרן אַ טענדענץ צו שאַפן נאָך אַ שמעלערע און אויפצושטיקן די יידישע מאַסן אין די שטעט און שטעטלאַך, אַרויסשטופנדיק זיי פון די דערפער. צו רעאַליזירן דידאָזיקע טענדענץ אַלס געזעץ איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון יעקאַטערינע II נאָכפאָלגער.

דער היסטאָריקער טאָר אָבער אויך נישט פאַרשווייגן מכּוח דער איינציקער „רעפאָרם” פון יענער עפּאָכע: פון די געזעצגעבערישע אַקטן פאַר די לעצטע צען יאָר פון יעקאַטערינעס רעגירונג איז פאַרשוואונדן דער פריער באַנוצטער פאַראַכטונגס-רוף „זשידעס” און פאַרביטן געוואָרן מיטן וואָרט „העברעער”, „יידן”. ווייטער פון דערדאָזיקער „וואָרטרעפאָרם” איז רוסלאַנד נישט אַוועקגעגאַנגען.

**די הערשאַפט פון פּאַוול I.**

דאָס סיסטעם פון האַרטער אַפּוטרופּסות האָט זיך געהאַלטן אויך אין משך פון דער קורצער הערשאַפט פון פּאַוול I (1796—1801) די טעריטאָריע פון יידישן תּחום-המושב האָט זיך דעמאָלט פאַרגרעסערט נאָך מיט איין קאַנט-גובערניע, מיט קורלאַנד. אין קורלאַנדער הערצאָגטום, וואָס איז אין יאָר 1795 אַריבער צו רוסלאַנד, האָבן געוואוינט עטלאַכע טויזנט יידן, „געדולדעטע” לויטן דייטשן שטייגער אַלס אויסלענדער, וואָס האָבן זיך בלויז טיילווייז דערשלאָגן צו אַ געמיינדע-אויטאָנאָמיע. עס איז אַנטשטאַנען אַ פראַגע: ווי זאָל מען אויפמאָנען די רעגירונגס-שטייערן פון וואַנדער-הענדלער, וואָס האָבן אויסגעמאַכט דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג און זיינען נישט געווען צוגעשריבן נישט צו די אַלגעמיינע שטעטישע, נישט צו די דאָרפישע שטאַנדן און אויך נישט צו די יידישע געמיינדעס? אין יאָר 1799 האָט די רוסישע רעגירונג געלעזט דידאָזיקע פראַגע: אַוועקצושטעלן די קורלענדער יידן אין דער לאַגע פון זייערע שטאַמברידער אין די איבעריקע מערב-גובערניעס, געבנדיק זיי דאָס רעכט זיך צוצושרייבן צום סוחריש-בירגערלאַכן שטאַנד און אָרגאַניזירן קהלס. די פּראָוואָקאַציע-אינטערעסן

האָבן דאָסמאָל געגעבן דעם שטויס צו דער געמיינדע-אָרגאַניזאַציע פון די יידישע מאַסן אין דער מלוכה פון די דייטשע באַראָנען.

צונויפגעדריקט אין דער מערב־געגנט, האָט די יידישע באַפעלקערונג לכל הפחות געהאַט די באַוועגונגס-פרייהייט אין די שטעדט-געביטן פון דערדאָזיקער געגנט גופא. מיטן עלעמענטאַרן איבערוואַנדערונגס-רעכט האָבן זיך באַנוצט אַ סך אין פאַראָרעמטן ווייסרוסלאַנד און האָבן איבערגעוואַנדערט אין די רייכערע קליינרוסישע גובערניעס, וועלכע זיינען געווען ווייניקער באַזעצט פון יידן, איבערהויפט אין נאָווגאָראָד־סיעווערסקער גובערניע (שפּעטער פּאָלטאַווער). די רעגירונג האָט באַמערקט דידאָזיקע אינערלאַכע עמיגראַציע און האָט זי נישט איבערגעלאָזט אָן איר שטרענגער אַפּוטרופּסות: סוחרים איז דערלויבן געווען צו עמיגרירן פון ווייסרוסלאַנד קיין קליינרוסלאַנד אומגעשטערט; בירגער אָבער איז דערלויבט געווען די עמיגראַציע בלויז אויף די באַדינגונגען, וועלכע זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן פאַר אַלע פּערזאָנען פון שטייערנשטאַנד ד. ה. אויפן גרונט פון אַן אויספּורשיין. (דעצעמבער 1796).

אָרעם אין זין פון געזעצגעבערישן שאַפן, האָט זיך די הערשאַפט פון פּאַוול I אַרויסגעוויזן זייער רייך אין דער צוגרייטונגס-סטאַדיע צום דאָזיקן שאַפן: יענע עפּאָכע איז רייך מיט רעגולאַמינס-פּראָיעקטן וועגן יידישן לעבן אויפן גרונט פון אָפיציעלע „פאָרשונגען”. אין די לעצטע יאָרן פון 18 יאָרהונדערט גייט אַ מין פיבערהאַפטע קאַנצעלאַריע־אַרבעט אין דערדאָזיקער ריכטונג: די רעגירונג באַקענט זיך מיטן צו־שטאַנד פון די נאָר-וואָס אַנעקסירטע פּוילישע פּראָווינצן בכלל און מיט דער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג בפרט. די באַקאַנטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן דורך אַן אַנקעטע ביים אַדעל און ביי דער העכערער אַדמיניסטראַציע אויף די ערטער. אין יאָר 1797 איז דער מאָטיווירצו געווען דער מעמאָריאַל מכּחן הונגער אין מינסקער גובערניע. פון פּעטערבורג האָט מען פאַראָרדענט דעם מינסקער גובערנאַטאָר קאַרעיעוו, אַז נאָכן אויסהערן די מיינונגען פון די אָרטיקע „מאַרשאַלן” אָדער פון די אַדעלס-אָנפירער, זאָל ער צושטעלן „אַ דערקלערונג וועגן די סבות פון שלעכטן צושטאַנד פון די אָרעמע פויערים” און אַ פּראָיעקט ווי אַזוי דידאָזיקע לאַגע אויסצובעסערן. דער חכמהדיקער באַשלוס צו פּרעגן ביי די גוטסבאַזיצער מכּח די אָרעמקייט-סבות פון זייערע פויערים-שקלאַפן — האָט געבראַכט די געהעריקע פּרוכט. די פּוילישע

מאַגנאַטן-מאַרשאַלקעס, וואָס זיינען זיך צונויפגעפאָרן קיין מינסק, האָבן, באַטירלאַך, נישט באַשולדיקט זיך גופא און זייער שטאַנד פון שקלאַפן-אייגנטימער אין דער אָרעמקייט פון די פאַרקנעכטעטע פויערים, נאָר האָבן געוואָרפן די שולד פון איין זייט אויף די אויסערלאַכע פאַרהעלטענישן (די „איבערקערענישן און די רעוואָלוציעס אין לאַנד", די נישט געראָטענישן פון די תבואות, דער שלעכטער צושטאַנד פון די וועגן א. אַז. וו.) און פון דער צווייטער זייט—אויף די יידן, וואָס ווערן „אויפגעהאַלטן דורך די דאָרפאייגנטימער אויף די אַרענדעס און אין די שיינקען געגן די באַפעלן פון דער מאַכט, וואָס שרייבט זיי פאָר צו לעבן אויסשליסלאַך אין די שטעט. די יידן-שיינקערס, וואָס וואוינען אין די דערפער, „ברייגען—לויט דער מיינונג פון די אַדעליקע—די פויערים צו שכרות, פאַרקויפנדיק זיי בראָנפן אויף קרעדיט און „מאַכן זיי אומפעהיק צוווירטשאַפט." כדי צו ראַטעווען די פויערים, מוז באַשטעטיקט ווערן, אַז ברויזעריי איז דערלויבט נאָר די גוטסבאַזיצער, און יידן, ווי אַנדערע שיינקער און אַרענדאַטאָרן איז עס שטרייננג פאַרווערט," און אַז אין די דאָרפישע שיינקען מעגן „בלויז די גוטסבאַזיצער גופא פאַרקויפן הייסן שפּירט." דאָס האָט געהייסן: אַז דאָס פויערטום וועט בליען און ווערן „פעהיק צו ווירטשאַפט", אויב עס וועט טרינקען פריצישן בראָנפן, אָבער נישט קיין יידישן... מען האָט נישט געדאַרפט דערצו קיין גרויסן מלוכה-שכל, כדי צו זען דעם אמתן אונטערשלאַג פון דער פריצישער „מיינונג" פון די, וואָס האָבן זיך משתדל געווען צו בלייבן ביי זייער בראָנפן-מאָנאָפּאָל (דאָס פוילישע „פּראָפּינאַציע"-רעכט),—און נישט קוקנדיק דערויף, איז דידאָזיקע מיינונג דורכן מינסקער גובערנאַטאָר פאָרגעשטעלט געוואָרן דעם קייזער, וועלכער האָט געלעגט אַ רעזאָלוציע:

„אָננעמען געזעצן לויט די הנחות פון די אַדעליקע מאַרשאַלן צו באַגרענעצן די רעכט פון די יידן, וועלכע רואינירן די פויערים" (דעם 28 יולי 1797). אין דערזעלבער צייט האָט זיך דער סענאַט דערמאָנט אָן יעקאַטערינעס דעקרעט, זיך צו „באַמיען" אַריבערצופירן די יידן אין די קרייזשטעט, כדי „דידאָזיקע מענטשן זאָלן זיך נישט אַרומשלעפּן צום שאָדן פאַר דער געזעלשאַפט". דאָס איז געווען „אַ פריידע בראַמאָטע" אויף אַרויסצוטרייבן יידן פון די דערפער.

אין יאָר 1798 איז געקומען די צייט אָנצופרעגן ביים אַדעל פון

וואָלין און פאָדאָליע מכה זייערע וואונשן לטובת דעם פאָטערלאַנד. אויפן צוזאַמענפאָר אין קאַמענעץ האָבן די מאַרשאַלקעס פון פאָדאָליער גובערניע נאָך אויסגעאַרבעט אַ ברייטערן „רעפאָרמען"-פּלאַן, ווי זייערע מינסקער חברים. אויסדריקנדיק דעם קייזער זייער דאַנק „פאַר זיין מאַיעסטעטישן חסד פון איבערלאָזן זיי דאָס פּראָפּינאַציע-אייגנטום", פאָדערט דער אַדל, אַז „נישט ברויזעריי, נישט פּראָפּינאַציע-אַרענדע זאָל אין קיין שום שטעטל און דאָרף נישט אָפּגעגעבן ווערן אין אַרענדע נישט בלויז יידן, נאָר אַפילו קריסטן אויך נישט" און מען זאָל איבערלאָזן די „פרייהייט" פאַר די אַדעליקע צו באַנוצן זיך מיט מענטשן אין די שיינקען, ווי זייער האַרץ וועט גלוסטן. פאַרזיכערנדיק זיך מיטן מאָנאָפּאָל אָנגעשפּורן דאָס פאָלק דורך אייגענע שיינקערס, לייגן פאַר די אַדלליט צו מאַכן דעם גרעסטן טייל יידן פאַר אָנגעשמועלטע פון עקספּאָרטירן לאַנדווירטשאַפטלאַכע, ד. ה. פּריצישע פּראָדוקטן קיין אויסלאַנד, „פון וואַנען דער סוחרישער ריוח וועט אַריבערגיין צו די ערדאַרבעטער (?) און צום אַדל" און די איבעריקע יידן טיילווייז „איבערלאָזן ביי די פּריצים פאַר די שיינקען", טיילווייז צווינגען „צו ערדאַרבעט און מלאכה". דידאָזיקע גלענצנדיקע פּערספּעקטיוו — צו פאַרוואַנדלען די יידן אין פּריצישע באַדינטע פאַרן עקספּאָרט פון די לאַנדווירטשאַפטלאַכע פּראָדוקטן און פאַרן פאַרקויף פון אויסשליסלאַך פּריצישן בראָנפן — האָט, ווי עס שיינט, נישט געשמעקט די יידן גופא. צורודערט דורך די פּריצישע איינפאַלן, האָבן די יידן אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען, צונויפגערופן זאָגאַר אַ דעלעגאַטן-צוזאַמענפאָר אין אָסטראָוואָלינסק (זומער אין 1798) און באַשלאָסן: צונויפזאַמלען געלט און שיקן קיין פּעטערבורג אַ דעפּוטאַציע צום קייזער, וואָס זאָל איבערגעבן די באַדערפענישן און וואונשן פון די יידן אין דרום-מערב-קאַנט, וועלכע מען האָט לגמרי פאַרגעסן צו פרעגן, ווי אַזוי ווילן זיי, מען זאָל זיי איינאָרדנען.

דער דרום-מערבדיקער גענעראַל-גובערנאַטאָר, גראַף גודאָוויטש איז אָבער „בסוד" דערגאַנגען מכח די יידישע הכנות. אַלס ווייטזיכטיקער פאָליטיקער, האָט ער מורא געהאַט, צי שטעקט נישט אַמאָל אין דערדאָזיקער זאַמלונג (געלט פאַר דער דעפּוטאַציע) עפּיס אַ מין „יידישער שווינדל", און דעריבער האָט ער דאָס געזאַמלטע געלט קאָנפיסקירט, די ווייטערדיקע זאַמלונג פאַרבאָטן און זיך שטאַרק געאייפ-

מודיע צו זיין מכח זיין גרויסער העלדנטאַט קיין פעטערבורג, ווי גרויס איז אָבער געווען די התפעלות פונם דאָזיקן העלדישן גענעראַל-גובערנאַטאָר, בשעת פון דער הויפטשטאָט איז אָנגעקומען אַן ענטפער, אַז דער קייזער געפינט נישט קיין שום חטא אין דעם וואונש פון די יידן, צו שיקן אים אַ דעפוטאַציע, און דעריבער באַפעלט ער אומצוקערן דאָס קאָנפיסקירטע געלט און דערלויבן שיקן די דעפוטאַציע (סעפטעמבער 1798).

צי איז די דאָזיקע דעפוטאַציע געפאָרן קיין פעטערבורג, צי האָט זי געבראַכט וועלכע עס איז רעזולטאַטן — איז נישט באַוואוסט; אָבער עס איז וויכטיק דער פאַקט גופא, אַז אַפילו אין יענער פינסטערער עפּאָכע, אין דער אָבסקוראַנטער חסידישער סביבה, איז נישט געווען איגנאָרירט פאַרטויבט דאָס באַוואוסטזיין וועגן דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן קריזיס, וואָס עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען. דער לעצטער האָט זיך אָפּגערופן אויף דער רעגירונגס-אַנקעטע דער ליטווישער אַדעל. די מאַרשאַלקעס פון די 19 ליטווישע פּאָוויאַטן האָבן אין יאָר 1800 פאָרגעשטעלט דעם ווילנער גובערנאַטאָר פריזעלן זייער „מיינונג", וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער באַראַטונג מיט אַלע שטימען געגן דריי. בלויז דריי מאַרשאַלקעס האָבן פאָרגעלייגט צו לאָזן די יידן אין פריערדיקן צושטאַנד, וואָס האָט עקזיסטירט פאַרן פוילישן רעזשים; אַלע איבעריקע האָבן אָבער אויסגעאַרבעט אַ „רעפאָרם"-פּלאַן נאָך אַ סך אַ שאַרפערן, ווי דער מינסקער און פּאָדאָליער אַדל. די יידן דאַרף מען פאַרווערן נישט נאָר ברויזעריי און האַלטן אייגענע שיינקען, נאָר אַפילו דאָס פאַרקויפן בראָנפן „אין די פּריציש שיינקען"; די יידישע דאָרפישע באַפעלקערונג, וואָס וועט אויף דעם אופן פאַרלירן אירע עקזיסטענץ-מעגלעכקייטן, דאַרף מען טיילווייז איבערפירן אין די שטעט, טיילווייז „באַזעצן אין די מלוכהשע און פּריצישע דערפער, וואו מען זאָל זיי דערלויבן זיך פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט, פאַכטן און אַרענדירן גיטער. צוזאַמען מיט די עקאָנאָמישער רעפאָרם דאַרף אויך דורכגעפירט ווערן אַן אינערלעכע רעפאָרם פון דער גאַנצער יידישער לעבנסאַרט: „מען מוז פאַרניכטן די יידישע קליידונג און איינפירן צווישן זיי דעמזעלבן בגד, וואָס עס טראָגן די איבעריקע לאַנדבאַוואוינער." אויסערדעם, מוז מען בכלל פאַרניכטן דעם יידישן סעפּאַראַטיזם, ווייל פאַרשטעלנדיק מיט זיך אַ באַזונדער פאָלק, האָבן די יידן זייער אייגענע פאַרוואַלטונג... און אונטערן נאָמען פון סינאַגאָגע און קהלס באַנוגענען זיי זיך נישט בלויז מיט

אַ גייסטיקער, הערשאַפט, נאָר מישן זיך אויך אַריין אין אַלע בירגער־לאַכע און אַפילו פּאָליצייאישע אָנגעלעגנהייטן." דאָס אַלץ וועט צווינגען די יידן זיך צונויפצוגיסן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג.—דער „רעפאָרמאַטאָרישער" אייפער פון ליטווישן אַדל, וואָס האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שיינק־פראַגע צו לעזן אויך די פראַגע מכּח דער קהל־אויטאָנאָמיע, איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן איינפלוס פון אויסן. דער ווילנער גובערנאַטאָר פריזעל, אַ געבילדעטער דייטש, גוט באַקאַנט מיט דער שטעלונג צו דער יידישער פראַגע אין דייטשלאַנד, האָט אָנגעקניפּט באַציונגען מיט די ליטווישע מאַרשאַלקעס, און אונטערגערוקט זיי דעם פּלאַן פון אינערלאַכע רעפאָרמען.

אין אַפּריל 1800, האָט ער איבערגעשיקט דידאָזיקע מיינונגען אין סענאַט, צוגעבנדיק צו זיי אַן אייגענעם ברייטן מעמאָריאַל, וואו ער האָט אַריינגענומען זייער פיל פון די פּראָיעקטן פון פּוילישן פיר־יאָריקן סיים. פריזעל האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַן „אַלגעמיינער רעפאָרם" און האָט זיך זאָגאַר באַצויגן אויף די ביישפּילן פון מערב; אָבער פון דידאָזיקע ביישפּילן האָט ער אויסגעקליבן די ערגסטע פאָרמען פון „קולטורעלן אַבסאָלוטיזם". לויט זיין מיינונג, דאַרף מען די „בילדונג פון יידישן פאָלק אָנהויבן פון דער רעליגיע": מען מוז אויסוואָרצלען אַלע סעקטן, דעם אָבערגלויבן, שטרייננג פאַרבאָטן אריינצופירן וועלכע עס איז נייסן, דורך וועלכע די „פעלשער" פאַרפירן די מאַסן און רופן נאָר אַרויס אַ גרעסערע פיג־סטערניש" (אַ וואונק אויפן חסידיזם און די צדיקים, וואָס דער קאַמף געגן זיי האָט דעמאָלט שטאַרק באַשעפטיקט די רוסישע רעגירונג); דערצו דאַרף מען אויך צווינגען די יידן אָפּצוגעבן זייערע קינדער אין די „עפענטלאַכע שולן", פירן אַלע עסקים אין דער פּוילישער שפּראַך, טראָגן דיזעלבע קליידונג ווי אַלע, חתונה האָבן נישט פריער ווי צו 20 יאָר. אויסערדעם, מוז מען צושרייבן די יידן צו דריי קלאַסן: סוחרים, האַנדווערקער און ערדאַרבעטער, אַריינפירן דידאָזיקע דריי קלאַסן אין דער געמיינזאַמער שטאַנדנאָרדנונג פון דער מלוכה און פּטור ווערן אויף דעם אופן פון די קהלשע שטייער־טובות,—אַלס קאָנזעקווענץ פון דעם אַלעם וועט שוין די יידישע אויטאָנאָמיע במילא פון זיך אַליין בטל ווערן.

דידאָזיקע אַלע מיינונגען פון די אַדלפאָרשטייער און די פּראַ־

יעקבן פון די גובערנאַטאָרן ויינען אין פרילינג פון יאָר 1800 אָנגעקו-מען אין סענאַט, וואָס האָט זיי גענאַרפט איבערקוקן אַלס מאַטעריאַל צו אַ נייעם געזעצגעבערישן אַקט אָדער צו „הנהגות". דאָ האָט זיך מיט זיי באַקענט דער סענאַטאָר ג. ר. דערזשאַווין, דער באַרימטער רוסי-שער דיכטער, וועלכער איז באַלד, גאָר אומגעריכט, געוואָרן אַ „ספּע-ציאַליסט" אין דער יידנפראַגע. געבאָרן אין ווייטן מזרח-קאַנט פון רוס-לאַנד און פאַרבריינגענדיק דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין די פּע-טערבורגער קאַנצעלאַריעס, האָט דערזשאַווין דאָס ערשטע מאָל דערזען די יידישע מאַסע אין דעם ווייסרוסישן שטעטל שקלאָוו, וואוהין מען האָט אים אין יאָר 1799 קאָמאַנדירט מכח דעם ענין פון דעם שטעטל-אייגנ-טימער, דעם דימיסיאָנירטן גענעראַל זאָריטש. איינער פון די גע-וועזענע יעקאַטערינעס פאַוואָריטן, האָט דער גענעראַל זאָריטש געפירט אין זיין שטעטל שקלאָוו אַן אויסגעלאַסן, פאַרשווענדעריש לעבן פון אַ גוטסבאַזיצער אַ סאַטראַפּ. זיין ברייטער רוסישער פאַרנעם האָט אויך פאַרטשעפּעט די גרויסע יידישע באַפעלקערונג פון שטעטל. זאָריטש האָט זיך איינגערעדט, אַז די יידן, וואָס וואוינען אויף זיין ערד, זיי-נען זיינע קנעכט אַזוי ווי די פּויערים און איז זיך מיט זיי באַגאַנגען אין גייסט פון דער דעמאָלטיקער פאַרשקלאַפונג: אַ סך יידן האָט ער פון שטעטל אַרויסגעטריבן און צוגענומען זייערע הייזער, אַנדערע האָט ער מיט זיינע אייגענע הענט געשלאָגן, ביי נאָך אַנדערע קאָנפיסקירט די געטראַנקען. די יידישע אָנקלאַגעס אויף דערדאָזיקער פּראָבע זיי צו פאַרשקלאַפן האָט אַרויסגערופן קיין שקלאָוו די שליחות פון סענאַטאָר דערזשאַווין, וועלכן פּאַוועל I האָט איבערגעגעבן צו צוימען דעם וויל-קיר פונם צעווילדעוועטן גוטסבאַזיצער. אַ פאַרשקלאַפער אַ פריץ לויט זיין פּסיכאָלאָגיע, האָט זיך דערזשאַווין זייער לייכט באַצויגן צו זאָ-ריטשעס ווילדע מעשים און האָט אָנדערקענט, אַז אויך די יידן זיינען שולדיק אין די פאָרגעקומענע אומאָרדנונגען. צוליב זאָריטשעס טויט איז דער גאַנצער ענין סקאַסירט געוואָרן, אָבער אין פּרינציפּ האָט דער סענאַט באַשלאָסן, אַז די יידן, וואָס געהערן צום סוחרישן און בירגער-לאַכן שטאַנד, זיינען נישט מחויב זיך אונטערצוװאַרפן די פּריציש ע אייגנטימער פון די שטעטלאַך און דערפער.

אין אַ יאָר שפּעטער נאָך דער ערשטער שליחות האָט מען דער-זשאַווינען ווידער קאָמאַנדירט קיין ווייסרוסלאַנד—דאָסמאָל מיט זייער

בריטע פולמאכטן. אין לאנד האט געהערשט אַ שרעקלאַכער הונגער, וואס איז אַרויסגערופן געוואָרן נישט בלויז דורך דעם אומגערעניש, נאָר אויך דורך דער ווילדער אויפפירונג פון די גוטסבאַזיצער: דידאָזיקע אַדונים האָבן געלאָזן זייערע פויערים אָן ברויט, פלעגן עקספּאָרטירן גרויסע תבואות-טראַנספּאָרטן אָדער אַוועקפירן די תבואות אין זייערע ברויזן, וואו מען האט פאַבריצירט פאַר די פויערים דעם גיפטיקן בראָנפן.

אוועקשיקנדיק דערזשאַווינען קיין ווייסרוסלאַנד, האט אים דער קייזער פּאַוול באַפולמעכטיקט אָפּצושאַפן די מיסברויכן און שטריינג באַשטראָפן די גוטסבאַזיצער, וואס „צוליב זייער צו שטאַרקן אייגננוץ לאָזן זיי זייערע פויערים אָן הילף", אָפּנעמען ביי זיי די גיטער און איבערגעבן זיי אונטער אַן אויפזיכט (16 יולי 1800). אין דער דערגענצונגס-אינסטרוקציע צו דערזשאַווינען פון איליאַנאָוון, דעם גענעראַל-פּראָקוראָר פון סענאַט, איז צוגעגעבן געוואָרן פאָלגענדיקער פונקט: „און אַזוי ווי לויט געוויסע ידיעות, זיינען די זשידעס נישט ווייניק שולדיק אין דער שרעקלאַכער אויסגעמאַטערטקייט פון די פויערים, איז דער העכסטער וואונש פון זיין מאַיעסטעט דעם קייזער, אַז אייער הויכוואוילגעבוירן זאָל ווענדן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אויסצופאָרשן זייערע געשעפטן און אַרויסזאָגן אייער מיינונג, אויף וואס פאַר אַן אופן אָפּצוווענדן דעם אַלגעמיינעם שאָדן, וואס זיי, די זשידעס ברייגגען."

דידאָזיקע אויסגעשפּראָכענע יידנפיינטלאַכע הוספה, וואס איז געמאַכט געוואָרן נישט אָן דערזשאַווינס אָנטייל אָדער, לכל-הדעות, מיט זיין הסכמה, האט געהאַט דעם צוועק אָפּצושוואַכן דעם קלאַפּ געגן די גוטסבאַזיצער און אַ דריי טאָן אים געגן די יידן.

מיט דער רעוויזיע אין ווייסרוסלאַנד האט זיך דערזשאַווין גיך אָפּגעפּאַרטיקט: ער האט גענומען אונטערן שוץ דאס גוט פון פוילישן מאַגנאַט אָגינסקי, האט פּערזענלאַך פאַרמאַכט אַ יידישן ברויז אין שטעטעליאָזנע (די רעזידענץ פון באַרימטן צדיק זלמן שנייערסאָן), וואו ער האט זיך דערביי אַזוי ענערגיש אויפגעפירט, אַז אַ יידישע פרוי האט אויף אים דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע, אַז ער האט זי געשלאָגן. באַכן „צוריקשטעלן די אָרדנונג" האט זיך דערזשאַווין גענומען דערפאַר, וואס ער האט געהאַלטן פאַר זיין הויפּט-אויפגאַבע—אויפשטעלן אַ געגנויען מעמאָריאַל וועגן די יידן אונטערן כאַראַקטעריסטישן טיטל: „די מיינונג פון סענאַטאָר דערזשאַווין ווי אַזוי צו סקאַסירן אין ווייסרוסלאַנד

דעם ברויט-מאַנגל דורכן באַגרענעצן די אייגנגוציקע יידישע געווערבן,
דורך איבערצאַנדערשן זיי אינגאַנצן א. אַז. ו.״ שוין אין טיטל גופא
פילט זיך שטאַרק די גרונטטענדענץ: אַרויפצוואַרפן אויף די יידן די
פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר די עקאָנאָמישע אומרוען אין לאַנד, וואו די
בעלי-בתים פון דער לאַגע זיינען געווען די גוטסבאַזיצער. אָבער דער-
זשאַווין האָט זיך זישט באַנוגענט בלויז מיטן אָפשאַצן די עקאָנאָמישע
טעטיקקייט פון די יידן: ער האָט אויך געוואָלט שילדערן זייער אי-
בערלאַך לעבן, זייער גלויבן, דערציונג און אונטערריכט, די קהל-אָרד-
נונגען, „דעם מאָראַלישן צושטאַנד״. צו דעם צוועק האָט ער אויסגע-
נוצט די פאַרשידנאַרטיקסטע קוועלן. צוזאַמענשטעלנדיק זיין מעמאָריאַל
אין וויטעבסק, אין הערבסט אין יאָר 1800, האָט ער דאָרט געזאַמלט
ידיעות וועגן יידן צווישן דעם יידנפיינטלאַכן בירגערטום און קויפ-
מאַנשאַפט, צווישן די „געלערטע״ פעדאַגאָגן פון יעזואיטן-קאָלעגיום,
אין די רעגירונגסאינסטיטוציעס און אַפילו ביי „די קאָזאַקן גופא״. אי-
בעריגנס, האָט דערזשאַווין אויך געהאַט אונטערן האַנט צוויי פּראָיעקטן
פון „געבילדעטע יידן״. דער מחבר פון איין פּראָיעקט, אַ רייכער סוחר,
דער געוועזענער פּאָדריאַדטשיק פון פּאָטיאָמקינס אַרמיי — נאָטע
שקלאָווער, וואָס האָט אין יענע יאָרן געוואוינט אין פּעטערבורג און
געקענט די שטימונג פון די רעגירונגסספערן, האָט פאָרגעלייגט צוצוציען
די יידן צום פאַבריקס-געווערב, וואָס דאַרף איינגעפירט ווערן אין צוזאַ-
מענהאַנג מיט ערדאַרבעט און פיצוכט אין ספעציעל פאַר יידן באַ-
שטימטע קאָלאָניעס, „נאָנט ביי די פּאָרטן פון שוואַרצן ים״. דער צוויי-
טער פּראָיעקטשטעלער, דער דאָקטאָר פראַנק פון קרעסלאַווקי (וויטעבס-
קער גובערניע) — ווי עס שיינט אַ דייטשער ייד פון מענדעלסאָנס אָנ-
הענגער — האָט דורך דערזשאַווינען געמאַכט אַ פאָרשלאָג, דער
רעגירונג צו רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע, וואָס „אין איר
פּרימיטיווער, אורשפּרינגלאַכער ריינקייט באַזירט זי אויפן פשוטן דעאיזם
(דער גלויבן אין גאָט אויפן גרונט פון פאַרשטאַנד) און אויף די פאָ-
דערונגען פון ריינער מאָראַל״, אָבער אין משך פון דער צייט איז זי
פאַרקריפּעלט געוואָרן „דורך די נאַרישקייטן פון תלמוד״; לויט פראַנקס
מיינונג דאַרף אויך רוסלאַנד גיין אין מענדעלסאָנס וועגן, עפענען פאַר
יידן געזעלשאַפטלאַכע שולן, וואו די יוגנט זאָל לערנען רוסיש, דייטש
און העברעאיש, — און דער געבילדעטער ייד וועט שוין זיכער זיין נוצ-

לאַך פאַר דער מלוכה. אויסער דידאָזיקע פראָיעקטן, האָט דערזשאַווין אויך געהאַט אין זיין רשות צוויי מוסטערן פון די פרייסישע „יידן־רעגולאַמינס", די אויבנדערמאָנטע מיינונגען פון די מערבֿרוסישע מאַרשאַלקעס און גובערנאַטאָרן א. אַז. וו. אויפן גרונט פון דעמדאָזיקן מאַטעריאַל האָט דער באַאַמטער, וועלכער האָט געזען די יידן בלויז אויף זיין דורכרייזע איבער ווייסרוסלאַנד, באַשלאָסן צונויפצושטעלן אַ געניטע „מיינונג" מכּח דעם איבערבוי פון יידישן לעבן.

דאָס פינסטערע בילד פון יידישן לעבן, וואָס דערזשאַווין האָט פאָרגעשטעלט, באַווייזט די איבערפלעכלאַכע באַקאַנטשאַפט פון פאָעט מיט דעם ענין, וועגן וועלכן ער שילדערט; זיין אָפּשאַצן די דערשיינונגען איבעראַשט פשוט מיט דער שרעקלאַכער נאַאיוויטעט. די יידישע באַשעפטיקונגען: האַנדל, אַרענדע, שיינקערײ, פאַקטאָרײ — זיינען בלויז „ראַפינירטע מיטלען" כּדי כּלומרש אונטער דער מאַסקע פון טובֿות און חסדים פאַר די מיטמענטשן, צו עקספּלואַטירן זייער פאַרמעגן." די יידישע שולע איז „אַ נעסט פון אַבערגלויבן"; קיין מאָראַליש געפיל האָבן די יידן בכּלל נישט: זיי האָבן נישט קיין שום באַגריף וועגן מענטשנליבע, אפּפּערווילקקייט און אַנדערע גוטע מדות; „זיי זאַמלען בלויז רייכטימער כּדי אויסצובויען אַ נייעם בית־המקדש אָדער כּדי צו באַפרידיקן די פיזישע (?) תּאוות" נאָך אַזאַ משונהדיקער כאַראַקטעריסטיק אַנטוויקלט דערזשאַווין זיין ברייטן פראָיעקט (88 פּונקטן) „מכּח די יידישע רעפאָרמען", מען מוז אַוועקשטעלן די יידן אונטערן „אַלערהעכסטן שוץ" און אונטער אַן „אַפּוטרופּסות" און באַשטימען איבער זיי אַ ספּעציעלן „פּראָטעקטאָר", אַ קריסטלאַכן באַאַמטן, וואָס זאָל מיט דער הילף פון ספּעציעלע גובערניע־קאָמיסיעס פאַרווירקלאַכן דעמדאָזיקן רעפאָרמען־פּראָיעקט; דורכפירן אַ סטאַטיסטיק פון די יידן און געבן זיי פאַמיליענעמען; צוטיילן די יידן אויף פיר קלאַסן: סוחרים, שטאָטבירגער, דאָרפבירגער און ערדאַרבעטער און פאַרפליכטן יעדן זיך צוצושרייבן צו וועלכן עס איז קלאַס; דידאָזיקע גאַנצע מאַסע דאַרף מען פונאַנדערשיקן איבער די פאַרשידענע ווייסרוסישע גובערניעס, און דעם איבערפלוס אַריבערפירן אין אַנדערע גובערניעס. דערנאָך וועט מען קאָנען סקאַסירן די קהלס; צו פאַרוואַלטן מיט די גייסטיקע יידישע אָנגעלעגנהייטן דאַרף מען אָרגאַניזירן אין די גובערניעס „סינאַגאָגעס" מיט רבנים און תּלמידים", און אין פּעטערבורג—אַ העכערן גייסטיקן געריכט

אונטערן נאָמען „סענדאַרין“ (אַזוי שרייבט דערזשאַווין דאָס העברעאי-
שע וואָרט „סנהדרין“, וואָס איז אים באַקאַנט, ווי עס שיינט, בלויז
פון הערן) וואָס זאָל זיך געפינען אונטער דער לייטונג פון אַ הויפּטרב
אָדער אַ „פּאַטריאַרך“. ווייטער פּראָיעקטירן זיך רעפּרעסיווע און צוואַנגס-
מיטלען: פאַרווערן די יידן צו האַלטן קריסטלאַכע דינסטן, אָפּנעמען
ביי זיי דאָס רעכט אָנטייל צו נעמען אין די שטאָטישע מאַגיסטראַטן,
צווינגען זיי אַראָפּצעוואַרפן די ספּעציעלע קליידונג און שרייבן אַלע
אַקטן און האַנדלס-דאָקומענטן אויף רוסיש, פּויליש אָדער דייטש; די
קינדער צו לערנען אין די רעליגיעזע שולן בלויז ביז 12 יאָר און
שפּעטער איבערגיין אין די אַלגעמיינע שולן; אויסערדעם, דאַרף די
רעגירונג איינאָרדנען צו דרוקן יידישע רעליגיעזע ביכער „מיט פילאָזאָ-
פישע באַמערקונגען“. אויף דעם אופן, האַלט דערזשאַווין, „וועט דאָס
האַרטנעקיקע, כיטרע יידישע פאָלק באַקומען אַ מענטשלאַכן פּרצוף“ און
דער קייזער פּאַוול I, דורכפירנדיק דידאָזיקע רעפאָרם, וועט ווערן באַ-
רימט דורך דער גרויסער טאַט, וואָס ער האָט מקיים געווען דאָס גע-
באָט: „ליבט אייערע שונאים און טוט גוטס די, וואָס האַסן אייך.“

אָט אַזוי זעט אויס דערדאָזיקער פּראָיעקט—אַ מישמאַש פון משונה-
דיקע סברות פון אַ פּאַטריאַרכאַלן רוס וועגן אַ ווילד פרעמדער קול-
טור מיט רעפאָרמאַטאָרישע פּראָיעקטן אין דעמאָלטיקן קאַזאַרמע-פּריי-
סישן גייסט; אַ מישמאַש פון קלעריקאַל-ביוראָקראַטישע אָנשויונגען מיט
קולטור-שטרעמונגען און „פילאָזאָפישע“ טענדענצן; אַ מישמאַש פון גע-
ירשענטן יידנהאַס מיט עפּיס אַ מין נעפּלדיקן פאַרשטיין די היסטאָרי-
שע טראַגעדיע פון יידנטום און אַ וואונש צו „מאַכן די יידן נוצלאַך
פאַר דער מלוכה“. און איבער דער אַלעם שוועבט דער גייסט פון קאַנ-
צעלאַריע-אַפּוטרופּסות און רעגולאַמינס, דער גלויבן, אַז די אַלטע קול-
טור-נאַציע קען מען, לויט אַ וואונש פון אויסן, איבערבויען ווי אַ היי-
פּעל פיגורן אויפן שאַכברעט, יענער גלויבן אין דער רעטונגסקראַפט
פון מעכאַנישע רעפאָרמען, וואָס האָט אין יענער צייט געהערשט, כאָטש
אין ווייניקער נאַאיווע פאָרמען, אויך אין מערב-אייראָפּע.

דערזשאַווינס „מיינונג“ איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם סענאַט
אין דעצעמבער 1800 און צוזאַמען מיט די פריער צוגעשטעל-
טע באַריכטן פון מערב-רוסישע מאַרשאַלקעס און גובערנאַטאָרן, האָט
זי געדאַרפט דינען אַלס מאַטעריאַל פאַרן יסוד פון אַ געזעצגעבערישן

אַקט וועגן די יידן. אָבער דאָס איז שוין דעם קייזער פּאַוול I נישט באַשערט געווען דורכצופירן. אין מערץ 1801 איז דער קייזער געשטאָרבן מיט אַ טראַגישן טויט, און דער ענין מכּח „דער יידישער רעפאָרם״ איז אַריינגעטרעטן אין אַ נייער פּאַזע-אין קאַמף פון די ליבעראַלע שטרעמונגען פון קייזער אַלעקסאַנדר דעם I מיט די אָנשויונגען פון די אַלטפּוילישע און אַלטרוסישע ריטער.

**„דער קאָמיטעט פאַר יידישער רעקאָנסטרוק-ציע" און די לאַגע פון יאָר 1804.**

די ליבעראַלע ווינטן, וואָס האָבן אַ בלאָז געטאָן אין די ערשטע יאָרן פון אַלעקסאַנדר I רעגירונג, האָבן אַריינגעטראָגן אַ פרישן לעבנסשטראָם אַפילו אין דער פאַרדומפּענער אַטמאָספערע פון די פּעטערבורגער קאַנצעלאַריעס, וואו די באַאַמטע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן יידישן לעבן, האָבן זיך מתוכּח געווען מכּח די מיטלען און וועגן ווי אַזוי דאָסדאָזיקע לעבן אַלזייטיק איבערצובויען. נישט אַזוי גיך האָט מען זיך ווידער גענומען איבערקוקן די יידנפראַגע. אין די יאָרן 1801—1802 איז די רעגירונג געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיטן איבערבויען דעם גאַנצן מעכאַניזם פון דער מלוכהפאַרוואַלטונג; עס זיינען געשאַפן געוואָרן די מיניסטעריומס און דער מלוכהראַט, דער סענאַט האָט פאַרלאָרן זיין פריערדיקע „רעגירונגס״-ראָל און דער מאַטעריאַל וועגן דער יידנפראַגע, וואָס האָט זיך געהאַט געפונען אין זיין רשות, האָט געמוזט איבערגיין אין אַן אַנדער אינסטיטוציע. אַזאַ אינסטיטוציע איז אַנטשטאַנען אין נאָוועמבער 1802. אויפן קייזערס באַפעל איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלער „קאָמיטעט פאַר דער רעקאָנסטרוקציע פון די יידן״. אַלס מיטגלידער זיינען אַריין: דער אינערן-מיניסטער קאָטשובעי, דער יוסטיץ-מיניסטער און ספּעציאַליסט פון דער יידנפראַגע דערזשאַווין, דער גראַף וו. זובאָוו און צוויי פּוילישע באַאַמטע—דער נאָענטער פריינט פון אַלעקסאַנדר I אַדאַם טשאַרטאָריסקי (דער געהילף פון אויסערנמיניסטער) און דער סענאַטאָר סעווערין פּאָטאָצקי. דעם קאָמיטעט איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכצוקוקן אַלע פראַגן, וואָס זיינען באַרירט אין דערזשאַווינס „מיינונג״ בנוגע ווייסרוסלאַנד, מיטן צוועק „צו פאַרשפּרייטן די יידישע רעקאָנסטרוקציע אויך אויף די איבעריקע אַנעקסירטע פּוילישע גובערניעס״.

די ידיעות וועגן דעם, אַז אין פּעטערבורג איז אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פאַר יידישע אָנגעלעגנהייטן, וואָס דער יסוד פון זיין טעטיקקייט באַזירט אויף דערזשאַווינס פּראָיעקט, האָבן אַרויסגערופן אַ טומעל צווישן די יידן פון דער מערב-רוסישער געגנט, וואָס האָבן גוט געקענט די יידנפיינטלאַכע טענדענצן און נייגונגען פון פריערדיקן סענאַטאָר-רעוויזאָר. אין מינסק איז פאַרגעקומען אַן אויסעראָרדנטלאַכע קהל-פאַרזאַמלונג (דעצעמבער 1802), וואָס האָט אַרויסגעטראָגן פאָלגענדי־קע רעזאָלוציע:

„צוליב די נישט-גינסטיקע ידיעות, וואָס זיינען דערהאַלטן גע-וואָרן פון דער הויפּטשטאָט פּעטערבורג וועגן דעם, אַז די אָנגעלעגנ-הייטן, וואָס זיינען גוגע אַלע יידן, זיינען איצט איבערגעגאַנגען אין די הענט פון פינף באַאַמטע,—איז אומבאַדינגט נויטיק צו פאָרן קיין פּעטערבורג און בעטן אונזער קייזער, אַז זיי (די באַאַמטע) זאָלן נישט איינפירן ביי אונז קיין שום נייע אָרדנונגען.״ עס איז באַשטימט גע-וואָרן אַ ספּעציעלע זאַמלונג אויף דעקן די הוצאות פון דער דעלע־גאַטן-רייזע קיין פּעטערבורג; אויסערדעם, האָט מען אויסגערופן אַ דריי-טאָגיקן תענית, בעתן וועלכן אין די סינאַגאָגעס מוזן אָפּגעהאַלטן ווערן תפלות אויף אָפּצווענדן די שווערע גזירה, וואָס דראָט דעם יידישן פאָלק מצד דער רעגירונג. דערוויסנדיק זיך וועגן דער אויפרעגונג צווישן די יידן, האָט דער אינערן-מיניסטער קאָטשובעי צוגעשיקט אַ צירקוליאַר צו די גובערנאַטאָרן (יאַנואַר 1803) מיט דער ביטע אָנצונעמען מיטלען און צו באַרוהיקן די מחות. מען האָט געהייסן מעלדן אין די קהלס, אַז גרינדנדיק „דעם קאָמיטעט אויף איבערצוקוקן די יידישע אָנגעלעגנ-הייטן, האָט מען נישט געהאַט בדעה צו פאַרערגערן זייער לאַגע אָדער פאַרשמעלערן זייערע פּאַקטישע רעכט, נאָר פאַרקערט, מען מיינט דוקא שאַפן פאַר זיי אַ בעסערע אָרגאַניזירונג און רוהיקקייט.״ באַרוהיקנדי-קער ווי דידאַזיקע ווערטער האָט געווירקט דער רעגירונגסאַקט, וואָס איז אַרויס גלייכצייטיק מיט דערדאָזיקער הבטחה. אָנפאַנגס 1803 האָט „דער יידישער קאָמיטעט״ באַשלאָסן איינצולאַדן קיין פּעטערבורג דע-פּוטאַטן פון אַלע גובערניע-קהלס, כדי אויסצוהערן זייערע מיינונגען וועגן די באַדערפענישן פון דער נאַציע, וועלכע מען האָט ביז איצט בעוואָלט „אומגעשטאַלטן״ אָן איר וויסן. דאָס איז געווען דער ערשטער ריס אין דער פּעטערבורגער רוטין.

אין די קהלס האָבן זיך אָנגעהויבן איצטענסיווע הכנות צו דער-
נסיעה פון די דעפוטאַטן קיין פעטערבורג; אים ווינטער און פרילינג
זיינען זיך אין דער הויפטשטאָט צונויפגעפאָרן דעפוטאַטן פון פאַרשי-
דענע גובערניעס. באַלד האָבן זיי געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זען ווי
דערזשאַווין איז אַרויסגעטרעטן פון יידישן קאָמיטעט, ווייל ער האָט
פאַרלאָרן זיין פאָסטן אַלס יוסטיץ-מיניסטער. דער קאָנסערוואַטאָר דער-
זשאַווין האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט אויפן אָרט אין דער ליבעראַלער
רעגירונג פון די ערשטע יאָרן פון אַלעקסאַנדערס הערשאַפט. מיט זיין
אַוועקגיין האָט אויך זיין „מיינונג וועגן די יידן" אויפגעהערט צו זיין
דער פאַרפליכטענדער באַזיס פאַרן קאָמיטעט. קומענדיק פון פראָווינץ קיין
פעטערבורג, האָבן שוין די דעפוטאַטן געפונען אין דער הויפטשטאָט אַ
קליינע גרופע יידן, הויפטזעכלאַך פון ווייסרוסלאַנד, וואָס האָבן גע-
וואוינט אין פעטערבורג צייטווייליק צוליב זייערע פערזענלאַכע עסקים.
נישט האָבנדיק קיין שטענדיקע וואוינרעכט אין דער הויפטשטאָט, האָט
זיך אָבער דאָך דאָסדאָזיקע הייפעל „געדולדעטע" גרים דערשלאָגן דער-
צו—צו האָבן דאָס רעכט דאָ צו שטאַרבן און באַגראָבן זיינע מתים
אויף אַ באַזונדערן בית-עולם, וואָס איז דאָ געשאַפן געוואָרן אין יאָר
1803. אויף דעם אופן איז אַנטשטאַנען דער סימבאָלישער עמבריאָן פון
דער פעטערבורגער יידישער קהלה, און טאַקי אונטערן טויטסימבאָל
האָבן זיך באַגעגנט די פראָווינצער דעפוטאַטן מיט זייערע פעטערבור-
גער ברידער אויף אַן אייגנאַרטיקער „פייערלאַכקייט" (זומער אין יאָר
1803). לויט דער איניציאַטיוו פון די דעפוטאַטן און אין זייער אָנוועזנ-
הייט האָט מען איבערגעטראָגן די טויטע קערפער פון דריי יידן
פונם קריסטלאַכן אויפן נייעם יידישן בית-עולם.

צווישן די פעטערבורגער יידן האָבן זיך דעמאָלט געפונען עטלאַ-
כע פערזאָן, וואָס אַ דאַנק זייערע פאַרבינדונגען מיט פאַרשידענע באַאַמ-
טע און זייער באַקאַנטשאַפט מיט די ביורא-אָרדנונגען, האָבן זיי גע-
קאָנט זייער פיל העלפן די פראָווינצער דעפוטאַטן. איינער פון זיי—
דער סוחר נאָטע שקלאָווער (וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט באַקומען
דעם פאַמיליען-נאָמען נאָטקין), וואָס האָט אין יאָר 1800 פאָרגעשטעלט
דערזשאַווינען זיין רעפאָרם-פראָיעקט—איז, ווי עס שיינט, געווען דער
אָפיציעלער לייטער פון די דעפוטאַטן, ווייל נאָך מיט אַ צייט פריער
האָט מען אים איינגעלאַדן אָנטייל צו נעמען אין דער אַרבעט פון

ייִדישן קאָמיטעט. נאָטקין האָט כּסדר פֿאַרטיידיקט זײַן פֿאָרשלאָג צו אַנטוויקלען די דאָרף־פֿאַבריקאַציע, ער האָט זיך אָבער נישט דערוואַרט דעם קאַנצעלאַריע־ערפֿאָלג פֿון זײַן אידייע: ער איז געשטאָרבן ערב דער פּראָקלאַמירונג פֿון געזעצגעבערישן אַקט, וועלכער האָט באמת טיילווייז אָנדערקענט זײַן אידייע.

אַ צווייטער פּעטערבורגער ייִד, דער רייכער ליפֿעראַנט (פּאָדריאַדטשיק) און קאָמערץ־ראַט אברהם פּרץ האָט נישט גענומען קיין דירעקטן אָנטייל אין די ייִדישע אָנגעלעגנהייטן, ער האָט אָבער אויך געקאָנט פֿיל אויפֿטאָן פֿאַר די דעפּוטאַטן, האָבנדיק האַנדלס־באַקאַנטשאַפֿטן אין די ביוראָקראַטישע קרייזן.

איבערקוקנדיק די פֿאַרשידענע אָנגעקומענע פּראָיעקטן, האָט „דער ייִדישער רעקאָנסטרוקציע־קאָמיטעט" דערווײַל אויסגעאַרבעט אַן אַלגעמיינעם רעפֿאָרם־פּלאַן און אים איבערגעגעבן די ייִדישע דעפּוטאַטן; נאָך אַ „לאַנגדויערענדער אומאַנטשלאָסנקייט האָבן די ייִדישע דעפּוטאַטן מודיע געווען, אַז אָן אַ פֿריערדיקער באַראַטונג מיט זייערע קהלה־ווײַלער, קענען זיי נישט אַרויסטראָגן זייערע רעזאָלוציעס און בעטן דעריבער אַ האַלביעריקן טערמין פֿאַר אַ „באַראַטונג". דער קאָמיטעט האָט אָבער נישט מסכּים געווען אָפּצולייגן זײַן אַרבעט אויף אַזאַ לאַנגער צײַט און דעריבער האָט ער באַשלאָסן פֿונאַנדערצושיקן דורך די גובערנאַטאָרן די הויפּטסטאַטוטן פֿון זײַן פּראָיעקט צו אַלע קהלס מיטן באַדינג, אַז נישט מאַכנדיק אין „דיזאָזיקע סטאַטוטן קיין שום שנוים" זאָלן די קהלס בלויז אַרויסזאָגן זייערע אָנזיכטן, ווי אַזוי דורכצופֿירן אין לעבן די אָנגעמערקטע רעפֿאָרמען. אָבער אויך דיזאָזיקע שריפֿטלאַכע אַנקעטע האָט נישט געבראַכט די „געווינשטע רעזולטאַטן." לכתחילה באַגרענעצט פֿריי אַרויסצוזאָגן זייערע מיינונגען, באַרויבט פֿון זייער רעכט פּרינציפּיעל צו באַהאַנדלען דעם רעגירונגס־פּראָיעקט, האָבן די קהלס אין זייערע באַריכטן בלויז אויסגעדריקט די דעזיראַטען, אַז די „אויסבעסערונגס־מיטלען" זאָלן אָפּגעלעגט ווערן אויף 20 יאָר, איבערהויפּט דער פּראָיעקטירטער פֿאַרבאָט וועגן דעם בראָנפֿן־האַנדל און די דאָרפֿפֿאַרענדעס, וואָס וועט לגמרי רואינירן דעם גאַנצן עקאָנאָמישן בוי פֿון ייִדישן לעבן. דער קאָמיטעט האָט זיך אָבער נישט גערעכנט מיט די קהל־השתדלותן און האָט ווייטער געפֿירט זײַן אַרבעט אין דער אָנגעהויבענער ריכטונג.

קיין פולשטענדיקע איינהייטלעכקייט האָט אָבער נישט געפעלט אין קאָמיטעט גופא. דאָרט האָבן, וואַרשיינלעך, געקעמפט צוויי שטרע־מונגען: דער אוטיליטאַריזם און דער הומאַניזם, דער אָנהענגער פון „די אויסבעסערונגס־רעפאָרמען" אָדער צוואַנגס־אומגעשטאַלטונג און די פאַרטיידיקער פון פולשטענדיגער גלייכבארעכטיקונג. דער רעפּרעזענ־טאַנט פון דער צווייטער שטרעמונג איז געווען ספעראַנסקי, יענער ליב־טיקער קאָפּ, וואָס וואָלט נאָך אין ענדע פון 19 יאָרהונדערט געקאָנט אומוואַנדלען רוסלאַנד אין אַ רעכטלאַכע מלוכה, ווען ער זאָל נישט גע־ווען פאַלן אַלט קרבן פון די פאַלאַטע־באַדינגונגען פון רוסישן לעבן. אין יענער צייט האָט ער געדינט אין אינערן־מיניסטעריום ביים מיניס־טער קאָטשובעי און פלעגט צוזאַמענשטעלן רעפאָרם־פּראָיעקטן פאַר פאַר־שידענע צווייגן פון דער מלוכה־פאַרוואַלטונג. אין „קאָמיטעט פאַר יי־דישער רעקאָנסטרוקציע" האָט ספעראַנסקי גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. אין דער צייטשריפט פון קאָמיטעט פון 20 סעפטעמבער 1803 געפינען זיך פאָלגענדיקע מערקווירדיקע שורות, וואָס דריקן אויס ספעראַנסקיס מיינונג: „די אומגעשטאַלטונגען, וואָס ווערן דורכגעפירט דורך דער מאַכט פון דער רעגירונג, זיינען בכלל נישט לעבנספעיק און נישט פעסט איבערהויפּט אין דעם פאַל, בעת דידאָזיקע מאַכט דאַרף קעמפן מיט הונדערטיעריקע געוווינהייטן, און דעריבער איז בעסער און זיכערער פירן די יידן צו פאַרפאָלקאָמונג, עפנענדיק בלויז די וועגן פאַר זייער אייגענעם נוצן, באַאָבאַכטן פון דער ווייטנס זייערע באַוועגונגען און אָפּרוימען אַלע שטערונגען, וואָס קאָנען זיי אַראָפּפירן פון דאָזיקן וועג, נישט באַנוצן זיך מיט קיין שום צוואַנג, נישט באַשטימען פאַר זיי קיין שום ספעציעלע אינסטיטוציעס, נישט אַרבעטן אָנשטאָט זיי, נאָר אַנט־וויקלען זייער אייגענע טעטיקקייטסקראַפט. וואָס ווינציקער פאַרבאָטן, וואָס מער פרייהייטן—אָט דאָס זיינען די פשוטע עלעמענטאַרע יסודות פון אַ נאָרמאַלער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג". דאָס איז געווען דאָס ערשטע קלוגע וואָרט, וואָס האָט זיך דערהערט אין די קרייזן פון דער פעטערבורגער ביוראָקראַטיע פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס די רעגירונג האָט זיך באַשעפטיקט מיטן באַטראַכטן די יידנפראַגע. אין אים האָט געקלונגען דער שאַרפסטער אורטייל איבער יענער רעגירונגס־אַפּוטרופּ־סות אָדער „אויסבעסערונגס־מיטלען", וואָס מיט זייער הילף האָט מען געוואָלט דערמאָלט און אויך שפּעטער „איבערפאָרמירן" אַ גאַנצע נאַציע.

דאָ איז דאָס ערשטע מאָל אויסגעדריקט געוואָרן דער ליכטיקער פּרינ-ציפּ פון הומאַניזם: עפּעס פאַר די יידן פרייע אַנטוויקלונגסוועגן, גיט זייער זעלבסטעטיקקייט דער געהעריקן פּלאַץ—און סוף-כּל-סוף וועלן זיי אַליין אויסוועלן דעם וועג, וואָס פירט צו „פאַרפאָלקאָמונג" אָדער פּראָגרעס... אָבער אויף דערדאָזיקער הויך פון פּאָליטישן געדאַנק האָבן זיך בשום אופן נישט געקאָנט אַוועקשטעלן די מלוכה-לייט אַפילו פון יענעם ליבעראַלן פּעטערבורג. ספּעראַנסקיס אידייע איז געווען אַ צו צאַרטע בלום פאַרן רוסישן קלימאַט, אַפילו אין דער צייט פון זיינע פרילינגסווינטן: די בלום האָט פאַרוועלקט.

אין קאָמיטעט האָט געזיגט די פּאַטענטירטע רעגירונגס-חכמה פון יענער צייט—דאָס סיסטעם פון אַפּוטרופּסות-און צוואַנגס-רעפאָרמען. אין מעמאָריאַל, וואָס דער יידישער קאָמיטעט האָט אַריינגעטראָגן אַלעקסאַנ-דער דעם I אין אָקטאָבער 1804, א״ז שוין קיין זכר נישט געווען פון יענעם „פריידיינקען" וואָס האָט זיך פריער געהאַט אַריינגעריסן אין זשורנאַל פון קאָמיטעט. דער מעמאָריאַל ווייזט אָן די בערכדיקע ציפער פון דער יידישער באַפעלקערונג: 174,385 נפשות, וואָס צאָלן שטייערן—אַ צאָל וואָס מאַכט אַפילו נישט אויס קיין פינפטחלק פון זייער גאַנצער באַ-פעלקערונג", ד. ה. אַז די אַלגעמיינע צאָל יידן האָט, לויט דער מיי-נונג פון קאָמיטעט, דערגרייכט ביז אַ מיליאָן. דערצו ווערט אָנגעמערקט, אַז דידאָזיקע גאַנצע מאַסע געפינט זיך בלויז אין די אַנעקסירטע פּוי-ליש-ליטווישע גובערניעס, אין קליינרוסלאַנד און קורלאַנד, אָבער אין די איבערלאַכע גובערניעס ווערט זי נישט אַריינגעלאָזן; (דאָ קומט אַ היס-טאָרישער באַווייז, אַז „אין רוסלאַנד האָט מען יידן קיינמאָל נישט גע-לאָזן זיך באַזעצן"), אַז יידן זיינען מחויב צו צאָלן צוויפאַכן שטייער, אַז זיי זיינען אונטערגעוואָרפן דעם אַלגעמיינעם געריכט אין דער שטאָ-טישער זעלבספאַרוואַלטונג, און זייערע קהלס—דער גוברניע-פּאָליציי, און נישט קוקנדיק דערויף, איזאָלירן זיי זיך פון די אַלגעמיינע אינ-סטיטוציעס און פירן זייערע ענינים אין די קהלס; צום סוף ווערט אָנגעוויזן, אַז דער שטאַרק פאַרשפּרייטער יידישער בראָנפן-האַנדל איז דער מקור פון פאַרשידענע מיסברויכן און רופט אַרויס אָפטע אָנקלאַגן מצד דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

דידאָזיקע כאַרטיע—אַ מישמאַש פון „פרייהייטן" און אונטערדרי-קונגען—איז, ווי עס זאָגט זיך אין איר הקדמה, דיקטירט געוואָרן פון

דעם „איפריכטיקן זאָרגן פאַרן גליק פון די יידן" און וועגן דעם „נוצן פון דער איינגעבאָרענער באַפעלקערונג פון יענע גובערניעס, וואו דיזאָזיקע מענטשן איז דערלויבט צו וואוינען."

דורכן שלוס-טייל פון דער פראַזע איז שוין פּאָרויס-באַשטימט די פראַגע וועגן יידישן תחום-המושב, פאַר וועלכן מען האָט איבערגעלאָזן די פריערדיקע טעריטאָריע פון בלויז 13 גובערניעס (צוויי ליטווישע, צוויי ווייסרוסישע, צוויי קליינרוסישע, דערצו די מינסקער, וואָלינער, קיעווער און פּאָדאָליער און, ענדלאַך, דריי נייַרוסישע). אַ קליינע פאַרברייטערונג פון דאָזיקן ראַיאָן ווערט דערלאָזן דורך דער נייער „הנחה" בלויז פאַרן צוקינפטיקן קלאַס יידן-ערדאַרבעטער, וועלכן עס איז דערלויבט זיך צו באַזעצן נאָך אין צוויי גובערניעס—אין אַסטראַכאַנער און קאַווקאַזער. אויפן עקאָנאָמישן געביט האָט דאָס נייע געזעץ פעסטגעשטעלט צוויי פּאָליוסן: אַ נעגאַטיוון—די דאָרפשיינקעריי און אַרענדע, וועלכע מוז אומבאַדינגט אויסגעוואָרצלט ווערן און אַ פּאָזיטיוון—די ערד-אַרבעט, וואָס מען מוז מיט אַלע וועגן און מיטלען פאַרשפּרייטן און אַנטוויקלען צווישן די יידן. געגן שיינקעריי און בכלל געגן דאָרף-געווערב איז געווענדט דער האַרטסטער סטאַטוט (דער 34-טער) פון געזעץ פון יאָר 1804, וואָס זאָגט: „קיינער פון די יידן, אָנהויבנדיק פון ערשטן יאַנואַר 1807, טאָר נישט אין די גובערניעס אַסטראַכאַנער און קאַווקאַזער, קליינרוסישער און נייַרוסישער, און אין די איבעריקע גובערניעס פון 1-טן יאַנואַר 1808 — אין קיין שום דאָרף און דערפעל האַלטן קיין שום אַרענדעס, שיינקען, קאַבאַקען און איינפאָרהייזער. נישט אונטער זיין אייגענעם נישט אונטער אַ פרעמדן נאָמען, נישט פאַרקויפן אין זיי קיין געטראַנקען און אַפילו נישט וואוינען אין זיי אונטער וועלכן עס איז אויסרייד, בלויז אַלס דורכפאָרנדיקע. דערדאָזיקער סטאַטוט האָט מיט אַמאָל אויסגעשטריכן פון עקאָנאָמישן לעבן אַ געווערב—אמת, נישט זייער קיין בכבודן—וואָס האָט אָבער דאָך געשפּייזט כמעט אַ העלפט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, און דערווייל איז אין דערזעלבער צייט דער איינגער ראַיאָן פון יידישן תחום נאָך מער פאַרשמעלערט געוואָרן דורכדעם, וואָס מען האָט פון אים אויסגעשלאָסן אַ גאַנצע ריי דערפער און דערפעלעך.

דערדאָזיקער עקאָנאָמישער און רעכטלאַכער קלאַפּ האָט געזאָלט פאַרגיטיקט ווערן דורכן געזעץ, וואָס די „מסקנא" פון 1804 האָט

פארגעלייגט די יידן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט באַשעפטיקן מיט ערד-אַרבעט; זיי האָבן באַקומען רעכט צו קויפן די גישט באַזעצטע ערד אין די מערב-און צוויי מזרח-גובערניעס, אָדער איבערגיין אויף דער רעגירונגס-ערד, וואו די עמיגראַנטן וועלן באַקומען באַשטימטע ערד-חלקים, און אין די ערשטע יאָרן וועט מען זיי באַפרייען פון אַלע רע-גירונגס-שטייערן. אָבער, ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, איז די רפואה נישט געווען צוגעפּאַסט צו דער ערנסטקייט פון דער גרויסער מכה: פון דעם דאָרף-געווערב זיינען אָפּגעריסן געוואָרן הונדערטער טויזנ-טער מענטשן, וואָס האָבן שוין יאָרנלאַנג געהאַט צוגעפּעבונדן מיט אים זייער עקזיסטענץ; צום נייעם אַרבייטסצווייג, — צו דער ערד-אַרבעט האָבן געקאָנט צוגעצויגן ווערן אין משך פון דעם נאָנטסטן פּע-ריאָד בלויז קליינע גרופּן פון דער יידישער באַפעלקערונג.—צו דער קאַטעגאָריע פון די „אפּוטרופּסות״-פּראָפעסיעס האָט דאָס נייע געזעץ צוגערעכנט אויך פאַבריקאַציע און מלאכה: די פאַבריקאַנטן און האַנדווערקער ווערן באַפרייט פון צווייפאַכן שטייער, און די גרינדער „פון נייטוועדיקע פאַבריקן״ ווערט, אויסערדעם, צוגעזאָגט אַ רעגירונגס-הלואה.

די קויפמאַנשאַפט און דאָס בירגערטום ווערט צוגערעכנט צו דער לעצטער „געדולדעטער״ קאַטעגאָריע. די פאַבריקאַנטן, האַנדווערקער און סוחרים ווערט דערלויבט צייטווייליק אַריינצופאָרן וועגן געשעפט „אין די אינערלאַכע גובערניעס און אפילו אין די הויפּטשטעט, אָבער נישט אַנדערש ווי מיט אַ „גובערנאַטאָרסקען פּאַס,״ ווי עס ווערט אַרויסגעגעבן צו פאָרן קיין אויסלאַנד. „וועגן דער בירגערלאַכער איינ-אָרדנונג פון די יידן״ באַשטימט דער נייער דאָקומענט פון איין זייט, אַז די יידן זיינען אונטערגעוואָרפן די שטאָטישע מאַגיסטראַטן, דער אַלגעמיינער פּאָליציי און דעם אַלגעמיינעם געריכט, און פון דער צוויי-טער זייט—גיט ער זיי דאָס רעכט צו וויילן רבנים און „פּרנסים״, קהלס-לייט, וואָס בייטן זיך אַלע דריי יאָר און דאַרפן באַשטעטיקט ווערן דורך דער גובערניע-פאַרוואַלטונג. אין באַזונדערע סטאַטוטן ווערט באַטאָנט, אַז די רבנים דאַרפן האָבן די אויפזיכט אויף די רעליגיעזע מנהגים און אַנטשיידן אַלע ספקות, וואָס געהערן צו דער רעליגיע״, אָבער זיי איז שטרייגג פאַרבאָטן זיך צו באַנוצן מיט „קללות״ אָדער חרמות; די קהלס אָבער זיינען מחויב צו זאָרגן וועגן דעם פּינקטלאַכן

אָפּצאָל פון אַלע רעגירונגס-שטייערן.

אויף דעם אופן האָט די יידישע געמיינדע-אויטאָנאָמיע געדאַרפט אַרבעטן אונטער דידאָזיקע צוויי פלאַגען—פון רעליגיע און שפּיאָנעריי (פּראָוואָקאַציע), גאָט און ממון און צופּאַסן צו זיי זייערע פאַרשידענאַרטיקע אויפגאַבן.

אַלס אייראָפּייאישע שילד פאַר דער יידישער „קאָנסטיטוציע" פון 1804 האָט געדינט איר ערשטער אָבשניט: „וועגן בילדונג" פאַר די יידישע קינדער האָט מען געעפנט טיר און טויער פון אַלע רוסישע פאָלקסשולן, גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן; די יידן איז זאָגאַר דערלויבט געוואָרן צו עפענען אייגענע אַלגעמיינע שולן, מיטן תּנאי צו אונטערריכטן אין זיי איינע פון די דריי שפּראַכן—רוסיש, פּויליש אָדער דייטש. אויף איינער פון די שפּראַכן מוזן געפירט ווערן אַלע עפנטלאַכע אַקטן, וועקסלען, בוכהאַלטעריע-ביכער א. אַז. וו. אויף דעם גיט זיך אַ טערמין פון 2 ביז 6 יאָר, אָנהויבנדיק פון טאָג, אין וועלכן עס איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן דאָסדאָזיקע געזעץ. די יידן, וואָס ווערן געוויילט אַלס מיטגלידער אין די שטאָטישע מאַגיסטראַטן, ווי אויך רבנים אָדער קהילה-מיטגלידער זיינען פאַרפליכטעט צו קענען איינע פון די דריי שפּראַכן לייענען און שרייבן; די יידישע מאַגיסטראַט-מיטגלידער זיינען מחויב צו טראָגן פּוילישע, רוסישע אָדער דייטשע קליידונג. מיט דערדאָזיקער „בילדונגס-פּראָגראַם" האָט די רוסישע רעגירונג אָפּגעצאָלט איר חוב די מעסיק-ליבעראַלע אידייען פון יאָרהונדערט. בכלל אָבער איז דער אַקט פון יאָר 1804 געוועזן דערזעלבער טיפּישער „רעגולאַמין" פון פּרייסיש-עסטרייכישן מוסטער. זייער גרונטפּרינציפּ איז געוועזן: דער אייגענער סיסטעם פון רעפאָרמען, וואָס ווערן איינגעפירט דורך דער מאַכט פון דער רעגירונג", פאַר וועלכער ספּעראַנסקי האָט אומזיסט געוואָרנט. דערדאָזיקער סיסטעם האָט פון איין זייט געשיצט די אָרדנונג, וואָס איז דורך יאָרהונדערטער געשאַפן געוואָרן און האָט געפירט צו די שרעקלאַכסטע רעפּרעסיעס, און פון דער צווייטער זייט האָט ער געבראַכט די גרעסטע אומגליקן פאַר די מאַסן, פאַר וועלכע מען האָט בלומרשט אַזוי שטאַרק געזאָרגט

## די פאָלגן פון געזעץ פון יאָר 1804. דאָס אַרויסטרייבן די יידן פון די דערפער.

דעם געזעצגעבערישן אַקט פון יאָר 1804 האָט די יידישע געזעלשאַפט אָפּגעשאַצט זייער אָביעקטיוו. צווייפעלהאַפטע, מסופּקדיקע גליקן אין דער צוקונפט און גרויסע צרות אין דער געגנוואַרט. די פּערספּעקטיוו פון די צוקונפטיקע ישועות ונחמות, וואָס האָבן באַזירט אויף דער אָפּשוואַכונג פון די יסודות פון נאַציאָנאַלער אייגענאַרט—שפּראַך, שולע און געמיינדע-אויטאָנאָמיע, האָט נישט געקאָנט באַצויבערן די רוסישע יידן, וועלכע די מערב-ווינטן האָבן נאָך לגמרי נישט אָנגערירט. דערפאַר האָט זיך אָבער קרענקלאַך געשפּירט די נאָענטקייט פון אַ שרעקלאַכן עקאָנאָמישן קלאַפּ—דאָס אַרויסטרייבן פון די דערפער צענדליקער טויזנטער יידישע פאַמיליעס. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונטערן דעקרעט פון אַרויסשיקן פאַלן אַרונטער גאַנצע 60 טויזנט פאַמיליעס. אין פאַרלויף פון די צוויי—דריי יאָר צייט וואָס עס זענען געבליבן ביז צו דער קאַטאַסטראָפע, האָט זיך, נאַטירלאַך, דידאָזיקע אומגעהויער גרויסע מאַסע, נישט געקאָנט איינאָרדנען דורך קיין נייע געווערבן און זיך פאַרפעסטיגן אין די נייע וואוינערטער און דעריבער האָט איר געדראָט אַ הונגערטויט. און אָט האָבן זיך אַ שאָט געטאָן קיין פעטערבורג השתדלותן וועגן פאַרלענגערן דעם טערמין פון אַרויסשיקן. די השתדלותן זייגען אָנגעקומען נישט בלויז פון די קהילות, נאָר אויך פון די גוטבעזיצער, וועלכע ס'האָבן געדראָט גרויסע היזקות דורכן אַרויסשיקן פון זייערע הויפן די יידישע אַרענדאַרס און שיינקערס. די ווייגעשרייען פון דער פּראָווינץ זיינען אַלץ שטאַרקער געוואָרן, וואָס נענטער ס'האָט זיך אָנגערוקט דער טערמין פון אַרויסשיקן—דער אָנהויב פון יאָר 1808. מען קאָן נישט וויסן ווי אַזוי ס'וואָלט רעאַגירט אויף דידאָזיקע ווייגעשרייען די רוסישע רעגירונג, ווען אין יענער צייט זאָל נישט פאָרגעקומען אַזאַ געשעעניש, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ מהומה אין די פעטערבורגער פאָליטישע קרייזן.

ס'איז געווען אין הערבסט פון יאָר 1806, בעת פון פאַריז האָט מען צושיקט אויפרופן אין אַלע איירָאָפּעאישע לענדער וועגן דעם באַפאָרשטייענדיקן „גרויסן סנהדרין" דערדאָזיקער נאַפּאָלעאָנישער איינפאַל, וואָס האָט אַזוי שטאַרק איבערגעשראָקן די עסטרייכישע רעגירונג, האָט אַרויסגערופן אין פעטערבורג אַ טומל. נאַפּאָלעאָן האָט נאָר-וואָס געהאַט חרוב געמאַכט פּרייסן און איז שוין אַרויף אויף איר אַנעקסירטער פּוילישער

טעריטאָריע, דערנענטערנדיק זיך צו די רוסישע גרענעצן. די מורא פאַרן
פּאָליטישן געניע פון פראַנצויזישן קייזער האָט אַרויסגערופן אַ חשד ביי
דער רוסישער רעגירונג, אַז דאָס צונויפרופן אין פּאַריז דעם אַלוועלט-
לאַכן יידישן סנהדרין שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט נאַפּאָלעאָנס ציל,
איבערצוציען אויף זיין זייט די יידישע מאַסן פון פּרייסן, עסטרייך
און רוסלאַנד; דידאָזיקע מורא האָט געפירט צום געדאַנק, אַז די אומ-
צופרידנהייט פון די רוסישע יידן מיטן באַפּאָרשטייענדיקן אַרויסטרייבן זיי
פון די דערפער קאָן זיין זייער גינסטיק פאַר נאַפּאָלעאָנס כיטרער אַגי-
טאַציע און קאָן שאַפן אַ באָדן פאַר יידנפיינטשאַפט דאָרט, וואו עס
דאַרף זיך אינגיכן פאַנאַנדערשפּילן דער קריג. כדי אויסצומיידן דידאָזי-
קע סכנה, האָט מען געמוזט לעשן די אומצופרידנהייט און אָפּשטעלן
דאָס אַרויסשיקן. אין אָנפאַנגס פעברואַר פון יאָר 1807 (אין די טעג,
בעת אין פּאַריז האָבן זיך אָנגעהויבן די זיצונגען פון סנהדרין) האָט
דער אינערנמיניסטער קאָטשובעי פאָרגעשטעלט אַלעקסאַנדער I אַ מעמאָ-
ריאַל וועגן דער נויטווענדיקקייט „אָפּצולייגן דעם טערמין פון אַרויס-
שיקן יידן פון די דערפער און די שטעט און שטעטלאַך און בכלל אָפּ-
היטן דידאָזיקע מאַסע פון די אָפּזיכטן פון דער פראַנצויזישער רעגי-
רונג.״ דער קייזער איז דערצו מסכים געווען און תיכף איז געשאַפן
געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט אויף באַהאַנדלען די פראַגע מכח רע-
אַליזירן די „מסקנא״ פון יאָר 1804. דעם סענאַטאָר אַלעקסיי איז אי-
בערגעגעבן געוואָרן צו באַרייזן די מערב-גובערניעס און זיך צו אי-
בערצייגן, אויף וויפיל די „קריגספאַרהעלטענישן״, די געגנווערטיקע לאַ-
גע פון די גרענעצגובערניעס און די היזקות, וואָס די יידן וועלן ליידן,
אויב מען וועט „זיי מיט געוואַלט צווינגען צו עמיגרירן״—אויף וויפיל
די אַלע אומשטענדן באַשווערן אָדער מאַכן אינגאַנצן אוממעגלאַך דאָס-
דאָזיקע אַרויסשיקן (15 פעברואַר). גלייכצייטיק האָט דער מיניסטער
פאַראָרדענט, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין שום באַציונגען צווישן די
רוסישע יידן און דעם פּאַריזער סנהדרין, וואָס דורך זיין הילף שטרעבט
די פראַנצויזישע רעגירונג זיך צו דערווערבן אַ פּאָליטישן איינפלוס
צווישן די יידן. אין דעמדאָזיקן צירקוליאַר האָט מען פאָרגעלייגט די
גובערנאַטאָרן אַ קוריאָזן מיטל: איינריידן די יידן, אַז דער פּאַריזער
סנהדרין שטרעבט צו רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע און דעריבער
פאַרדינט ער נישט קיין מיטגעפיל. אין דערזעלבער צייט האָט דער

הייליגסטער סינאָד צושיקט צירקוליאַרן, וואו דער קלער האָט זיך באַ-
מיט איינצורניידן די רוסישע מאסן, אַז נאַפּאָלעאָן איז אַ שונא פון דער
קירך און אַ פריינד פון די יידן. „כדי שטאַרקער צו באַליידיקן קריס-
טוסעס קירך—האָט דער סינאָד מכריז געוועזן—האָט ער (נאַפּאָלעאָן) צו-
ציפגערופן אין פראַנקרייך יידישע סינאַגאָגעס... און האָט אָרגאַניזירט
אַ גרויסן יידישן סנהדרין—דידאָזיקע אַנטיקריסטלאַכע אינסטיטוציע, וואָס
האָט מיט יאָרן צוריק געהאַט די העזה צו פאַרמשפּטן און צו קרייציקן
אונזער גואל יעזוס קריסטוס—און איצט האָט ער בדעה צו פאַראייניקן
די יידן, וואָס גאָטס צאָרן האָט זיי צעזייט און צושפּרייט איבער דער
גאַנצער וועלט, און זיי אָרגאַניזירן איינצוברעכן די קירך פון קריסטוסן
און פראָקלאַמירן אַ משיח-השקר אין דער פּערזאָן פון נאַפּאָלעאָנען" אויף
דעם אופן האָט די רעגירונג, וואָס האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַרן
באַפאַרשטייענדיקן קריג, זיך געכאַפּט פאַר דער חכמה גלייכצייטיק צו שרעקן
די יידן מיט נאַפּאָלעאָנס אַנטי-יודאאיזם, און די רעליגיעזע רוסן—
מיט זיין נייגונג צום יודאאיזם; איינע האָט זי איינגערעדט, אַז דער
סנהדרין איז געווענדט געגן דער יידישער רעליגיע, די צווייטע,—אַז
ער איז אָרגאַניזירט דורכן יידישן „משיח-השקר" אומצושטירצן דאָס
קריסטענטום.

אין דערדאָזיקער שווערער לאַגע האָט די רעגירונג ווידער באַ-
שלאָסן דורך אַן אַנקעטע אויפצוזאַמלען די מיינונגען פון די יידישע
געמיינדעפאָרשטייער וועגן די מיטלען און וועגן, ווי אַזוי צו רעאַליזירן
די „רעפאָרמען". דער קייזערלאַכער דעקרעט מכח דערדאָזיקער אַנקעטע
(5 פעווראַל) איז רעדאַגירט אין אַן אומגעוויינלאַך ווייכן טאָן: „וועלנדיק
געבן אונזערע אונטערטאַנען פון יידישן פאָלק אַ נייעם באַווייז פון אונ-
זער זאָרגן פאַר זייער וואוילשטאַנד, האָבן מיר אָנדערקענט פאַר גוט
צו דערלויבן אַלע יידישע געזעלשאַפטן אין ווילנער, גראָדנער, קיעווער,
מינסקער, פאָדאָליער, וואָלינער, וויטעבסקער און מאָהילעווער גובערניעס
אויסצוויילן דעפּוטאַטן און פאָרשטעלן דורך זיי די גובערניע-אַדמיני-
סטראַטאָרן די מיטלען און וועגן, וועלכע זיי אַליין געפינען פאַר די
באַקוועמסטע, כדי וואָס בעסער דורכצופירן די רעפאָרמען, וואָס זיינען
אָנגעצייכנט אין דעם דעקרעט פון 1804." די דעפּוטאַטן זיינען
אַרויסגערופן געוואָרן נישט קיין פּעטערבורג, נאָר אין די גובער-
ניאַלע שטעט, כדי פאָרצושטעלן דאָרט זייערע באַריכטן פאַר די גובער-

באַטאָרן. באַלד האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די מיינונגען פון די דע־פוטאַטן אָדער פון „אַנדערע באַפולמעכטיקטע יידישע געזעלשאַפטן." די מיינונגען האָבן זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט דעם אומגליקלאַכן 34 סטאַטוט וועגן אַרויסטרייבן די יידן פון די דערפער, וואָס דאָסדאָזיקע האָבן אַלע דעפוטאַטן געבעטן אָדער אָפּצושאַפן אָדער וועניקסטנס אָפּ־צולייגן זיין פאַרווירקלאַכונג אויף אַ דריי יאָרן; עס זיינען פאָרגעשטעלט געוואָרן פּאַקטישע פּראָטעסטן אויך געגן אַנדערע סטאַטוטן „פון דער יידישער קאָנסטיטוציע". די דעפוטאַטן האָבן געבעטן צו סקאַסירן די טאָפּלשטייערן, וואָס זיינען אַרויפגעלעגט געוואָרן אויף די סוחרים און בירגער; צו פאַרברייטערן די קאָמפּעטענץ פון רבנים־געריכט; צו לינ־דערן די סטאַטוטן, וואָס שאַפן אָפּ די יידישע שפּראַך פון די אַקטן, וועקסלען און האַנדלס־ביכער. אייניקע האָבן זיך משתדל געווען, אַז מען זאָל אָפּלייגן דעם געזעץ וועגן דער שפּראַך, ווייל ער שטערט דעם האַנדל—אַנדערע ווידער וועגן דערלויבן אויסצושרייבן יידישע וועקסלען אויף אַ סומע וועניקער פון 100 רובל (וואָס עס איז געווען צוזאַמען־געבונדן מיט דער רבנישער וועקסל־פאָרם). די דעפוטאַטן האָבן אויך אָנגעוויזן אויף דער שווערקייט פאַר די רבנים און מאַגיסטראַטס־מיטגלידער זיך אויסצולערנען אין אַ קורצער צייט די רוסישע שפּראַך. זיי האָבן איינגעוויליקט צו בייטן די קליידונג פאַר מאַגיסטראַט־מיט־גלידער און פאַר די יידן, וואָס וואוינען צייטווייליק אויסערן תחום־המושב, אָבער דערביי האָבן זיי באַמערקט, אַז די דייטשע קליידונג, וואָס מען שרייבט פאָר, פּאַסט נישט די יידן צום פּנים, ווייל לויט זייער געזעץ גאָלן זיי נישט די בערד און דעריבער וואָלטן זיי בעסער געוואָלט טראָגן אין אַזעלכע פאַלן אַ לאַנגן רוסישן ראָק. וואָס אָנבע־לאַנגט די געזעצן וועגן בילדונג, האָבן די דעפוטאַטן אָנגעוויזן, אַז אין דער אַלגעמיין־רוסישער אָנפאַנגסשולע קענען זיך די יידישע קינ־דער, וואָס פאַרשטייען נישט די רוסישע שפּראַך, פאַר קיין פאַל נישט לערנען, און דעריבער איז אַ סך צוועקמעסיקער, אַז די קינדער זאָלן פריער איבערנעמען די רוסישע שפּראַך אין זייער אייגענער שולע, וואו זיי לערנען די נאַציאָנאַלע שפּראַך און די גלויבנסדאָגמעס.

ביז די דעקלאַראַציעס פון די דעפוטאַטן זיינען דערגאַנגען דורך די גובערנאַטאָרן קיין פּעטערבורג, האָט זיך דאָרט דערווייל די פּאָלי־טישע שטימונג געביטן. אין יולי 1807 איז געשלאָסן געוואָרן דער טיל־

ייטער שלום; צווישן נאַפּאָלעאָנען און אַלעקסאַנדער I איז געקומען צו „אַ הערצלאַכער איינשטימונג", און רוסלאַנד האָט שוין נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן פאַר „באָנאַפּאַרטס קונצשטיק." עס איז פאַר-שוואונדן די מורא פאַר דער אינטריגע פון די רוסישע יידן מיטן פּאַ-ריזער סנהדרין, וועגן וועלכן מען האָט אַזויפיל טרומייטערט און אינ-איינעם מיט דעם איז אויך פאַרשוואונדן די אָפיציעלע רחמנות צו די יידן, וואָס ווערן רואינירט. עס האָט זיך דערנענטערט דער לעצטער טערמין פאַרן אַרויסטרייבן פון די דערפער (1 יאַנואַר 1808),—און מיט צוויי מאָנאַט פריער פאַרן דאָזיקן טערמין—דעם 19 אָקטאָבער 1807, איז אָנגעקומען אַ שרעקלאַך שטריינגער קייזערלאַכער באַפעל אויפן נאָ-מען פון די גענעראַל-גובערנאַטאָרן אין מערב-קאַנט: „די אומשטענדן, וואָס זיינען צונויפגעבונדן מיטן קריג, האָבן געקאָנט באַשווערן און אָפּ-האַלטן דעם יידישן גרוש. דידאָזיקע שוועריקקייטן קאָנען איצט, נאָכן איבעררייסן דעם קריג, פאַר דער צוקינפטיקער צייט, אָפּגעשאַפט ווערן דורך מיטלען און וועגן, וואָס וועלן מעגלאַך מאַכן אַ שטופנווייזע און באַקוועמע איבערוואַנדערונג. אַרויסגייענדיק פון דידאָזיקע הנחות, האָבן מיר אָנדערקענט פאַר אַ גליק איינצופירן אַזאַ אָרדנונג, וואָס זאָל מעגלאַך מאַכן תיכף, נישט אָפּלייגנדיק אויף אַ לענגערע צייט, אָנצוהויבן צו רעאַליזירן די פולשטענדיקע יידישע איבערוואַנדערונגסאַקציע." „די אָרדנונג איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער גרוש פון די דערפער דאַרף דורכגעפירט ווערן שטופענווייז אין אַ משך פון דריי יאָר.

איין דריטל דאַרף איבערוואַנדערן אין יאָר 1808, די צווייטע אין 1809, די לעצטע אין 1810. צו פאַרוואַלטן מיט דער איבערוואַנדערונג זיינען געשאַפן געוואָרן קאָמיטעטן מיט די גובערנאַטאָרן אָן דער שפיץ; די קאָמיטעטן האָט מען באַוועגט צוציהען די קהלס מאַטעריעל צו העלפן די גרושים, ד. ה. דידאָזיקע, וואָס די רעגירונג האָט זיי אַזוי אומ-ברחמנותדיק רואינירט.

און אָט האָבן זיך אָנגעהויבן די גרוש-שרעקן. „די, וועלכע האָבן זיך נישט אַרויסגעקליבן מיטן גוטן ווילן, האָט מען געיאָגט מיט געוואַלט; אַ כך האָט מען אָן רחמנות אַרויסגעפירט אונטער אַ קאָנוואָי פון פויערים און זעלנער. ווי אַ סטאַדע בהמות פלעגט מען זיי אַרייניאָגן אין די שטעט און שטעטלאַך און איבערלאָזן זיי דאָרט אויף די גאַסן אונטערן פרייען הימעל. אַ באַזונדערס ווילדער געיעג פון די יידן פון די דער-

פער איז פאָרגעקומען אין יענער צייט אין וויטעבסקער גובערניע" אַ גרויסע מאַסע אַרויסגעטריבענע האָבן זיך געווענדט מיט בקשות צו דער מאַכט איבערצופירן זיי אין ניירוסלאַנד, אין די לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָלאָניעס, וואו עס האָבן זיך שוין ווי עס איז איינגעאָרדנט עטלאַכע הונדערט יידישע פאַמיליעס; אָבער דער רעזערוו פון בעקוועמער ערד און פון די איבערפירונגסמיטלען האָט זיך ביי דער רעגירונג באַלד אויסגעשעפּט, און די בקשות האָט מען נישט דערפילט. די יידישע נויט און צרות האָבן אָנגענומען אַזעלכע מאַסשטאַבן, אַז די גובערנאַטאָרן האָבן אָנגעהויבן שיקן מעלדונגען קיין פּעטערבורג וועגן דער אוממעג-לאַכקייט דורכצופירן דעם גרושגעזעץ, נישט רואינירנדיק דערביי פול-שטענדיק טויזנטער יידישע פאַמיליעס. און אָט איז ענדע דעצעמבער 1808 אַרויס אין פּעטערבורג אַ נייער באַפעל: איבערצולאָזן די יידן אין זייערע פריערדיקע וואוינונגען אַזוי לאַנג, ביז עס וועט אַרויסגיין מכח דעם אַ נייער דעקרעט. אין אָנפאַנג יאַנואַר 1809 איז געשאַפן גע-וואָרן אין פּעטערבורג אַ נייער קאָמיטעט (דער דריטער לויט דער צאָל) אויף אַלזייטיק צו באַטראַכטן די פראַגע, ווי אַזוי אָפּצורייסן די יידן פון דאָרפישן בראָנפנהאַנדל און אַריינציען זיי אין אַנדערע אַרבעטסצווייגן. אין קאָמיטעט זיינען אַריין: דער סענאַטאָר אַלעקסעיעוו, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט די מערבגובערניעס, דער געהיימראַט פּאָפּאָוו, דער גע-הילף פון אינערנמיניסטער קאָזאָדאַוולעוו און אַנד. אין דער קייזערלאַכער אינסטרוקציע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויפן נאָמען פון קאָמי-טעטלייטער פּאָפּאָוו איז געווען אָנדערקענט, אַז די אוממעגלאַכקייט איבערצופירן די יידן פון די דערפער נעמט זיך דערפון, וואָס „די יידישע אָרעמקייט איז אַזוי גרויס, אַז אַליין האָבן די יידן קיין שום מיטלען נישט, איבערלאָזנדיק זייערע איצטיקע וואוינערטער, זיך איינצו-אָרדנען אויף די נייע ערטער, און די רעגירונג פון איר זייט קאָן אויך נישט אויף איר אייגענער רעכענונג דורכפירן דידאָזיקע שווערע אַרבעט. —און דעריבער מוז מען „געפינען אַזעלכע מיטלען, וואָס זאָלן מעגלאַך מאַכן די יידן, וואָס ווערן אָפּגעריסן פון זייער איינציקן געווערב, פון בראָנפנפאַרקויף אין די דערפער, דערפלעך, איינפאָרן און שיינקען—זאָלן זיך קאָנען דערנערן דורך אַרבעט." דערביי ווערט פאָרגעלייגט דעם קאָמיטעט דורכצוקוקן אויך די פריער צוגעשיקטע „מיינונגען" פון די יידישע דעפּוטאַטן.

דריי יאָר האָט געאַרבעט דערדאָזיקער קאָמיטעט, און דער רעזולטאַט פון זיין אַרבעט איז געווען דער מערקווירדיקער מעמאָריאַל, וואָס ער האָט דערלאַנגט אַלעקסאַנדער I אין יאָר 1812. אין דעמדאָזיקן אָפיציעלן דאָקומענט איז צום ערשטן מאָל, נאָך ספעראַנסקיס דעקלאַראַציע, אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַן אמת וואָרט וועגן דער יידישער פראַגע. די יידן—זאָגט דער מעמאָריאַל—וויל מען אָפרייסן פון דאָרפישן בראָנפנהאַנדל, אַלס שעדלאַכן פאַר דער באַפעלקערונג; די קוועלע פון שכרות ליגט אָבער נישט אין די שיינקעריי, נאָר אין דעם ברויז־און פראָפינאַציע־רעכט, וואָס זיינען די פריווילעגיעס און די הויפטקוועלן פון די פריצישע ריוחים. אויב מען זאָל דערווייטערן פון די דערפער 60 טויזנט יידישע שיינקער, וועלן זייערע ערטער פאַרנעמען 60 טויזנט שיינקער־קריסטן; די ערדאַרבעט וועט פאַרלירן צענדליקער טויזנטער פעהיקע אַרבעטער, און די יידן קאָנען איבערנאַכט קיין גוטע ערד־אַרבעטער נישט ווערן, בפרט נאָך, בעת די רעגירונג האָט נישט די נויטיקע רעסורסן אויף צו פאַרוואַנדלען מיט אַמאָל די גאַנצע גרויסע שיינקערמאַסע אין ערדאַרבעטער. דער ייִד אין דאָרף ווערט נישט רייך אויפן חשבון פון פויער: ער איז געוויינלאַך אַן אָרימאַן און פאַרדינט קוים אויפן לעבן פון זיין שיינקעריי און פון פאַרקויפן די פויערים פאַרשידענע נויטיקע סחורות; אָפקויפנדיק ביים פויער די תבואה אויפן אָרט, פאַרשפאָרט אים דער ייד אַ סך צייט פון פאָרן אין שטאָט. אין דער לאַנדווירטשאַפט פירט אויס דער ייד די פאַרמיטלונגספונקציעס, אָן וועלכע עס קאָן זיך נישט באַגיין נישט דער גוטסבאַזיצער, נישט דער ערדאַרבעטער.

איבערפירן אַלע דאָרפישע יידן אין די שטעט און מאַכן זיי פאַר פאַבריקאַנטן, סוחרים און האַנדווערקער איז אוממעגלאַך, ווייל אין די שטעט לעבט זיך די פריערדיקע יידישע באַפעלקערונג אויך קוים דורך, און קינסטלאַך „פלאַנצן“ פאַבריקן און זאַוואָדן הייסט „וואַרפן געלט אין בלאָטע“, אָבער די רעגירונג האָט אויך נישט קיין פרייע מיליאָנען אויף סובסידיעס פאַר די פאַבריקאַנטן. די לעצטע רעגירונגספראָבעס האָבן בלויז געבראַכט דערצו, אַז דאָס יידישע פאָלק „איז נישט בלויז געבליבן אין יענעם שרעקלאַכן צושטאַנד, נאָר איז פולשטענדיק רואינירט געוואָרן דורכן געוואַלטדרוק אַוועקצוואַרפן זיין געווערב, וואָס האָט אים געשפייזט אין משך פון עטלאַכע יאָרהונדערטן“. דער קאָמיטעט,

וואָס האָט זיך איבערצייגט אין דער טרויעריקער לאַגע פון גאַנצן יידישן פאָלק, האָט דעריבער מורא, אַז דורך ווייטערדיקע צוואַנגסמיטלען קאָן מען ביי די איצטיקע פּאָליטישע אומשטענדן בלויז פאַרשאַפן די עמפּערונג פון דעמדאָזיקן אויף דער העכסטער שטופע געדריקטן פאָלק. אַרויסגייענדיק פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט, אָנדערקענט דער קאָמיטעט פאַר נויטווענדיק: אויפן ראַדיקאַלסטן אופן אָפּצושטעלן די מהומה און איבערלאָזן די יידן אויף זייערע איינגעזעסענע ערטער און דערלויבן זיי ווייטער זיך צו באַשעפטיקן מיט די עסקים, וואָס דער 34 פונקט האָט פאַרבאָטן.

די רעגירונג איז געווען געצוואונגען נאָכצוגעבן. געווירקט האָבן אויף איר נישט אַזוי די דייטלאַכע אומבאַשטרייטבאַרע מאָטיוון פון קאָמיטעט, וואָס זיינען אייגנטלאַך געווען אַ שרעקלאַכע קריטיק פונם דעמאָלטיקן סיסטעם פון מלוכה-אַפּוטרופּסות, ווי יענע פּאָליטישע אומשטענדן”, אויף וועלכע עס איז אָנגעוויזן געוואָרן ביים סוף פון מעמאָריאַל. אויף רוסלאַנד האָט זיך אָנגערוקט נאַפּאָלעאָנס אַרמיי. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אַלרוסישער קריג, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַן אייראָפּייאישן.

אין אַזאַ מאָמענט, בעת די פראַנצויזישע אַרמיי האָט פּאַקטיש פאַרפלייצט גאַנץ מערב-רוסלאַנד, איז געווען אַ סך געפערלאַכער צו שאַפן דאָרטן גאַנצע שיכטן פון פאַרפאָלגטע און אויפגערעגטע, ווי אין יאָר 1807, ווען מען האָט זיך בלויז געשראָקן פאַרן פראַנצויזישן אָנפאַל. און אויף דעם אופן איז די פראַגע וועגן איבערלאָזן די יידן אין די דערפער און דערפלאַך געלעזט געוואָרן אין גינסטיקן זין פון זיך אַליין, אָן אַ שום ספּעציעלן דעקרעט. רוסלאַנד, וואָס האָט זיך אין מאָמענט פון געפאַר אַ טרייסל געטאָן, האָט, כדי זיך צו ראַטעווען, געמוזט אָנשטרענגען די קרעפטן פון אַלע אירע איינוואוינער, אפילו אויך פון די יידן.

**דער קריג פון יאָר 1812.**

די ראָל פון די יידן אין קריג פון 1812 איז גאָרנישט געווען אַזוי אומבאַדייטנדיק, ווי עס איז אָנגענומען צו גלויבן אויפן גרונט פון דעם פאַקט, וואָס די יידן אין דעמאָלטיקן רוסלאַנד זיינען נישט גענומען געוואָרן צום ווירקלאַכן מיליטערדינסט. דאָס טעאַטערפלאַץ פון גרויסן קריג איז געווען

יענע מערבֿרוסלאַנד—הויפּטזעכלאַך ווייסרוסלאַנד און ליטא—וואָס האָט געהאַט אַ קאָמפּאַקטע יידישע באַפעלקערונג אין די שטעט, שטעטלאַך און דערפער.

פון סימפּאַטיע פון דערדאָזיקער באַפעלקערונג צו איינעם פון די קריגספירנדיקע צדדים איז זייער אָפט געווען אָפּהייניגיק דער ערפאָלג אָדער די מפלה פון אַרמייטייל, וואָס האָט זיך געפונען אין יענער געגנט. די פּאָליאַקן, ווי עס איז באַקאַנט, האָבן דאָס רב סימפּאַטיזירט מיט באָפּאָלעאָנען, פון וועלכן זיי האָבן געוואַרט, אַז ער וועט זיי ווידער אויפבויען זייער פּוילישע מלוכה. אַ סך קאָמפּליצירטער האָבן זיך פאַרגעשטעלט די באַציונגען פון דער יידישער געזעלשאַפט צו די שטרייטנדיקע צדדים. פון איין זייט האָבן די נאָר וואָס אָפּגעשטעלטע רדיפות אויף יידן אין די דערפער געדאַרפט אַרויסרופן ביי זיי פיינטלאַכע געפילן צו דער רוסישער רעגירונג, און ווען דידאָזיקע רדיפות וואָלטן זיך ווייטער געהאַלטן, וואָלטן די פאַרפאָלגטע געוועסט באַגעגנט די פראַנצויזישע אַרמיי אַלס זייער רעטערין; אָבער דער גרוש פון די דערפער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן נאָך מיט דריי יאָר פריער פאַרן קריג, און, אויסערדעם, האָט זיך פאָרגעזען דאָס פולשטענדיקע אָפּשאַפן פונם דאָזיקן האַרטן געזעץ, וואָס איז אַזוי שאַרף באַקעמפט געוואָרן אין אָפיציעלן מעמאָריאַל פון קאָמיטעט. פון דער אַנדערער זייט איז שוין נאַפּאָלעאָנס גלאַנץ אַפילו אין די יידישע מערבֿקרייזן שטאַרק אָפּגעבלאַקירט. אין רוסלאַנד, וואו די יידישע געזעלשאַפט איז אינגאַנצן געווען אָרטאָדאָקסיש, האָט מען אויף נאַפּאָלעאָנס המצאות געקוקט ווי אויף אַ שטאַרקער געפאַר; דאָס פאַרוואַנדלען די קהל-אויטאָנאָמיע אין אַ קלעריקאַלער-אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעוויזן צו זיין זייער געפערלאַך פאַר דער נאַציע. די חסידישע מאַסן, די אַממייסטן קאָנסערוואַטיווע, זיינען געווען דאַנקבאַר אַלעקסאַנדער I דערפאַר, וואָס ער האָט זיי געגעבן דאָס רעכט (לויטן סטאַטוט פון רעגולאַמין אין 1809 וועגן „סעקטן”) זיך אויסצוטיילן אין באַזונדערע סינאַגאָגעס אין די געמיינדען גופא. דער מנהיג פון די ווייסרוסישע חסידים, רב שניאור-זלמן, וואָס איז אָנפאַנגס געשטאַנען אונטערן חשד פון דער רוסישער רעגירונג, איז אָבער שפּעטער „אָנדערקענט געוואָרן אַלס „נישט פאַרדעכטיק”. ער האָט אויסגעדריקט די באַציונג פון דער אָרטאָדאָקסישער יידישער געזעלשאַפט צו ביידע שטרייטנדיקע מלכים אין פאָלגענדיקער נביאות: „אויב עס וועט

מנצח זיין באַנאַפּאַרט, וועט זיך די יידישע עשירות פאַרגרעסערן און זייער לאַגע (די בירגערלאַכע) וועט זיך אויפהויבן, אָבער דערפאַר וועט זיך אָפּווענדן זייער האַרץ פון אונזער פאָטער אין הימעל. אויב עס וועט אָבער מנצח זיין אונזער מלך אַלכּסנדר, וועלן זיך די יידישע הער־צער דערנענטערן צו אונזער פאָטער אין הימעל, כאָטש די אָרעמקייט פון די בני־ישראל וועט זיך פאַרגרעסערן און זייער לאַגע דערנידערן". דאָס האָט באַדייט, אַז מען דאַרף העכער שטעלן די רעכטלאָזיקקייט פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג, אויף וויפיל די ערשטע איז צונויפגעבונדן מיט דער אומבאַרירלאַכקייט פון רעליגיעזן לעבן, און די לעצטע מיט זיין אונטערגאַנג.

די אַלע מאָטיוון אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אינסטינקטיווער אויפרעגונג פון די מאַסן געגן דעם אָנפאַלנדיקן שונא, האָבן געבראַכט דערצו, אַז די יידן פון דער צפון־מערב־געגנט האָבן אומעטום פּראָקלאַ־מירט זייערע איבערגעבנהייטסגעפילן פאַר די אינטערעסן פון רוסלאַנד און האָבן אָפט געגעבן דער רוסישער אַרמיי פּאָקטישע באַווייזן דורך זייער מיטאַרבעט אויפן אויספאָרשונג־און אַפּראָוויזאַציע־געביט. דער באַ־קאַנטער רוסישער פּאַרטיזאַן דאַווידאָוו דערציילט: „די שטימונג פון די גראָדנער פוילישע איינוואוינער איז געווען פאַר אונז זייער נישט גינ־סטיק; פאַרקערט, זיינען אָבער בכלל אַלע יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין פוילן, געווען אונז אַזוי איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט דינען דעם שונא אַלס „אויסשפּירער" און זייער אָפט פלעגן זיי אונז ברענגען וועגן אים גאַנץ וויכטיקע ידיעות."

צוליב דער נישט אויפריכטיקקייט פון די אַדמיניסטראַטאָרן־פאַ־ליאַקן האָט מען געמוזט איבערגעבן די גאַנצע פּאָליציימאַכט אין גראָד־נע דעם יידישן קהל. דער ווילנער גובערנאַטאָר האָט עדות געזאָגט, אַז „דאָס יידישע פאָלק האָט בעתן אָנפאַל פון שונא אַרויסגעוויזן אַ שטאַר־קע איבערגעבנקייט צו דער רוסישער רעגירונג". די פאָליאַקן זיינען געווען שטאַרק אויפגערעגט פון דער יידישער רוסנפריינטשאַפט; עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די פאָליאַקן גרייטן זיך אויסצושעכטן אַלע יידן און רוסן אין ווילנער און מינסקער גובערניע און אויך אין ביאַליסטאָקער קאַנט. גאַנץ אָפט פלעגן די יידן אַרויסווייזן מסירת־נפש־דיקע העלדישקייט. די יידן, וואָס פלעגן באַהאַלטן אין זייערע הייזער רוסישע קורירן מיט טעלעגראַמעס, וואָס האָבן זיי אָפּגעפירט צום רו־

סישן מיליטערפירער, אָדער וואָס פלעגן איבערגעבן די רוסישע קאָמאַנדירן ידיעות וועגן דעם צושטאַנד פון דעו פייגטלאַכער אַרמיי — פלעגט מען שיסען אָדער הענגען, אויב זיי זייבען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פראַנצויזן. אַלעקסאַנדער I האָט געוואוסט פון דידאָזיקע העלדנטאַטן. אין קאַליש האָט ער אָנגענומען אויף אַן אוידיענץ די קהל-מיטגלידער און האָט זיך מיט זיי אַ צייט אונטערגעהאַלטן. צווישן די יידן פון יענער געגנט האָבן צירקולירט אויפרופן אין דער פאָלקסשפּראַך, וואו מען האָט פאָרגעלייגט מתפלל צו זיין פאַרן נצחון פון אַלעקסאַנדער I, וועלכער וועט אויסלייזן די יידן פון גלות. דער פאַטריאָטישער עקסטאַז בכלל האָט אויך פאַרכאַפּט אין אַ געוויסער מאָס די יידישע מאַסן.

ביים הויפּטשטאַב פון דער רוסישער אַרמיי, וואָס איז געגאַנגען אויף מערב, האָבן זיך אין יאָר 1813—1812 געפונען צוויי יידישע דעפּוטאַטן: זונדל זאָנענבערג פון גראָדנע און לייזער דילאָן פון ניעסוויזש. דידאָזיקע צוויי געזעלשאַפטלאַכע טוער האָבן דאָ, ווי עס שיינט, בעתן מאַרש געשפּילט אַ צווייפאַכע ראָל — אַלס גרויסע ליפעראַנטן, וועלכע פלעגן באַקומען אוממיטלבאַרע דירעקטיוון פון דער אינטענדאַנסטווע און איבערגעבן זיי זייערע אַגענטן אויף די ערטער און אַלס באַפולמעכטיקטע פון די קהלס אויף איבערצוגעבן מכח זייערע באַדערפענישן דעם קייזער און די הויכע באַאַמטע. אין יענע מהומהיאָרן איז געווען נוצלאַך צו האַלטן ביים הויפּטשטאַב פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָבן געקאָנט ווירקן אויף זייערע פאָלקסברידער אין גייסט פון די פאָליטישע אינסטרוקציעס, וועלכע זיי האָבן באַקומען אין יוני 1814. געפינענדיק זיך אין אויסלאַנד (אין ברוכזאַל) האָט אַלעקסאַנדער I דורך דידאָזיקע דעפּוטאַטן אויסגעדריקט „די יידישע קהלס זיין אַלגנעדיקע וואוילגענויגטקייט” און האָט צוגעזאָגט אינגיכן צו געבן אַ באַשטימונג בנוגע זייערע (די יידישע) וואונשן און בקשות מכוח אויסבעסערן זייער איצטיקע לאַגע.” געפינענדיק זיך נאָך אונטערן איינדרוק פון די ידיעות וועגן דער פאַטריאָטישער שטימונג פון די יידן, איז אַלעקסאַנדער I גענייגט געווען אויסצובעסערן זייער לאַגע. אָבער די אַלגעמיינע רעאַקציע, וואָס האָט נאָכן ווינער קאָנגרעס אַרומגעכאַפּט אייראָפּע און אויך רוסלאַנד, האָט זיך אַרויסגעוויזן קאַטאַסטראָפאַל אויך פאַר די רוסישע יידן.

**דער עקאָנאָמישער צושטאַנד און זיינע קריזיסן.**

די פּאָליטישע קריזיסן פון דער איבערגאַנגס-עפּאָכע (1789—1815) האָבן נישט געקאָנט נישט אַרויסרופן קיין עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפעס אין לעבן פון די פּויליש-רוסישע יידן. די מיליאָניקע יידישע באַפעלקערונג פון די מערב-רוסישע גובערניעס האָט זיך אין יענער צייט צוטיילט אויף צוויי חלקים: די גרעסערע העלפט האָט געלעבט אין די שטעט און שטעטלאַך, און די קלענערע אין די דערפער. די אָנשטרייינגונגען פון דער רוסישער רעגירונג פון יענער עפּאָכע, אומצוואַנדלען די גאַנצע יידישע מאַסע אין אַ שטאָטישן שטאַנד, אויסטיילנדיק פון איר אַריי ערדאַרבעטער, האָבן נישט דערגרייכט דעם געווינשטן ציל, אָבער דערפאַר איז זיי געלונגען צוצושטערן דעם פריערדיקן גלייכגעוויכט צווישן די שטאָטישע און דאָרפישע יידישע געווערבן.

דער שטאָטישער ייד איז געווען אַ הענדלער, בעל-מלאכה אָדער שיינקער. אין אַ סך שטעט באַמערקט זיך אַ דייטליכער איבערגעוויכט פון דער יידישער קויפמאַנשאַפט איבער דער קריסטלאַכער. איבערהויפּט האָט זיך אין יענער צייט פאַרשטאַרקט דער אָנטייל פון יידן אין אויסערלאַכן האַנדל: אַ מאַסע סוחרים פלעגן פאָרן יערלאַך אויף די אויסלענדישע ירידים (אין לייפּציג און אַנד.) איינצוקויפן סחורות, איבערהויפּט מאַנופאַקטור; אַהין פלעגן זיי עקספּאָרטירן די פּראָדוקטן פון פּוילן און רוסלאַנד: פּוטערוואַרג, פעל א. אַז. וו. וואָס ברייטער די פּוילישע טעריטאָריע איז אַריין אין צוזאַמענשטעל פון רוסלאַנד, אַלץ מער האָט זיך פאַר די אימפּאָרטירטע אויסלענדישע סחורות געעפנט ברייטע ניי-מערק—די אינערלאַכע רוסישע גובערניעס. די יידן האָבן זיך אַהין אַ לאָז געטאָן, האָבן זיך אָבער באַלד אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די רוסישע סוחרים, וואָס האָבן אויפגעהויבן אַ ויצעקו וועגן דער קאָנקורענץ און געפאָדערט פון דער רעגירונג אָנצודערקענען דעם מאָנאָפּאָל פון די אינלענדישע „קולאַקען“ צום שאָדן פון קאָנסומענט. די מאָנאָפּאָליסטן איז, אמת, נישט געלונגען אינגאַנצן צו פאַרמאַכן דעם אינערלאַכן מאַרק פאַר די פּראַכטפולע און ביליקע אויסלענדישע סחורות, חעלכע די יידישע סוחרים פלעגן דאָך אַריינפירן אין די דערלויבטע טערמינען פון זייער צייטווייליקן וואוינען אויסערן תחום המושב (לויטן רעגלאַמין פון 1801 פלעגן אַזעלכע נסיעות דערלויבט ווערן אויף ספּע-

ציעלע גובערניאַלע פּאַספּאָרטן). דער פרייער יידישער האַנדל איז אָבער שטאַרק געשטערט געווען דורכן גרענעצקאָרדאָן צווישן מערב- און מזרח-רוסלאַנד. די צווייטע שטאָטישע פּראָפעסיע, די מלאכה האָט מען גע-האַלטן פאַר אַ נידעריקערע מדרגה ווי דעם האַנדל: מיט מלאכה האָט זיך פאַרנומען דער אָרעמסטער קלאַס. די האַנדווערקעראַרבעט האָט זיך זייער שלעכט אָפּגעצאָלט. צעך-אָרגאַניזאַציעס, ספּעציעל יידישע זיינען געווען ווייניק. און אַז פון דעם אָרעמען שטעטל פלעגט זיך דער יידי-שער בעל-מלאכה אַ לאָז טאָן זוכן פאַרדינסטן אין דער גרויסער שטאָט, פלעגן אים דאָרט די אָרגאַניזירטע קריסטלאַכע צעכן מאַכן אַ שיינעם קבלת-פּנים. אין דער פוילישער וואַרשע האָט נאָך ערב דער צווייטער חלוקה אַזאַ מין קבלת-פּנים אָנגענומען די פאָרם פון אַ פּאָגראָם. נעבן געוועלב און דעם ווערקשטאַט איז געשטאַנען די קרעטשמע און דער שיינק, וואָס האָט זיך געווענלאַך פאַרייניקט מיט דער אכסניה אָדער איינפאָרהויף. דער בראָנפנפאַרקויף אין די שטעט איז דער עיקר גע-ווען אויסגערעכנט אויף די פויערים, וואָס קומען פון די דערפער אין תגאות און מערק-טעג. אָבער אין די שטעט האָט דער בראָנפנהאַנדל פאַרנו-מען אַ צווייטראַנגיקן אָרט: זיין הויפּטנעסט האָט זיך געפונען אין די דערפער.

אַלע ערנסטע פאָרשער פונם דעמאָלטיקן עקאָנאָמישן צושטאַנד זאָגן עדות, אַז אין די שטעט און דערפער איז די יידישע פאַרמיטלונגס-אָדער האַנדווערקאַרבעט געווען דער הויפּט-יסוד פון דער קולטורווירט-שאַפט, אַז אָן דעם יידן קאָן מען נישט קויפן, נישט פאַרקויפן, נישט עפּיס פאַרטיק מאַכן. דער ייד האָט געשטרעבט צו פאַרביליקן דעם פּראָדוקט ווי אין מלאכה אַזוי אויך אין האַנדל, ער האָט זיך באַ-נוגנט מיטן קלענסטן ריוח, ווייל זייער אויסגערעכט פלעגט ער באַ-פרידיקן זיינע פיזישע באַדערפענישן. אַ דאַנק דער פאַרמיטלונג פון יידישן איבערקויפער, וואָס איז שטענדיק און אומעטום געווען ביים האַנט, האָט דער פויער אויפן אָרט פאַרקויפט אַלע זיינע פּראָדוקטן, אַפילו אַזעלכע מינדערווערטיקע, וועלכע עס האָט זיך אים גאָרנישט געלוינט צו פירן אין שטאָט. און ביי דערדאָזיקער אומדערמידלאַכער, פיבערהאַפטער אַרבעט איז דער ייד דורכשניטלאַך געווען דערזעלבער אָרימאַן ווי דער פויער, כאָטש פאַר אים איז לגמרי געווען פרעמד איינע פון די סבות פון פויערשן חורבן—די שכרות. דאָס איז אַרויסגע-רופן געוואָרן דורכדעם, וואָס די שטעט און שטעטלעך זיינען געווען

איבערפילט מיט הענדלער און בעלי-מלאכות, און באַזונדערס האָט זיך עס געלאָזן פילן צוליבן סיסטעמאַטישן אַרויסשטופן די יידן פון זייערע אַלטע געווערבן און דורכן מענטשנצופלוס פון דאָרף אין שטאָט.

בעת די אָפיציעלע אַקטן האָבן גערעט וועגן דעם יידישן „בראָנפנגע-ווערב" אין די דערפער, ווי וועגן זייער אויסשליסלאַכער באַשעפטיקונג, האָבן זיי נישט גענוי באַשטימט דעם אומפאַנג פון די יידישע דאָרף-עסקים בכלל, וואָס זיינען געווען צונויפגעבונדן מיטן בראָנפנגעווערב, און וואָס האָבן זיך אָבער מיט אים נישט געדעקט. אַרענדירנדיק ביים פּריץ אָדער ביי דער רעגירונג די פּראָפּינאַציע, האָט דער ייד געהאַט אין אַרענדע אויך די איבעריקע צווייגן פון לאַנדווירטשאַפט—די מילכפּער-מע, די מיל, דעם פישפאַנג; דערצו פלעגט ער זיך באַשעפטיקן מיט איבערקויפן תבואה ביי די פויערים און פאַרקויפן זיי די נויטווענדיק-סטע ווירטשאַפטסחורות—זאַלץ, כּלים, קאָסעס, סערפּן א. אַז. וו. וואָס ער פלעגט ברענגען פון שטאָט. געוועגלאַך האָט דער ייד פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ ווײנהענדלער, אַ קרעמער און אַן איבערקויפער. אויפן גאַנצן וועג פון שטאָט אין דאָרף האָט זיך געצויגן אַ קייט יידישע קרעטשמעס און איינפאָרן, וואָס האָבן דעמאָלט, אין דער צייט פון פערדפאַרקער, געדינט אַלס סטאַציעס פאַר די רייזנדער. די דאָזיקע גאַנצע ווירטשאַפט-לאַכע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין פאַרלויף פון גאַנצע יאָרהונדערטער, האָט די רוסישע רעגירונג געשטרעבט חרוב צו מאַכן.

נאָך אין די צייטן פון יעקאַטערינע II פלעגן די גובערנאַטאָרן אָפּט טרייבן די דאָרפישע יידן אין די שטעט, זיך שטיצנדיק אויפן „גרונטגעזעץ", וואָס פאָדערט פון די יידן זיך צוצושרייבן צו דער „קויפמאַנשאַפט אָדער צום בירגערטום". דער צווידייטיקער דעקרעט פון יאָר 1793 וועגן דעם, אַז מען זאָל „זען איבערפירן די יידן אין די קרייזשטעט, כּדי דידאָזיקע מענטשן זאָלן זיך נישט אַרומשלעפן צום שאָדן פון דער געזעלשאַפט", האָט פונאַנדערגעבונדן די הענט פון די ברייהשע אַדמיניסטראַטאָרן.

בער עס איז אַרויס דאָס געזעץ פון יאָר 1804 וועגן אַרויסזעצן אין דריי יאָר אַרום אַלע יידן פון די דערפער, האָבן אַ סך גוטסבאַזי-צער, נישט דערוואַרטנדיק זיך דעם טערמין, אָנגעהויבן אָפּזאָגן זייערע יידישע אַרענדאַרס אין וואַרין-און האַנדלסרעכט אין די דערפער. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צופלוס אין די שטעט, וואו עס זיינען נישט

געווען קיין עקזיסטענצקוועלן פאַר די פריערדיקע איינוואוינער. די רע־גירונג האָט געזאָגט די פאַרפאָלגטע צו צוויי נייע פּראָפעסיעס—צו גרינדן פאַבריקן און לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָלאָניעס. צו עפענען אַ פאַבריק האָט דער אָרעמער דאָרפסמאַן נישט געהאַט קיין געלט און קיין פעהיקקייט און בכלל איז אוממעגלאַך געווען קינסטלאַך צו פלאַנצן דאָס פאַבריקגעווערב, נישט פאַרזיכערנדיק זיך פריער מיטן מאַרק, וואו אָפּצוזעצן די פּראָדוקטן. אין ליטא און וואָלין האָבן די יידן געגרינדעט עטלאַכע פאַבריקן פאַר וואָלענע שטאָפן, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט געבן קיין אַרבעט פאַר צענדליקער טויזנטער מענטשן. און אָט האָבן זיך אַלע אויגן געווענדט צו דער לאַנדווירטשאַפט־לאַכער קאָלאָניזאַציע.

דורכן דעקרעט פון 1804 האָט מען צוגעזאָגט די אומבאַמיטלטע יידן, וואָס ווילן ווערן ערדאַרבעטער, צו געבן מלוכהערד אין אַ גאַנצער ריי גובערניעס, געלטהלוואות אויף זיך איינצואָרדנען און באַפרייען זיי פון שטייערן אין פאַרלויף פון עטלאַכע יאָר. די אַרויסגעטריבענע דאָרפס־לייט האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דערדאָזיקער הבטחה ווי אָן אַ רעטונגס־אַנקער. אין יאָר 1806 האָט זיך אַ גרופּע יידן פון מאָהילעווער גובער־ניע (פון טשיריקאָווער און מסטיסלאַווער קרייזן) געווענדט מיט אַ בקשה צום גובערנאַטאָר זיי איבערצופירן אין גרויסרוסישן קאַנט, וואו זיי ווילן זיך פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט. דער באַפולמעכטיקטער פון דידאָזיקע גרופּעס, נחום פינקעלשטיין, איז געפאָרן קיין פּעטערבורג און האָט פאָרגעשטעלט זיין ביטע דעם מיניסטער קאָטשובעי און לויטן מיניסטערס דירעקטיוו איז ער געפאָרן אין כערסאָנער גובערניע אויסצופאָרשן און אויסוויילן דעם באָדן. דער מיניסטער, פאַרשטענדיקנדיק זיך מיטן כער־סאָנער גובערנאַטאָר רישעליע, האָט באַשלאָסן איבערצוגעבן די יידן באַזונדערע ערדשטחים אין די דאָרטיקע סטעפּעס און באַזעצן זיי דאָרט אונטער דער אויפזיכט פון „אַ ספּעציעלער איבערפירונגסקאַנטאָר". די ער־שטע מאָהילעווער גרופּן האָבן נאָך אַפילו נישט געהאַט באַוויזן זיך צו צוגרייטן צו דער איבערוואַנדערונג און פון פאַרשידענע גובערניעס (טשער־ניגאָווער, וויטעבסקער, פּאָדאָליער און אַנד.) האָבן זיך אַ שאָט געטאָן בי־טעס פון אַ גאַנצער מחנה יידישע גרופּן איבערצופירן זיי אין די ניי־רוסישע לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָלאָניעס. די צאָל פון די בעלנים איז אין סוף 1806 דערגאַנגען ביז 1500 פאַמיליעס, אַן ערך

7000 מאַן. די רעגירונג האָט פאַרלאָרן דעם קאָפּ: זי איז נישט צוגעגרייט געווען איבערצופירן אויפן מלוכה-חשבון אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן.

אין יאָר 1807 זיינען געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע אַרבעטערקאָלאָניעס אין דרום-רוסלאַנד: באָבראָווי קוט, סיידעמינוראַ, דאָבראַיאַ, איזראַאילעווקאַ (אַלע אין כערסאָנער גובערניע) און דאָרט האָבן זיך באַזעצט אַן ערך 300 פאַמיליעס, וואָס זיינען באַשטאַנען פון 2000 מענטשן.

די צאָל יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַזעצן אין קאָלאָניעס, איז כסדר געוואַקסן. אין משך פון גאַנצן 1808 יאָר, ד. ה. בעת דעם פאַרשטאַרקטן יידישן גרוש פון די דערפער, האָבן די ווייסרוסישע מיניסטאָרן פאַרשאָטן דעם אינערנמיניסטער מיט זייערע ביטעס אַריינצולאָזן אין ניירוסלאַנד אַ מעגלאַכסט גרויסע צאָל יידישע פאַמיליעס. „די דאָרפישע יידן—האָט געמאָלדן דער וויטעבסקער גובערנאַטאָר—„האָט מען פאַרן טערמין אַרויסגעטריבן, רואינירט, אַריינגעטריבן אין אָרעמקייט; דער גרעסטער טייל איז געבליבן אָן אַ דאַך און אָן ברויט. און דעריבער ציען זיי זיך מאַסנווייז קיין ניי-רוסלאַנד. אַ סך יידן, האָפנדיק איבערצוואַנדערן קיין ניירוסלאַנד, האָבן פאַרקויפט זייער האָב און גוטס און בעטן זיך אָן אַן אויפהער אַהין צו וואוינען." אָבער אין דערזעלבער צייט זיינען פון דער איבערפירונגקאַנטאָר פון ניירוסלאַנד און פון מיניסטער רישעליע אָנגעקומען קיין פעטערבורג באַריכטן וועגן דער נויטווענדיקייט אָפּצושטעלן דעם איבערפירונגסשטראָם, ווייל די ערשטע קאָלאָניסטנפאַרטיעס האָבן זיך קוים איינגעאָרדנט, און פאַר נייע איז נישטאָ נישט קיין הייזער און נישט קיין מכשירים. אָנפאַנגס יאָר 1810 זיינען שוין אין דער איבערפירונגסקאַנטאָר געווען רעגיסטרירט ביז טויזנט קאָלאָניסטנפאַמיליעס, און דערצו האָבן נאָך עטלאַכע הונדערט טויזנט „פרייוויליק" אָנגעקומענע אימיגראַנטן געוואַרט, מען זאָל זיי איינאָרדנען. צוליב די נייע קלימאַטישע בעדינגונגען צוליב, דעם מאַנגל אין דירות און נארונג, האָבן זיך צווישן דערדאָזיקער מאַסע אָנגעהויבן פאַרשפרייטן קראַנקהייטן. דאָס אַלץ האָט געצוואונגען דער רעגירונג צייטווייליק אָפּצושטעלן דאָס באַזעצן די יידן אין די ניירוסישע קאָלאָניעס (דער דעקרעט פון 6 אַפּריל 1810). אויף דעם אופן וואָלט די פראָבע צו פאַרוואַנדלען אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ערדאַרבעטער, געקאָנט האָבן זייער אַ גרויסן ערפאָלג, ווען די רעגירונג זאָל געווען זיין ווי געהעריק צוגעגרייט צו אַזאַ

ווירטיקער, עקאָנאָמישער איבערקערעניש. אַ צענדליק טויזנט עמיגראַנטן איז אַוועק קיין ניירוסלאַנד, און נאָך זיי האָבן זיך אַהין געריסן קאָמפאַקטע אומגליקלאַכע מאַסן, אָבער די רעגירונג, דערשרעקנדיק זיך פאַר דער שווערקייט פון דער אַרבעט, האָט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט דידאָזיקע באַוועגונג. אין דערזעלבער צייט האָט מען אויך אָפּגעשטעלט דעם צוואַנגסגרוש פון די דערפער אין די מערב-גובערניעס, וואָס האָט געדראָט מיט אַן אומגעווינלאַכער עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע. נאָך אַ גאַנצע ריי וואַקלענישן און קריזיסן האָט זיך דאָס עקאָנאָמישע יידישע לעבן ווידער פאַרפעסטיקט אויף די אַלטע יסודות פון האַנדל, מלאכה און דאָרפגעווערב.

**דער קריזיס פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג. קהלם און מאַגיסטראַטן.**

דער סיסטעם פון מלוכה-אַפּוטרופּסות האָט אָנגערירט אויך די זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די יידישע קהלות. שוין צום סוף פון יעקאַטערינע II רעגירונג האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן די רעגירונגסטענדענץ צו פאַרשמעלערן די ברייטע קהלה־אויטאָנאָמיע, וואָס איז סאַנקציאָנירט געוואָרן פריער, בעת עס איז נאָך געווען פריש אין זכרון דער קייזערינס הבטחה צו די ווייסרוסישע איינוואוינער „איבערצולאָזן זיי די פריערדיקע פרייהייטן." נישט צוגעווינט צו דער „זעלבסטשטעטיקקייט" פון אירע אונטערטאַנען, האָט די רוסישע רעגירונג פאַרדעכטיק געקוקט אויף די ברייטע פונקציעס—דיווירטשאַפטלאַכע, גייסטיקע און געריכטלאַכע, וואָס די קהלות האָבן געמעגט אויספירן צוזאַמען מיט זיירע פיסקאַלע פליכטן אויפצומאָנען די שטייעראָפּצאָלונגען. דורך די דעקרעטן פון די יאָרן 1795 און 1796 איז די קהלהטעטיקקייט באַשרענקט געוואָרן בלויז מיטן געביט פון גייסטיקע און שטייער-ענינים. „די יידישע קאָנסטיטוציע" פון יאָר 1804 איז נאָך ווייטער געגאַנגען: זי האָט איינגעטיילט דידאָזיקע צוויי פונקציעס צווישן ראַבינאַט און דעם קהל, וואָס האָבן פריער פאָרגעשטעלט מיט זיך איין גאַנצעס; די רבנים איז דערלויבט געווען „אַכטונג צו געבן אויף די גלויבנסמנהגים און פסקנען דיני-תורה, בנוגע דער רעליגיע", „די קהלס אָבער מוזן זען זאָרגן, אַז די רעגירונגסשטייערן זאָלן פּינקטלאַך אָפּגעצאָלט ווערן". צו דעם איז דערפירט געוואָרן די גאַנצע אויטאָנאָמיע פון די יידישע קהילות אין פוילן, מיט איר ברייטער נעץ אינסטיטוציעס

און צענטראַלע „ועדים“—סיימען. עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַקטיש איז
די זעלבסטפאַרוואַלטונג געווען אַ סך ברייטער ווי אויפן פּאַפּיר. די יידן
האָבן זיך כּסדר אויך ווייטער געווענדט מיט זייערע פאַרמעגנס-סכסוכים
צו די רבנים; דער פאַרבאָט וועגן „חרם“ אויף אפּקורסים איז נישט
שטענדיק אָפּגעהיט געוואָרן, ווייל דאָס גייסטיקע געריכט האָט נישט אָפּע-
רירט מיט קיין אַנדערע אָפּשרעקונגסגעווער. פון דער צווייטער זייט
האָט די רעגירונג, נויטיקנדיק זיך אין דעם שטייערדינסט פון קהל
און בכלל אין וועלכער עס איז פאַראַנטוואָרטלאַכער אָרגאַניזאַציע, כּדי
זיך צו קאָמוניקירן מכּח די יידישע ענינים—געמוזט מסכּים זיין צו דער
פאַרברייטערטער קהל-טעטיקקייט אויסער דער ספערע פון פיסקאַל-אָנגע-
לעגנהייטן. בעת די רעגירונג האָט זיך געדאַרפט דערוויסן די מיינונ-
גען פון די יידישע קהלות וועגן וועלכער עס איז פּראָיעקטירטער רע-
פאָרם, פלעגט זי זיך ווענדן צו די קהלס און זיי באַפולמעכטיקן צו
שיקן דעפּוטאַטן קיין פעטערבורג אָדער אין די גובערניע-שטעט (1807
—1805).

דאָס איז געווען אַ צוואַנגסקאָמפּראָמיס מיט די קראַפטפאַרהעל-
טענישן, מיטן כּח פון אַ קאָמפּאַקטער מאַסע, וואָס האָט געלעבט אייגנ-
אַרטיק און האָט זיך נישט געוואָלט אויפלעזן ביז צו אַסימילאַציע מיט
דער אַרומיקער באַפעלקערונג, ביזן צונויפגיסן אַלע אירע געזעלשאַפט-
לאַכע אינטערעסן מיט די אויפגאַבען פון דער מוניציפאַלער זעלבספאַר-
וואַלטונג. און באמת האָט די רוסישע רעגירונג יאָרן לאַנג געשטרעבט
צו אַזאַ מין „מוניציפּאַליזאַציע“ פון די יידישע קהילות. פון יעקאַטערי-
נע II צייטן אָן האָט זיך די רעגירונג געטראָגן מיטן געדאַנק „צו
פאַרניכטן דעם יידישן סעפּאַראַטיזם“, איינשליסנדיק זיי אין די שטאַנדן
פון סוחרישע און בירגערלאַכע אָרגאַניזאַציעס. בעת די יידן האָבן אין יאָר
1780 באַקומען דאָס ביז איצט נישט געהערטע רעכט אָנטייל צו נעמען
אין דער שטאָטישער זעלבספאַרוואַלטונג אַלס ווילער און געוויילטע
מיטגלידער פון די מאַגיסטראַטן און שטאָטישע געריכטן, האָבן די פּע-
טערבורגער געזעצגעבער געקלערט, אַז די באַגליקטע יידישע
געזעלשאַפט וועט זיך תּיכּף אָפּזאָגן פון דער אַלטער קהל-אויּ-
טאָנאָמיע און וועט זיך צונויפגיסן מיט די קריסטלאַכע שטאַנדן אין
דער אַלגעמיינער שטאָטישער זעלבספאַרוואַלטונג. נישט די יידישע און
נישט די קריסטלאַכע געזעלשאַפט האָבן דידאָזיקע האָפנונגען נישט

פאַרווירקלאַכט. די יידן, נישט אָפּזאָגנדיק זיך פון זייער דורותלאַנגער
געמיינדע-אָרגאַניזאַציע, זיינען גערן געגאַנגען צו די וואַלן אין די מאַ-
גיסטראַטן, וואו עס האָבן ביז איצט בעל-הבתעוועט זייערע געשוואָרענע
פיינט—די קריסטלאַכע סוחרים און בירגער. זיי זיינען אָבער געגאַנגען
אַהין, כדי דאָרט צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן, די אינטערעסן פון
אַ באַדייטנדיקן טייל שטייערצאָלער, און דאָ האָבן זיי באַגעגנט דעם
פאַרביטערטן ווידערשטאַנד מצד די קריסטן. אין צוויי ווייסרוסישע גו-
בערניעס זיינען עטלאַכע יידן אויסגעוויילט געוואָרן אין די מאַגיסטראַטן
אַלס ראַטמענער און געריכטסמיטגלידער; אָבער דער גרעסטער טייל
קריסטן, שאַפנדיק אַ קינסטלאַכע מערהייט, האָבן נישט צוגעלאָזן די יידן
צו דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. דאָס רוסישע און באַזונדערס
דאָס פוילישע בירגערטום האָט געקוקט אויף די מוניציפּאַלע רעכט,
וואָס מען גיט די יידן ווי אויף אַ פאַרלעצונג פון זייערע איינגעבאָרע-
נע פּריווילעגיעס. רעכענענדיק זיך מיט דער געזעלשאַפטלאַכער שטימונג,
האָבן די פאַרוואַלטער פון די מערב-גובערניעס ווילקירליך פעסטגעשטעלט
אַ באַגרענצונגסנאָרמע פאַר די יידן אין מאַגיסטראַט: אין די ערשטע
מיט אַן איבערוועגנדיקער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיי דערלויבט
די יידן צו ווײלן בלויז איין דריטל פון די מאַגיסטראַטמיטגלידער.
(1796—1802) די פאָרשטייער פון דער יידישער מערהייטסבאַפעלקערונג
זיינען אויף דעם אופן אין דער שטאָטפאַרוואַלטונג שטענדיק געבליבן
אין דער מינדערהייט און האָבן נישט געקאָנט פאַרטיידיקן די אינטע-
רעסן פון זייערע פאָלקסברידער נישט ביים פאַנאַנדערטיילן די שטאָטי-
שע זאַמלונגען און נישט ביים דורכקוקן די פאַרשידענע אָנגעלעגנהייטן
אין די שטאָטישע געריכטן.

די אָנקלאַגעס פון די באַפולמעכטיקטע פון די פּאָדאָליער יידן
קיין פּעטערבורג, האָבן נישט אָפּגעשוואַכט דידאָזיקע רעכטלאָזיקייט.

אין צוויי ליטווישע גובערניעס, אַנעקסירטע נאָך דער דריטער
פוילישער חלוקה, האָט די קריסטלאַכע אָפּאָזיציע נאָך גענאָט אַ גרעסערן
ערפאָלג: דאָ האָט מען אינגאַנצן געמוזט אָפּשטעלן די ווירקונג פון
געזעץ וועגן דער פאָרשטייערשאַפט פון די מאַגיסטראַטן. בעת אין ווילנא
איז אָנגעקומען דער דעקרעט פון סענאַט מכוח צולאָזן די יידן צו די
וואַלן אויף געזעלשאַפטלאַכע אַמטן (1802), האָט די אָרטיקע קריסטלאַ-
כע געזעלשאַפט אויפגעהויבן אַ ויצעקו. דער בירגערשטאַלץ פון די אַל-

טע „שטאָטפּאַטריאָטן" און די נידעריקע שטאַנדרעליגיעזע שנאה האָט זיך
אויסגעגאָסן אין אַ ביטע, וואָס די ווילנער קריסטלאַכע בירגער האָבן
געשיקט אויפן נאָמען פון אַלעקסאַנדער I (פעברואַר 1803). די ווילנער פּראָ-
טעסטירן געגן אָנרירן זייער אַלטע פּריווילעגיע, אויפן גרונט פון וועל-
כער עס ווערט פאַרבאָטן די יידן און מענטשן פון אַן אַנדער גלויבן
צופאַרנעמען אַמטן אין דער ליטע; דאָס צולאָזן די יידן אין מאַגיסטראַט
—איז אַן אומגליק און אַ חרפה פאַר דער ליטווישער הויפּטשטאָט, ווייל
זיי (די יידן) האָבן נישט קיין שום אידייע וועגן מאָראַל, און די אָרט
פון זייער דערציונג גרייט זיי נישט צו צום באַרוף פון אַ ריכטער,
און בכלל האַלט זיך דאָסדאָזיקע פאָלק אויסשליסלאַך דורך פאַרשידענע
קאָמבינאַציעס. „ביי די קריסטן ווערט אָפּגענומען די גאַנצע לוסט אָנ-
צונעמען אַן עפנטלאַכן דינסט דעמאָלט, ווען די יידן באַקומען די
פרייהייט זיי איבערצעוואַקסן." די בקשהלייט שרעקן, אַז די יידישע
„הערשאַפט" ד. ה. זייער אָנטייל אין מאַגיסטראַט, אַפילו אין דער צאָל
פון איין דריטל גלאָסנע, וועט אונטערברעכן דאָס צוטרוי פון פאָלק צו
דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג און געריכט. „די פאָלגזאַמקייט פון די
מאַסן וועט זיך פאַרוואַנדלען אין זידלערייען, בעת דער, וואָס וועט קו-
מען אין געהייליקטן אָרט און וועט דאָרט דערזען אַ יידן און אין אים—
זיין הערשער און ריכטער, וועלכן ער טאָר זיך נישט אונטערוואַרפן
נישט לויט זיין שטאַנד, נישט לויט זיין רעליגיע. די קאָוונער קריסט-
לאַכע געזעלשאַפט האָט אין איר אָנקלאַגע מכוח דעמזעלבן ענין געבראַכט
נאָך אַן אומדערשיטערלאַכן אַרגומענט געגן צולאָזן די יידן אויף מוניצי-
פּאַלע אַמטן: אויפן געריכט-טיש שטייט אַ צלם מיט דער היי-
ליגער געשטאַלט און אַ ייד אַ געריכטס-מיטגליד וועט אויף דערדאָזיקער
פיגור נישט קוקן, און וועט דעמאָלט מיט פאַראַכטונג געגן איר טראַכטן
און דעריבער וועט מען, אָנשטאָט געריכטלאַכען יושר, זיך נאָר אויס-
לאַכן פון דעם קריסטלאַכן געזעץ. דידאָזיקע מאָטיוון האָבן זיך פאַר
דער רעגירונג אַרויסגעוויזן זייער איבערצייגלאַך: דער סענאַט האָט
ווייקגעצויגן זיין דעקרעט וועגן וויילן אין די ליטווישע מאַגיסטראַטן,
1805. אויף דעם אופן האָט די טעמפּע שנאה פון פּריווילעגירטן ביר-
גערטום ערטערווייז באַגרענעצט די יידישע טעטיגקייט אין דער שטאָ-
טישער זעלבסטפאַרוואַלטונג און ערטערווייז אינגאַנצן אַרויסגעשטופּט זיי
פון דאָרט. די יידישע געזעלשאַפטן האָבן ביי זייער גאַנצער אָבגע-

שטאַנענהייט דאָך אַרויסגעוויזן אַזויפיל ציווילן מוט, כדי צו שיקן זייערע פאָרשטייער אין פיינטלאַכן לאַגער אויף געמיינזאַמע אַרבעט צום נוצן פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג; אָבער דאָס פאַר־שלאָסענע בירגערטום דורך און דורך מיטן אָנגעזאַפּטע מיטעלאַלטער האָט נישט געוואָלט אָנדערקענען די יידן זייער בירגעררעכט. די יידן האָבן זיך געמוזט רעכנען מיטן דאָזיקן וואולגאַרען קאָנסערוואַטיזם פון דער אַרומיקער סביבה. זיי האָבן נאָך געהאַט די זעלבספאַרוואַלטונג פון זייערע געמיינדעס, און ווען זיי זאָלן געוועסט ריכטן זייער גאַנצע געזעלשאַפטלאַכע ענערגיע אויפן דאָזיקן געביט, וואָלט ווידער אין אַ געוויסער מאָס אויפגעלעבט די קהלאויטאָנאָמיע, נישט קוקנדיק אויף אַלע באַגרענצונגען מצד דער רעגירונג. צו דערדאָזיקער אויפלעבונג האָט אָבער געשטערט אַן אַנדער סיבה—יענע טיפע שפאַלטונג אין די געמיינדעס גופא, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן וואוקס פון חסידיזם אין דער צווייטער העלפט פון XVIII און האָט זיך געענדיקט אין אָנהויב פון XIX יאָרהונדערט.

**די חסידישע שפאַלטונג און דאָס אַריינמישן זיך פון דער רעגירונג.**

די צייט פון די פוילישע חלוקות איז געווען אַ שפאַלטונגסעפּאָכע אין פוילישן יידנטום. דער אויסערלאַכער חלוקה האָט באַגלייט—אַן אינערלאַכע דער פּאָליטישער—אַ גייסטיקע.

דער גוף פון פוילישן יידן איז געווען צוטיילט צווישן רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן, זיין נשמה—צווישן ראַבינאַט און חסידיזם. עס איז זאָגאַר געווען אַ סינכראָנאַטישער צוזאַמענפאַל אין די דאַטעס: דער ערשטער אַרויסטריט פון ווילנער ראַבינאַט געגן די חסידים, וואָס איז געווען דער באַזיס פון דער רעליגיעזער שפאַלטונג—איז פאָרגעקומען אין יאָר פון דער ערשטער פוילישער חלוקה (1772) און דער לעצטער, אַנטשיידענדער אַרויסטריט פון זעלבן ראַבינאַט האָט פאַרענדיקט די שפאַלטונג אין דעם יאָר, נאָך דער דריטער פוילישער חלוקה. צווישן דידאָזיקע צוויי דאַטעס ליגט דער שטח פון די חסידיזם-נצחונות. דער דרום-מערב-קאַנט (וואָלין, קיעוו, פּאָדאָליע) איז כמעט אינגאַנצן עראָבערט דורכן חסידיזם; אויסער אין עטלאַכע שטעט, האָבן זיי די אויבערהערשאַפט אין די געמיינדעס. זייער תפילה-ריטואַל איז איינגעפירט

אין אַלע סינאַגאָגעס, זייערע נשמהפאַרזאָרגער, די צדיקים, זיינען מקנא די אָפיציעלע, רבנישע גייסטלאַכקייט. אין צפון-מערב-קאַנט איז דעם חסידיזם אין משך פון דערדאָזיקער צייט געלונגען זיך צו באַפעסטיקן אין ווייסרוסלאַנד, וואָס האָט זיך גאַנצע צוואַנציק יאָר געפונען אַליין אונטער דער רוסישער הערשאַפט און איז געווען פּאָליטיש אָפּגעשניטן פון איבעריקן, נאָך נישט צוטיילטן פּוילן. דאָ האָט זיך פאַרשטאַרקט דער באַדייטנדיקער חסידישער צענטר, מיטן צדיק רבי שניאור זלמן אין דער שפּיץ. עס זיינען נאָך אָבער נישט געווען קיין קאָמפּאַקטע חסידישע קהלות; אין דאָס רב שטעט זיינען די קהלות באַשטאַנען פון ביידע עלעמענטן—פון חסידים און זייערע געגנער—רביניסטן, וואָס האָבן געהייסן מתנגדים, מיט דער איבערהערשאַפט אַמאָל פון איינער, אַמאָל פון דער צווייטער פּאַרטיי—וואָס עס איז געווען די סיבה פון די אומענדלאָכע סכסוכים אין די קהלות און סינאַגאָגעס. נאָר אין ליטע, אין דער פעסטונג פון ראַביניזם, האָט דער חסידיזם נישט איבערגעלאָזט קיין טיפע וואָרצלען. דאָ האָבן זיך אין עטלאָכע ערטער (פּיקס אַמדור, מינסק, ווילנע און אַנד.) געפונען קליינע גרופּעס חסידים, וואָס האָבן געהאַט זייערע באַשיידענע שטיבלאַך (מנינים) אין פּריוואַטע וואוינונגען און האָבן זיך אָפּט געמוזט אויסבאַהאַלטן פאַר דער קהילהמאַכט, וואָס האָט פאַרפאָלגט די סעקטאַנטן. אין יאָר 1794 האָט דער מינסקער קהל פאַרמאַכט אַ חסידישן מנין. אין ווילנע, אין דער רעזידענץ פון גרויסן גלויבנסקעמפער אליהו גאון, האָבן די חסידים פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ געהיימע „אומלעגאַלע” אָרגאַניזאַציע. בלויז אין דער פּינסקער פאַרשטאָט, אין קאַרלין, האָט זיך זיי איינגעגעבן צו שאַפן אַ פעסטע נעסט מיט ספּעציעלע סינאַגאָגעס און צדיקים (איינער פון די דאָזיקע צדיקים—שלמה קאַרלינער איז, לויט אַ לעגענדע, דערהרגעט געוואָרן אין יאָר 1792 בעת די גוואַלדטאַטן פון די פּויליש-רוסישע קאָנפעדעראַטיווע אַרמייען אין מינסקער וואָיעוואָדסטווע). פון דאַנען איז די פּראָפּאַגאַנדע בעגאַנגען איבער גאַנץ ליטע, וואו די חסידים האָבן דעריבער געהייסן „די קאַרלינער.”

די פאַרפאָלגטע ליטווישע חסידים האָבן אויפגעהויבן די קעפּ נאָך דער צווייטער און דריטער פּוילישער חלוקה, בעת דער דרום-מערב-קאַנט אין ליטע האָבן זיך ווידער פאַרייניקט מיט ווייסרוסלאַנד אונטער דער רוסישער הערשאַפט און אַלע חסידישע צענטרען האָבן באַקומען

די מעגלאַכקייט זיך צו פאַרייניקן צו אַ געמיינזאַמען אָנפאַל. די פּראָפּאַגאַנדע פאַרן חסידיזם האָט זיך פאַרשטאַרקט. כדי צו פאַרגרעסערן דעם פּראָפּאַגאַנדע-ערפאָלג, האָט מען פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז דער פּריערדיקער רודף אויף די חסידים, דער ווילנער רב-פּאַטריאַרך אליהו גאון, האָט כלומרשט חרטה אויף אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן דערדאָזיקער סעקטע און האָט אַראָפּגענומען פון איר דעם חרם. אַז דאָסדאָזיקע קונצשטיק איז דערגאַנגען ביז ווילנע, האָבן די אויפגערעגטע אָנהייבער פון ראַביניזם פאַרלאַנגט פון גרייזגרויען גאון צו פאַרעפנטלאַכן אַן אויפרוף, וואָס זאָל באַשטעטיקן, אַז די באַציונג צו די „ערעטיקער“ האָט זיך נישט געביטן און אַלע פריערדיקע „חרמות“ געגן זיי זיינען געבליבן אין זייער קראַפט (מאַי 1796). מיטן דאָזיקן אויפרוף זיינען אַרומגעפאָרן צוויי באַפולמעכטיקטע איבער אַ מאַסע שטעט צו אַגיטירן געגן די חסידים. אין אַ קורצער צייט שפּעטער איז דערשינען אַ נייער, ענערגישער אויפרוף פון ווילנער גאון, געווענדט צו די גובערניע-קהלס פון ליטע, ווייסרוסלאַנד, וואָלין און פּאָדאָליע. „איר, די בערג פון ישראל,—האָט אויסגעשריען דער אַלטער גאון,—איר, די גייסטיקע פאַסטוכער פון יעדער גובערניע, די וועלטלאַכע פירער פון יעדער גובערניע; איר, די אָנפירער פון די גובערניע-קהלס מאָהילעוו, פּאָלאָצק, זשיטאָמיר, וויניצע, קאַמענעצפּאָדאָלסק—אין אייערע הענט געפינט זיך דער האַמער, מיט וועלכן איר קאָנט צוקלאַפּן די זינדיקע, די געגנער פון ליכט, די פיינט פון פאָלק.

אָך און וויי איז דעמדאָזיקן דור!

זיי ברעכן די געזעצן, פאַרקריפּלען אונזער לערע און שאַפן אַ נייע תורה; זיי רופן אַרויס סכסוכים אין גאָטס הויז, זיינען מבאר פאַרקערט די רעליגיעזע געזעצן. מען מוז זיך נוקם זיין אָן זיי פאַר גאָטס לערע, מען מוז עפנטלאַך לפני כל עם ועדה באַשטראָפן דידאָזיקע שוטים, צו זייער אייגענעם נוצן, כדי זיי מתקן צו זיין. זאָל זיך קיינער איבער זיי נישט מרחם זיין און זיי נישט אַריבערלאָזן איבערן שוועל! טוט זיך אָן אין אַ מאַנטל פון אייפער פאַר גאָטס נאָמען!“—וואַרפנדיק דידאָזיקע ליידנשאַפטלאַכע אויסרופן פאַרן קאַמף מיט די חסידים, איז דער אַלטער ריטער פון רביניזם געווען טיף איבערצייגט, אַז די נייע סעקטע האָט שוין אין אירע רייען הונדערטער טויזנטער אַדעפּטן, און זי פירט די רעליגיע און די נאַציע צום אונטערגאַנג, ווייל זי צושפּאַלט

דעם יידישן לאַגער אינערלעך אין אַזאַ צייט, בעת ער ווערט צושפּלי־ טערט אויסערלעך דורך פּאָליטישע איבערקערענישן. געשראָקן האָט אים אויך דער חסידישער קולט פון צדיקים—בעלי מופתים, וואָס האָט זיך כסדר פאַנאַנדערגעוואַקסן און האָט באַדראָט דער אמונה־ריינקייט פון יודאַאיזם. שטאַרק פונאַנדערגעפלאַקערט האָט זיך דעם גאונס צאָרן בעת אין דעמזעלבן יאָר 1796 איז דערשינען דאָס בוך פון לידער פון די צפון - חסידים רבי זלמן, וואו עס ווערט דייטלעך פאָרגעשטעלט יענער רעליגיעז - פאַנטאַסטישער סיסטעם פון חסידיזם, אין וועלכן די קעמפער פאַר די אַלטע דאָגמען האָבן געזען גאָטלעסטערונג און אַפּיקורסות. אין גאונס פּראָקלאַמאַציע זיינען געווען רמזים אויף דאָס־ דאָזיקע בוך, און זיין מחבר האָט קרענקלעך דערשפּירט דעם קלאַפּ, וואָס איז געווענדט געווען געגן אים.

זלמן האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ געגנפּראָקלאַמאַציע, וואו ער האָט באַוויזן, אַז דער ווילנער פּאַטריאַרך איז זיך טועה בנוגע דעם ווירק־ לאַכן מהות פון חסידיזם און ער לייגט פאָר דעם געגנער אַ שריפטלאַכן דיספּוט וועגן דערדאָזיקער פראַגע, כדי אויפצוקלערן דעם אמת און „ברייננגען שלום על ישראל“. דער גאון האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט מתוכח צו זיין מיט אַן „אַפּיקורס“. דער ווילנער אויפרוף האָט זיך ביני לבינו פאַרשפּרייט און האָט אַרויסגערופן שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן די מתנגדים און חסידים, און די ערשטע זיינען געוועלאַך געווען דער אָנפאַלענדיקער צד. דערפירט דורך די פאַרפאָלגונגען צום העכסטן גראַד פון אויפרעגונג, האָט זיך די ווילנער חסידימגרופּע דערלויבט אויף אַן אומטאַקטישן שריט. ווען אין אַ יאָר אַרום איז דער זקן רב אליהו גאון געשטאָרבן (אין הערבסט 1797) און די גאַנצע ווילנער קהלה האָט שטאַרק געטרויערט,—האָט זיך דער אָרטיקער חסידישער קרייזל צונויפ־ געקליבן אין אַ הויז און האָט זיך דאָרט געמאַכט אַ פריילאַכע סעודה לכבוד דעם, וואָס די טעקטע האָט זיך באַפרייט פונם איר גרעסטן פאַר־ פאָלגער. דידאָזיקע שענדלאַכע דעמאָנסטראַציע אין טאָג פון גאונס הלויה האָט אַרויסגערופן אַ שרעקלאַכע אויפרעגונג אין דער ווילנער קהלה. אירע מנהיגים האָבן שוין אויפן בית-עולם געשוואָרן זיך נוקם צו זיין אָן די חסידים. אויפן צווייטן טאָג איז פאָרגעקומען אַן עקסטראַזיצונג פון די קהלפאָרשטייער, וועלכע האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן אַ גאַנ־ צע ריי רעפּרעסיעס געגן די חסידים. צוזאַמען מיט די עפנטלאַכע

רעפּרעסיעס, ווי, צום ביישפּיל, אַ נייער חרם אויף די סעקטאַנטן, זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן געהיימע באַשלוסן. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון פינף קהלפאָרשטייער האָט באַקומען די ברייטסטע פולמאַכטן בנוגע דעם קאַמף מיט דער „אַפּיקורסות״; פון די אָנגעמערקטע קאַמפמיטלען, ווי עס האָבן באַוויזן די ווייטערדיקע געשעענישן, האָט מען אויך נישט אויסגעשלאָסן די מסירות צו דער רוסישער רעגירונג אויף די סעקטעפירער.

באַלד איז געשען אַ שענדלאַכע טאַט. צום גענעראַלפּראָקוראָר אין פעטערבורג, צו לאָפּוכינען איז אָנגעקומען אַ מסירה „וועגן די שעדלאַכע מעשים געגן דער רעגירונג פון אָנפירער פון דער קאַרלינער חסידים-סעקטע, זלמן באָרוכאָוויטש פון ווייסרוסלאַנד און זיינע חברים אין ליטע. אָנפאַנגס הערבסט פון יאָר 1798 האָט די אָרטיקע גובערניעמאַכט באַקומען פון גענעראַלגובערנאַטאָר אַ קייזערלאַכן באַפעל: אַרעסטירן אין שטעטל ל י אָ ז נ י ע דעם סעקטעפירער זלמן און זיינע 22 מיטהעלפער אין ליטע. זלמן איז אונטער „אַ שטרענגער וואַך״ טראַנספּאָרטירט געוואָרן אויף אַן אויספאָרשונג קיין פעטערבורג, און די איבעריקע זיינען געזעסן אין תּפיסה אין ווילנע. זלמנען האָט מען אויסגעפאָרשט אין דער געהיימער עקספּעדיציע, וואו עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן די ענינים פון פאַרשידענע מלוכה-חטאים. מען האָט אים אויפגעוואָרפן אַ גאַנצע ריי באַשולדיקונגען: ער האָט אָרגאַניזירט אַ שעדלאַכע רעליגיעזע סעקטע, וועלכע האָט רעפאָרמירט דעם יידישן גאָטדינסט; האָט פאַרשפּרייט שעדלאַכע אידייען און געזאַמלט געלדער אָפּצושיקן פאַר געהיימע צוועקן אין פאַלעסטינע. אין דער אויספאָרשונג האָט זיך געמערקט אַ חשד אין פּ אָ ל י ט י ש ע ר נישט-כשרקייט פונם אַרעסטירטן. דער באַשולדיקטער האָט אויף אַלע פראַגן געגעבן אַן אויספירלאַכן שריפטלאַכן ענטפער אין דער יידישער שפּראַך. איבערזעצט אויף רוסיש, האָט זלמנס ענטפער געמאַכט אין פעטערבורג אַ גינסטיקן איינדרוק. אויפן גרונט פון דעם גענעראַלגובערנאַטאָרס אַ מעמאָריאַל צום קייזער פאַוול I וועגן אַלע אומשטענדן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן בעת דער „אויספאָרשונג״, איז אָנגעקומען אַ באַפעל: זלמנען און די איבעריקע סעקטע-אָנפירער באַפרייען, האַלטן זיי אָבער אונטער אַ „שטרייגער אויפזיכט, צי האָבן זיי נישט אָדער צי יועלן זיי נישט האָבן וועלכע עס

איז געהיימע באַציונגען אָדער קאָרעספּאָנדענציעס מיט מענטשן, וואָס קריטיקירן די רעגירונג און די מלוכה־פֿאָרמען." סוף יאָר 1798 איז זלמן בֿריי געוואָרן.

איצט איז געקומען די צייט פֿאַר די חסידים זיך נוקם צו זיין אָן זייערע פֿאַרפֿאָלגער. אַזוי ווי די שולדיקע אין די רדיפֿות זיינען געווען די פּרנסים פֿון ווילנער קהל, וואָס זיינען אַריין אין דער „קאָמיסיע פֿון פֿינף", האָבן די חסידים באַשלאָסן אַראָפּצוּוואַרפֿן די דאָזיקע פּרנסים און אַוועקשטעלן אויף זייער אָרט זייערע חברים. דורך דער הילף פֿון שחד איז די ווילנער חסידים געלונגען אַריבערצוציען אויף זייער זייט די גובערניע־אַדמיניסטראַציע. אָנהויב יאָר 1799 האָבן זיי דערלאַנגט דער אָרטיקער מאַכט אַן אָנקלאַגע אויף די קהל־פֿאָרשטייער, באַשולדיקנדיק זיי אין מיסברויכן און פֿאַרשווענדן געזעלשאַפֿטלעכע סומעס. די קאָנסעקווענץ דערפֿון איז געווען—די דעמיסיע פֿון עטלעכע פֿאָרשטייער און דאָס איינזעצן זיי אין תּפֿיסה. אויפֿן אָרט פֿון די דימיסיאָנירטע קהלסלייט זיינען אויסגעווײלט געוואָרן, אונטערן דרוק פֿון די גובערניע־אַדמיניסטראַציע, נייע פּרנסים פֿון צווישן די חסידים אָדער לויט זייערע אָנווייזונגען. די ווילנער קהלה האָט זיך געשפּאָלטן. איינינקע זיינען געשטאַנען אויף דער זייט פֿון די אָפּגעזאָגטע, די אַנדערע אויף דער זייט פֿון די נייע פֿאָרשטייער; די פֿיינטלעכע פּאַרטייען האָבן געהאַלטן אין איין שיקן מסירות קיין פּעטערבורג איינע אויף דער אַנדערער. די מסירות־עפּידעמיע, וואָס האָט זיך נישט צופֿעליק אַנטוויקלט איבערהויפּט אין די ערשטע יאָרן פֿון דער רוסישער הערשאַפֿט אין ליטע, האָט אַרויסגערוקט אויפֿן סצענע אַ העסלעכע פּערזענלעכקייט: אַ רבֿ, אַ מסור—אביגדור חימאָוויטש פֿון פּינסק. געוועזענער רבֿ פֿון פּינסקער קרייז, האָט אביגדור צוליב די פֿיינטלעכע עובֿדות געגן אים מצד דעם חסידישן טייל פֿון דער קהלה, פֿאַרלאָרן זיין שטעלע און מער ווי אַלץ האָט ער באַקלאָגט די פֿאַרלאָרענע הכנסות. אַ לאַנגע צייט האָט דער אַנטקרויִנטער מנהיג זיך געמשפּט מיט זיין געוועזענער מלוכה אין פֿאַרשידענע געריכטן; נישט דערשלאָגנדיק זיך צו קיינע רעזולטאַטן, האָט ער באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אָן די פֿאָרשטייער פֿון דער סעקטע, וואָס איר האָט ער געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זיין רואינאַציע. אָנפֿאַנגס יאָר 1800 האָט אביגדור דערלאַנגט אויפֿן נאָמען פֿון פּאַוול I אַן אויספֿירלעכע מסירה, וואו ער האָט פֿאָרגע־

טעלט די חסידים-סעקטע, אַלס „שעדלאַכע און געפערלאַכע אָרגאַניזאַ-
ציע", וואָס פירט ווייטער די אַרבעט פון די פריערדיקע מיסיאָניסטן
שבתאי-צביניקעס; דורך אַ גאַנצער ריי פאַרקריפּלטע ציטאַטן פון חסידי-
שע ספרים האָט זיך דער מסור באַמיט צו באַווייזן, אַז די סעקטע-
לערער לערנען זייערע אָנהייגנער מורא צו האָבן גאָר פאַר גאָט, און
נישט פאַר מענטשן (האָט מורא פאַרן בורא, אָבער נישט פאַר די
ברואים") ד. ה. נישט מורא האָבן פאַר דער מאַכט און אפילו נישט
פאַרן קייזער. די מסירה האָט דערגרייכט איר ציל. אָנפאַנגס נאָוועמבער
פון יענעם יאָר האָט מען דעם צדיק זלמן באָרוכאָוויטש ווידער אַרעס-
טירט אין ליאָזניע און מיט צוויי סענאַטקוריערן האָט מען אים אָפּגע-
שיקט קיין פעטערבורג. דאָ אין פעסטונג האָט דער צדיק נאָך דער
אויספאָרשונג זיך געזען פנים-אל-פנים מיט זיין באַשולדיקער אביגדור.
אויף די 19 באַשולדיקונגספונקטן, וואָס מען האָט אים פאָרגעשטעלט,
האָט זלמן אויך דאָסמאָל בעענטפערט שריפטלאַך, אָפּלייקענענדיק מיט
דער גרעסטער אַנטשידענהייט די באַשולדיקונגען און נישט אָנדערקענען
די רעגירונגסמאַכט, אין דעמאָראַליזאַציע, אין געלטזאַמלונגען און אסיפות
פאַר געהיימע צוועקן. ענדע נאָוועמבער האָט מען זלמנען באַפרייט,
אָבער נישט דערלויבט אַרויסצופאָרן פון פעטערבורג ביז מען וועט זיך
בערקוקן זיין באַשולדיקונגסאַקט, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דער
געהיימער עקספעדיציע אין סענאַט. ביז דער סענאַט האָט זיך צוגע-
קליבן איבערצוקוקן דעם ענין איז דערווייל פאָרגעקומען די מערצאי-
בערקערניש פון יאָר 1801. אויפן טראָן איז אַרויף אַלעקסאַנדער I, עס
האָבן אַ בלאָז געטאָן נייע ווינטן און דעם 39 מערץ פון יאָר 1801 איז
למן אויף אַ קייזערלאַכן באַפעל אָפּגעפאָרן פון פעטערבורג.

איבערצייגנדיק זיך אין דער פולשטענדיקער אומשעדלאַכקייט פון
דער יידישער רעליגיעזער שפּאַלטונג פון מלוכהשן שטאַנדפונקט, האָט
די רעגירונג דידאָזיקע שפּאַלטונג סאַנקציאָנירט.

דורך איינער פון די פונקטן אין רעגלאַמין פון 1804 איז די
סעקטאַנטן אין יעדער קהלה דערלויבט געוואָרן צו עפענען אייגענע
ספעציעלע סינאַגאָגעס און אויסוויילן רבנים, בלויז מיטן תנאי, אַז די
קהילהפאַרוואַלטונג אין יעדער שטאָט זאָל זיין אַ געמיינזאַמע פאַר אַלע
טיילן פון דער געמיינדע. דאָס געזעץ האָט סאַנקציאָנירט דאָס, וואָס
איז שוין געווען אין לעבן. די רעליגיעזע שפּאַלטונג איז שוין געווען

אַ געשעענער פאַקט און דער בירגערקריג פון 1796—1801 איז בלויז
געווען זיין שלוסאַקט. פאַר דער קהל-אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויסערדעם
געווען צוטרייסלט דורך די פּאָליטישע איבערקערענישן, האָט אָבער די-
דאָזיקע סכיזמע (רעליגיעזע שפּאַלטונג) געהאַט טרויריקע פאָלגן. די קהלס,
אָפּגעשוואַכט דורכן אינערלאַכן קאַמף, דעמאָראַליזירט דורך די מסירות
און דעם אַריינמישן זיך פון דער רעגירונג, האָבן נישט געקאָנט פירן
קיין איינהייטלאַכע אַרבעט אין יענע ערשטע יאָרן פון אַלעקסאַנדערס הער-
שאַפט, בעת די רעגירונג האָט דורכגעפירט איר פּלאַן „פון די יידישע
רעפאָרמען און האָט צוגעצויגן די קהלטוער זיך צו באַטייליקן אין דער-
דאָזיקער אַרבעט. די קהלות פון דרום-מערב קאַנט, וואָס האָבן זיך איב-
גאַנצן געפונען אונטערן מיסטישן היפּנאָז פון חסידיזם, האָבן זייער
שוואַך רעאַגירט אויפן דראָענדיקן געזעלשאַפטלאַך-עקאָנאָמישן קריזיס.
די יידישע דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן געענטפערט אויף די פראַגן פון
דער רעגירונג, זיינען געווען הויפּטזעכלאַך פון די ווייסרוסישע און ליט-
ווישע גובערניעס, וואו אין דער יידישער געזעלשאַפט האָבן גאָך גע-
לעבט די פּאָליטישע אינטערעסן.

### דער רבּיניזם, חסידיזם און די קולטור־שטרעמונגען („די בערלינער").

אין דער עפּאָכע, בעת אין מערבאייראָפּע
איז פאָרגעקומען דער ברוך פון די
אַלטע פאָרמען פון יידישן לעבן, זיינען
די גרויסע יידישע מאַסן אין מזרחאייראָ-
פּע געבליבן קולטורעל אומבאַוועגלאַך. ביידע כחות, וואָס האָבן באַהערשט
זייער גייסטיק לעבן, דער רבּיניזם און דער חסידיזם, האָבן שטאַרק
אָפּגעהיט די יסודות פון דער אַלטער לעבנסאַרט. אומפאַרענדערט איז
געבליבן דער טראַדיציאָנעלער דערציונגססיסטעם; די אַלטע שולע—דער
חדר און די ישיבה—מיט זיין (אויסשליסלאַך) ריין תּלמודישער בילדונג
האָט געגעבן די תּלמידים אַ גרויסן אוצר פון גייסטיקער ענערגיע, האָט
זיי אָבער לגמרי נישט צוגעגרייט צום פּראַקטישן לעבן; די פרויען
זיינען איבגאַנצן געבליבן אָן אַ שולע. גאַנץ פעסט האָט זיך געהאַלטן
די פּאַטריאַרכאַלע פאַמיליענאָרדנונג מיט די פריצייטיקע חתונות (אין
ערשטן פון 13—16 יאָר), מיטן לאַנגיעריקן קעסט פון די פאַרהייראַטע
קינדער אין עלטערנהויז, מיט דער גרויסער דערדריקענדיקער קינדער-
עשירות ביי דער כסדרדיקער אָרעמקייט, מיטן באַגרענעצן די פיזישע

באַדערפענשין ביז צו אַסקעטיזם און אַנאַטרטונג. דידאָזיקע פּאַטריאַרכאַלע מאַסע האָט געציטערט פאַר וועלכע עס איז קולטורעלע „באַנייונגען", פאַר יעדער פּראָבע צו פאַרברייטערן איר גייסטיקע און געזעלשאַפטלאַכע וועלטאָנשויאונג. די רעליגיעזע און וועלטלאַכע קולטור זיינען נאָך נישט געהאַט געקומען אין אַ געגענשטויס. דער קאַמף צווישן חסידיזם און רבּיניזם איז בלויז געווען אַ ריין רעליגיעזער קאַמף פאַרן טיפּ פון גלויביקן: די אַלטע דיסציפּלין פון ספר-און מנהגים-טיפּ האָט געקעמפט מיט דער כוואַליע פון פייערלאַכן מיסטיציזם און מיטן בלינדן „קדושים-קולט".

צי האָט דער פאַרגליווערטער רבּיניזם אונטערן דאָזיקן הייסן קאַמף אויפגעלעבט? אין יענער עפּאָכע זעהען מיר נישט קיין דייטלאַכע שפּורען פון אויפלעבונג, כאָטש עס מערקן זיך פּראָבעס פון ריין-טעאָרעטישע באַנייונגען. דער מעטאָד פון טעקסטאַנאַליז ביים שטודירן דעם תּלמוד, וואָס איז דורך רב אליהו גאון איינגעפירט געוואָרן אָנשטאָט דער משונהדיקער סכאָלאַסטיק—דעם פּלפּול—האָט זיך כּסדר פאַרשפּרייט און באַפעסטיקט אין די ליטווישע ישיבות. עס איז זאָגאַר געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלע אַנשטאַלט פאַר תּלמודישער וויסנשאַפט—די ישיבה אינם ליטווישן שטעטל וואָלאָזשין, וואו דער נייער מעטאָד איז ספּעציעל איינגעפירט געוואָרן אונטער דער לייטונג פון גאונס תּלמיד, ר׳ חיים וואָלאָזשינער. פון דאָרט איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַ דור געלערטע און רבנים „אין גאונס גייסט". אין יענע קרייזן האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן אַ קליינע טאָלעראַנץ צו די פאַרבאָטענע „וועלטלאַכע וויסנשאַפטן", אָבער בלויז אויפן געביט פון מאַטעמאַטיק און טייל-ווייז פון נאַטורוויסנשאַפט. דער ווילנער גאון, וואָס האָט זיך אַליין—בעת זיין רוה-צייט—באַשעפטיקט מיט מאַטעמאַטישע איבונגען, האָט דערלויבט זיין תּלמיד ברוך שקלאָווער אַרויסצוגעבן אין אַ יידישער איבערזעצונג עווקלידס געאָמעטריע (1780), אָבער די מורא פאַר דער פלוסופיה איז געבליבן און דער כּלומרשטער געגנזאַץ צווישן דער פרייער פאָרשונג און דעם יודאַאיזם איז פאַררעכנט געווען אַלס אַן אומבאַשטרייטבאָרע דאָגמע. דער יידישער פאַרשטאַנד האָט זיך ווייטער געדרייט אין פאַרכשופטן קרייז פון די איינגע „ד׳ אמות של הלכה" און איז געווען פאַראורטיילט אויף אומפּראָדוקטיוויטעט. אין משך פון יענער שטורם-און דראַנג-עפּאָכע האָט דער רבּיניזם, נאָכן גאון, נישט אַרוי-

גערוקט קיין איין גרויסע ליטעראַרישע קראַפט, קיין איין שריפטשטעלער מיט אַ ברייטער וועלטאַנשויונג. דער שאַפונגסגייסט איז לגמרי פאַרשוואונדן.

מער שעפערישע קראַפט איז נאָך געבליבן אין חסידיזם פון יענער צייט, כאָטש אין זין פון אָריגינאַליטעט איז ער שטאַרק געפאַלן אין פאַרגלייך מיט דער פריערדיקער עפּאָכע פון בעשטן און זיינע ערשטע אַפּאָסטאָלן. צוזאַמען מיט דער פיירלאַכקייט פון פּראַקטישן צדיקיזם, וואָס האָט געהאַנדלט מיט „מופסים-מאַכעריי", עקספּלואַטירנדיק דעם מאַסנפאַנאַטיזם, ווערט נאָך כסדר געפירט די גלויבנסלערע, ד. ה. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם בעשטס תורה.

אויף צפון פאַרשפּרייט זיך אַ נייע חסידישע דאָקטרין, וואָס מאַכט שלום צווישן דעם האַרציקן פּיעטיזם פון בעשטן מיט „דער גייסטיקקייט" פון די ליטווישע רבניסטן. דער שעפער פון דערדאָזיקער דאָקטרין, דער אויבנדערמאָנטער העלד פון דער רעליגיעזער שפּאַלטונג, רבי שניאור-זלמן, שטרעבט צו ראַציאָנאַליזירן דעם חסידיזם, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ פעסטע נייגונג צום פּרינציפּ: „איך גלויב, ווייל עס איז אומזיניק". דער עקסטאַז פון געפיל ווערט ביים מחבר פון „תניא" אַן עקסטאַז פון געדאַנק; צייטנווייז רעט ער וועגן גאָטדערקענונג אין סטיל פון מאַימאָניד. רבי זלמן וואַרפט אָפּ דעם צדיקים-קולט אין יענער ברוטאַלער פאָרם פון מופתים-מאַכעריי, וואָס דערדאָזיקער קולט האָט אָנגענומען אין דרום.

אויפן אַלטן וועג איז געגאַנגען דער חסידיזם אין דרום, אין אוקראַינע. זיינע צוויי זיילען—לוי-יצחק בערדיטשעווער (געשטאָרבן אין יאָר 1809) און נחום טשערנאָבילער (געשט. אין יאָר 1799) האָבן נאָך ביסלאַכווייז געשטיצט דעם בעשטס טראַדיציעס. דער ערשטער האָט אין זיין ספר „קדושת לוי" (1798) אַרויסגעוויזן די גאַנצע האַרציקע וואַרעמקייט פון חסידישן גלויבן אָן זיין קרענקלאַכער עקזאַלטאַציע. אין זיין פערזענלאַכן לעבן איז דערדאָזיקער מנהיג פון די וואָלינער חסידים געווען די פאַרקערפּערונג פון מענטשן און פאָלקסליבע. מכּוח זיין הייסער ליבע צו גערודפטע און געפּייניקטע איז ביים פאָלק געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ריי לעגענדעס.

נחום טשערנאָבילער, אַ צדיק אַ דרשן, וואָס האָט אַרומגעוואַנדערט אין דער קיעווער געגנט און אין וואָלין, פלעגט אַריינטראָגן אין זיינע דרשות

אַ מער קבלה-עלעמענט. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער במעט אינגאַנצן געוואָרן אַ צדיק—אַ „פּראַקטיקער", אַ „בעל-מופת" און איז געווען דער גרינדער פון דער ברייט פאַרצווייגטער „טשערנאָבילער צדיקים-דינאַסטיע". אין אוקראַאינע שטייט די פיגור פון פּאָדאָליער צדיק-פאַנטאַסט ר' נחמן בראַצלאַווער (1772—1810), דעם בעשטס אור-אייניקל. אַ טיפּע, פּאָעטישע נאַטור, איז ער נישט געגאַנגען אויף די אויסגעטרעטענע וועגן פון די פּראָפעסיאָנעלע „צדיקים", נאָר האָט זיך-אַליין דורכגעבראָכן אַ וועג. זיין ציל איז געווען דאָס צוריקקערן צו דער קינדישער איינפאַכקייט פון דעם בעשטס לערע. אין יאָר 1797—99 מאַכט נחמן אַ רייזע קיין פּאַלעסטינע, אין יענער צייט האָט דורכגעמאַרשירט דורכן הייליקן לאַנד באָנאַפּאַרטס אַרמיי, און די ווינטן פון דער שטור-מישער אייראָפּע האָבן זיך אַ טראָג געטאָן איבערן דרעמלענדיקן מזרח. און דער פּאָדאָליער יונגערמאַן האָט זיך צוגעהערט צום קברים-לחש פון די גרויסע קבליסטן, ר' שמעון בן יוחאי און ארי און צו די רייד פון די לעבעדיקע צדיקים, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין טבריה. קומענדיק אַהיים, האָט זיך נחמן באַזעצט אין בראַצלאַוו און האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון אַ גרופּע פּאָדאָליער חסידים. אין אַן איינגן קרייז האָט ער געדרשנט, אָדער ריכטיקער — פאַנטאַזירט, וועגן דער מלוכה פון גייסט, וועגן דעם יחוד פון צדיק מיטן פאָלק אין עקסטאַז פון גלויבן; ער פלעגט ריידן מיט אַפאָריזמען, אָפטמאָל פלעגט ער אויסגיסן זיינע געדאַנקען אין אַ פאָרם פון פאָלקסמעשהלאַך. אַ סך ספרים האָט ער אָנגע-שריבן און אומעטום דורכגעפירט דעם געדאַנק פון בלינדן גלויבן, אָן חקירות. די פילאָזאָפיה, האָט ער געהאַלטן, איז אַן אומגליק פאַר דער נשמה, דעם מאַימאָניד און די ראַציאָנאַליסטן האָט ער פיינט געהאַט תכלית שנאה. פאַר דער „בערלינער השכלה", וועגן וועלכער ער האָט במעט קיין שום באַגריף נישט געהאַט, האָט ער געציטערט ווי פאַר פייער. קורץ איז געווען נחמנס לעבן: אַרומגערינגלט פון זיין אָנהייב-גער, איז ער צו 38 יאָר געשטאָרבן פון שווינדזוכט אין דעם שטעטל אומאַן. זיין קבר איז ביז היינטיקן טאָג אַ הייליק אָרט פאַר די „בראַצ-לאַווער חסידים."

און דאָך איז דער אַלגעמיינער טיפּ „צדיק" פון יענער עפּאָכע גלייך ווייט געווען, ווי פון רעד גייסטיקער קאָמפּליקאַציע פון רב זלמנען

אַחוץ אויך פון דער הייליקער פשטות פון רב נחמן. בכלל האָבן זיך די צדיקים כסדר דערווייטערט פון זייער מיסיע אַלס גלויבנסלערער און זיינען געוואָרן „פּראַקטיקער". אַרומגערינגלט פון אַ מחנה אָנהייגער, האָבן דידאָזיקע „פּאַרמיטלער צווישן גאָט און פאָלק" פאַרשטאַנען צו עקספּלואַטירן פאַר זייער נוצן דעם בלינדן גלויבן פון די מאַסן. זיי זיינען געוואָרן עשירים, אדירים פון מתנות און פדיונות, האָבן געלעבט אין פּאַלאַצן, ווי די פּוילישע מאַגנאַטן אָדער די רייכע בּיסקופּן. דער „הויף" פון בעשטס אייניקל, **ברוך טולטשינער** (1780—1810) אין **מעדזשיבאָזש** האָט געשמט מיט זיין פּראַכט; ברוך האָט זאָגאַר געהאַט זיין „הויפנאַר", הערשל אָסטראָפּאָלער, דער באַרימטער העלד פון די פאָלקסאַנעקדאָטן. צום טיפּ בעלי-מופתים האָבן אויך געהערט די צדיקים פון אייגנטלעכן ווייכסל - פּוילן, וואָס האָט זיך אין יענער עפּאָכע געפונען אונטער דער הערשאַפט פון פּרייסן און שפּעטער אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון נאַפּאָלעאָנען (דאָס וואַרשעווער הערצאָגטום). צוויי פּיאָנערן פון חסידיזם אין פּוילן, **ישראל קאָזעניצער** און **יעקב-יצחק לובלינער** (הורוויץ), האָבן אין אַלע פּאָליטישע און קולטורעלע קריזיסן פון דער עפּאָכע געזען די בשורה פון מלכות-המשיח. „די חבלי-משיח" האָבן זיך געחלומט די פינסטערע פאַנטאַזיאָרן אין חורבן פון פּאַטריאַרכאַלן יידישן פּוילן, אין שטורמישן מאַרש פון נאַפּאָלעאָנען, אין דער גרויסער צאָל „פרייִדיינקער", אין דעם, וואָס יידן האָט מען אָנגעהויבן נעמען צום מיליטער. אָבער געטריי דער חסידישער דאָגמע פון נישט „דאגהן", האָבן זיך די צוויי צדיקים געלעבט אַ פריילאַך לעבן אין רוישנדיקן קרייז פון זייערע עקזאַלטירטע חסידים, וועלכע האָבן ממש געשאָטן מיט „פדיונות" פאַר די וואונדערלאַכע קמיעות, עצות און ברכות. אין יאָר פון נאַפּאָלעאָנס מפּלה איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס ליכט פון ביידע „מאורות" פון פּוילישן חסידיזם, וועלכע האָבן זיך נאָך געהאַט דערוואַרט דעם איבערגאַנג פון פּוילן אונטער רוסישער הערשאַפט (1814—1815).

שווער איז געווען זיך אַריינצורייסן דער מערב-קולטור אין דערדאָזיקער מלוכה, וואָס איז געווען אַרומגעמויערט מיט צוויי ווענט— מיטן רבניזם און חסידיזם. און דאָך האָט זיך וואו-נישט-וואו אויפן אויבערפלאַך פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן אָנגעהויבן באַווייזן דער שוים פון דער ווייטער מערבכוואַליע. פון דייטשלאַנד איז געגאַנגען, דערנע-

טערענדיק זיך צו די רוסישע גרענעצן, דער פריידיינקענדיקער „בערלינער" (אַזוי האָבן דעמאָלט געהייסן די „נייע מענטשן"). ער האָט געטראָגן אַ קורצן דייטשן ראָק, געשאָרען די פאות, געגאָלט די באָרד, נישט געהאַלטן פון די רעליגיעזע מנהגים, גערעדט דייטש אָדער אויף דער „לאַנדספּראַך" און פלעגט זיך שווערן ביים נאָמען פון משה מענדעלסאָן. דאָס איז נאָך אָבער געווען אַ מער אויבערפלעכלאַכע „קולטור", וואָס האָט אַממייסטן געווירקט אויף דער אויסערלאַכקייט און אויף דער קליידונג, אָבער נישט אויפן שכל און געפיל. דאָס איז טאַקי געווען „דאָס בערלינערטום" וואָס איז פאַרויסגעגאַנגען דער פיל קאָמפּליצירטערער „השכלה" פון דער קינפטיקער עפּאָכע.

פריער, ווי אומעטום, האָט מען זי פאַרשלעפּט קיין וואַרשע, אין משך פון דער צעניאָריקער פּרייסישער הערשאַפט (1797—1807). דער קאָנטאַקט צווישן דער פּוילישער הויפּטשטאָט און דער פּרייסישער האָט געבראַכט פּרוכט. דער אייראָפּייאישער פּראַנט פון בערלין האָט זיך באַוויזן אויף די וואַרשעווער גאַסן און גאַנץ אָפט פלעגט די לאַנגע קאַפּאָטע פון וואַרשעווער חסיד אָפּטרעטן פאַרשעמט דעם וועג פאַרן דייטשן אָנצוג פון „משכיל". עס איז אויך דערשינען אַ ליטעראַרישע באַלאַמונג לויט דעם יידיש-פּרייסישן מוסטער וואָס איז געווען געווידמעט דעם פּרייסישן מיניסטער גוים, וועלכער האָט איינגעפירט די רעפאָרמען אין די פּרייסישע פּראָווינצן. דאָס ביכל איז אַ באַריכט וועגן דעם דעמאָלטיקן צושטאַנד פון די יידן.

דער באַריכט, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן לויטן מערב-רעצעפּט, זאָגט: דאָס גאַנצע אומגליק ליגט אין יידישן סעפּאַראַטיזם, דאָס גליק קאָנען זיי געפינען בלויז — אין צוזאַמענגיסן זיך מיט די אַרומיקע פעלקער. דער רעפאָרמענפּראָיעקט פון קאַלמאַנסאָן אונטערשיידט זיך גאַנץ ווייניק פון די דעמאָלטיקע פּוילישע פּראָיעקטן פון בוטרימאָוויטשן און טשאַצקען: אָפּשוואַכן די מאַכט פון די רבנים און פון קהל, אויסוואָרצלען די דייטשע קליידונג, גאָלן די בערד, עפענען דייטשע שולן, פלאַנצן ליבע צו דער מלוכה.

אויף דער שיכט פון דער בערלינער מאָדע האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן (1807—1812) אין וואַרשעווער הערצאָגטום, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך נאַפּאָלעאָנס ווילן, אָנגעקליבן אַ פאַריזער

פאַך. עס האָבן זיך דערהערט נייע ווערטער. אַ גרופּע וואַרשעווער פראַנטן פאָדערן פאַר זיך גלייכבאַרעכטיקונג אַלס לוין „פאַרן בייטן דעם אַנצוג און די עטישע באַגריפן”. אַפילו די חשובע פאָרשטייער פון דער וואַרשעווער יידישער געמיינדע רופן זיך אין זייער פּע־טיציע צום סענאַט „מענטשן פון פּוילישן פאָלק פון אַלטן גלויבן”, נאָכטועבדיק דער מאָדע פון די צייטן פון נאַפּאָלעאָנס סנהדרין. דאָס איז געווען דאָס ערשטע, נאָך נאַאיווע און נישט באַדאַכטע אָפּרוקן זיך פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט צו דער פּוילישער, דער עמבריאָן פון די צוקונפטיקע „פּאָליאַקן פון משהס גלויבן”. די בערלינער קולטור־טרעגער פון פרידלענדערס סביבה האָבן מיט אַלע כחות געשטיצט „די־דאָזיקע שטימונג” און אין זייער „זאַמעלבוך” („מאסף”) האָבן זיי גע־רופן צו זייערע ברידער, פּוילנס אַיינוואוינער: „ווי לאַנג נאָך וועט איר ריידן אויפן פאַרדאָרבענעם דייטש (זשאַרגאָן) אָנשטאָט דער שפּראַך פון אייער לאַנד—אויף פּויליש? פון וויפל צרות און פּיין וואָלטן אייערע אבות זיך געוועסט באַפרייען, ווען זיי וואָלטן געקאָנט ריידן גוט פּוי־ליש מיט זייערע מאַגנאַטן און מלכים! נעמט הונדערט דייטשע יידן און קוקט זיך צו: אַלע אָדער כמעט דער רב קאָנען ריידן מיט זייערע מאַגנאַטן און הערשער, און אין פּוילן זייִנען קוים פינף אָדער צען פער־זאָן פעהיק דערצו.”

אַפילו אויפן ווייטן צפון פון רוסלאַנד האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן די זוימען פון דער מערב„-קולטור”. בעת דערזשאַווינס רעוויזיע אין ווייס־רוסלאַנד האָט דער קרעסלאַווקער דאָקטאָר פראַנק, מענדעלסאָנס אייפ־ריקסטער נאָכפאָלגער, אַגיטירט פאַר אַ רעפאָרם פון דער שולע און רע־ליגיע. אין פּעטערבורג, ביים מעצענאַט אברהם פּרץ, האָט געלעבט זיין געוועזענער לערער לייב נעוואַכאָוויטש, געבאָרן אין דעם פּאָדאָליער שטעטל לעטיצשעוו. אין דעם יאָר, בעת די יידישע דעפּוטאַטן זייִנען געזעסן אין פּעטערבורג (1803), האָט נעוואַכאָוויטש פאַרעפנטלאַכט אַ בראָ־שור אויף רוסיש (און דערנאָך אויך אויף יידיש) אונטערן טיטל „דער וויינעשריי פון דער יידישער טאָכטער”, געווידמעט דעם אינערנמיניסטער קאָטשובעי, דעם לייטער פון יידישן קאָמיטעט. אין דער ווידמונג איז אויסגעדריקט דער גרונדגעדאַנק פון „וויינעשריי”: די הכנעה פאַר רוס־לאַנדס „גרויסקייט” און דער טרויער אויפן מזל פון די פאָלקסברידער,

יאָס געניסן נישט פון די גליקן פון לאַנד. „אויף וויפל מיין נשמה דערהויבט זיך—שרייבט דער מחבר—„פון דידאָזיקע מעשים (די נצחונות און דער כּח פון דער רוסישער מלוכה), אויף אַזויפיל ווערט זי דער־שלאָגן דורכן גרויסן אומגליק פון מיינע פאָלקסברידער, וואָס ווערן פאַריאָגט פון די הערצער פון זייערע מיטבירגער.„ און אויפן שטח פון גאַנצן ספרל וויינט די יידישע טאָכטער„ אויף דעם, וואָס נישט דאָס XVIII יאָרהונדערט, „דאָס יאָרהונדערט פון מענטשנליבע, טאָלע־ראַנץ און גוטסקייט„, נישט דער שמייכעלדיקער פרילינג פון איצטיקן יאָרהונדערט, וואָס זיין אָנפאַנג איז געקרוינט געוואָרן דורכן אויפטרעטן אויפן טראָן פון אַלעקסאַנדער דעם גוטהערציקן„, האָבן נישט אָפּגעשוואַכט די אוראַלטע שנאה צו די יידן אין רוסלאַנד. „דער יידישער שטאַם איז דורך אַ סך גייסטער פאַראורטיילט צו פאַראַכטונג. דער נאָמען ייד איז געוואָרן אַ שימף־און שאַנדנאָמען פאַר קינדער און שוטים„.

שטיצנדיק זיך אויף מענדעלסאָנען און לעסינגען, שרייט אויס דער מחבר: „איר זוכט אין מענטשן דעם יידן! זוכט אין יידן דעם מענטש —און איר וועט אים אָן אַ ספק געפינען!„ נעוואַכאָוויטשעס ביכל ענ־דיקט זיך מיט אַ טרויעריקן וויגעשריי: „בעת די הערצער פון אַלע אייראָפּייאישע פעלקער האָבן זיך שוין צווישן זיך דערנענטערט, זעט זיך נאָך דאָס יידישע פאָלק פאַראַכט. איך וויל די גאַנצע לאַסט פון דידאָזיקע ליידן אַראָפּוואַרפן. איך רוף צו אַלע מיטפילנדיקע און מיטליידנדיקע: פאַרוואָס פאַראורטיילט איר מיין גאַנץ פאָלק אויף פאַראַכטונג?...

אַזוי האָט געקלאָגט די טרויעריקע טאָכטער יהודהס, געווישט די טרערן, געזיפצט און נאָך אַלץ געווען טרייסטלאָז„...

דער מחבר גופא האָט זיך אָבער באַלד געטרייסט: אין עטלאַכע יאָר אַרום נאָך זיין פאַרעפנטלאַכן „דעם וויגעשריי„, וועגן דעם, וואָס דער ייד ווערט „אָפּגעשטויסן פון די הערצער פון זיינע מיטביר־גער„, האָט ער אָבער געפונען דעם מאַגישן שליסל צו דידאָזיקע הער־צער: ער האָט זיך איבערגעשמדט, זיך אומגעוואַנדלט אין „לעוו אַלעק־סאַנדראָוויטש„ נעוואַכאָוויטש און האָט אָנגעהויבן שרייבן מאָראַלישע רוסישע דראַמען, וואָס זיינען געווען שטאַרק געפעלן דעם נישט פאַר־פיינערטן געשמאַק פון דעם דעמאָלטיקן פובליקום.

נעוואַכאָוויטש האָט אויף דעם אופן דערפירט „זיין בערליגערטום„

ביז יענעם עפּעקטפולן סוף, וואָס איז דעמאָלט געווען שטאַרק מאָדערן אין בערלין גופא, וואו עס האָט געהערשט די שמד-עפּידעמיע. זיין ביישפּיל האָט אויך נאָכגעטאָן זיין מעצענאַט אברהם פּרץ, וואָס איז בעתן קריג פון 1812 איינגאַנצן רואינירט געוואָרן דורך די אינטענדאַנט-פּאָדריאַדן. די קינדער פוןביידע משומדים האָבן פאַרנומען גרויסע שטעלעס אין רעגירונגסדינסט. שוואַכע אָפּשפּיגלונגען פון דער מערבדיקער קול-טורעלער ליטעראַטור באַווייזן זיך אין יענער צייט אויפן פינסטערן רוסישן האָריזאָנט.

מענדל לעווין פון סאַטאַנאָוו, (1741—1819), וואָס איז זוכה געווען צו זען אין בערלין דעם פאָטער פון דער השכלה—מענדעלסאָנען פנים אל פנים, פלאַנצט נייע זוימען אין זיין פאָטערלאַנד. ער קאָמפּילירט אויף העברעאיש רוסאָס פּאָפּולערע מעדיצין, דאָס לעבנסטיסטעם פון פראַנקלינס עטיק, קאָמפּעס רייזעבאַשרייבונגען; ער מאַכט אַ פּראָבע איי-בערצוזעצן משלי-שלמה און קהלת אויף דער פאָלקספּראַך, אויף „זשאַר-גאָן". די לעצטע פּראָבע האָט אַרויסגערופן געגן לעווינען דעם צאָרן פון בערדיטשעווער מחבר טוביה פעדער, וועלכער האָט זיך אין אַ בייסנדיקן פּאַמפלעט אַוועקגעשטעלט אויף דער „פּראָפאַנאַציע" פון די הייליקע ספרים אויף דעם „גאַסנלשון". פעדער גופא האָט געדרוקט פאָרשונגען איבער דער יידישער גראַמאַטיק מוסר-ספרים, אומשולדיקע סאַטירעס און שירים. דידאַקטישע בלאַסע ווערק באַווייזן נאָך נישט אַן איבערקערעניש אין ליטעראַרישן שאַפן, אָבער זיי זיינען די סימנים פון אַ נייער טענדענץ: צוזאַמען מיטן רעליגיעזן רבּיניסטישן אָדער חסידישן ספר שטעלט זיך אויך אַוועק דאָס וועלטלעכע בוך, וואָס זיין דערשיינען אַליין רופט אַרויס אַ טומל ביי דער צושראָקענער אָרטאָדאָקסיע. דאָס זיינען געווען די מכשירים פון דער קינפטיקער סעקולאַריזאַציע (די איבערמאַכט פון דער וועלטלעכער ליטעראַטור איבער דער רעליגיע) פון דער יידישער ליטעראַטור.

**די אויסעראייראָ**
**פּעאישע לענדער.**

די יידישע וועלט אויסערהאַלב אייראָפּע האָט זיך צום סוף פון 18 יאָרהונדערט קאָנצענטרירט אויף צוויי קולטור-פּאָליוסן: אויף עקסטן מערב, אין די נאָר-וואָס אַנטשטאַנענע פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון-אַמעריקע, און אויפן

אזיאַטיש־אַפריקאַנישן מזרח, וואָס האָט געדרעמלט אין די קייטן פון אַלטן פאַטריאַרכאַלן דעספּאָטיזם.

אייראָפּעס בלוטיגע טאָכטער, אַמעריקע, באַפרייענדיק זיך פון דער אַפּיטרופּסות פון אירע עלטערן, האָט זיך שטאַרק געאײַלט צו באַפרייען פון די אַלטע פאַמיליענפאָראורטיילן און האָט פּראָקלאַמירט די לאָזונגען פון פרייהייט און גלייכהייט. אין דער צייט, בעת אין ענגלאַנד זיינען די יידן געשטאַנען אויסערהאַלב דער בירגערלאַכער געזעלשאַפט, סעפּאַרירט פון איר דורך דער פאָרמול פון דער בירגערלאַכער שבועה: „לויטן גלויבן פון אַ קריסט האָט דאָס פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער „אומאָפּהענגיקייטסדעקלאַראַציע" פון יאָר 1775 דורכגעפירט אַ נייעם פּרינציפּ: „קיינער טאָר נישט באַרויבט ווערן פון זיינע בירגעררעכט און דאַרף נישט ליידן קיין פאַרפאָלגונגען צוליב זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען."

נישט גרויס איז געווען די יידישע קאָלאָניע אין דער נייער הינטעראַטלאַנטישער רעפּובליק, וואָס האָט באַקומען פרייהייטסרעכט, דאָס איז אָבער געווען דער ערשטער עמאַנציפּאַציעאַקט, וואָס מען האָט דערגרייכט אין קאַמף אויפן גרונט פון אַלגעמיינעם פּרינציפּ פון בירגעררעכט.

אַ פינסטערע נאַכט הערשט אויפן צווייטן פּאָליוס—אין די אַלטע גרויסע יידישע נעסטן אויפן מוסולמאַנישן מזרח. אייראָפּעס גרייזגרויע מוטער, אַזיע, איז ווי איינגעשלאָפן אונטער דער לאַסט פון די יאָרהונדערטן. נאָכן פיבערהאַפטן פאַנטאַזירן פון דער שבתאי-צבי-עפּאָכע זיינען די צווייטע יידישע מאַסן פון גאַנץ טערקיי אַריינגעפאַלן אויף לאַנגע יאָרן אין אַ טיפער לעטאַרגיע. נישט פריילאַך איז דאָס לעבן אין דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, וואו עס האָבן זיך געוואַלגערט צוויי שטיק פון די צוויי גרויסע דיאַספּאָרע-טיילן—דער ספרדיש-אַשכנזישער. צוויי אָפּגעזונדערטע יידישע גרופּן וועגעטירן אין דער גאַנצער אימפּעריע; איינע רעדט אויפן שפּאַנישן און די אַנדערע אויפן דייטשן זשאַרגאָן. ביידע שמאַכטן אונטערן דרוק פון דער דעספּאָטישער מלוכה, וואָס האָט מיט גוואַלד פאַרייניקט דעם קאָנגלאָמוראַט (אַ אוראַלטער שטיין) פון פעלקער און אמונות. צווישן די צוויי פייערן—צווישן קריסטענטום און איסלאַם—שטייט דאָס צאַפּלענדיקע יידנטום אין די צענטרעס פון אייראָפּייאישן טערקיי. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און סאָלאָניקי זיינען די צאָלרייכע יידישע געמיינדעס אַרומגערינגלט מיט אַ פרעמדער סביבה פון גריכן און אַרמענער, וועלכע פירן מיט די

יידן אַ קאַמף אויפֿן עקאָנאָמישן באָדן, אויפֿן האַנדלסגעביט. אין דער אַזיאַטישער און אַפֿריקאַנישער טערקיי זיינען די יידן אַרומגערינגלט פֿון אַ פֿאַרווילדעטער אַראַבישער וועלט, וואָס איז זיי, אמת, אַ קרובֿ לויט דער ראַסע, אָבער אַ בלוטשונא לויט דער רעליגיע. דאָ לעבן זיי בסדר אונטערן טאָפּעלן דרוק פֿון מוסולמאַנישן פֿאַנאַטיזם און מזרחדיקן דעספּאָטיזם. יעטוועדער פּאַשאַליק (אַ געביט פֿון אַ פּאַשאַ) האָט זיין סיסטעם פֿון רעכטלאָזיקקייט און הפקרות. יעדער פּאַשאַ זויגט־אויס „פּריידלאַך” דאָס יידישע בלוט, אָפּנעמענדיק ביים רייכן זיין איבערפֿלוס, ביים אָרימען דאָס לעצטע, אָדער מאַכט חרוב דעם יידישן קוואַרטאַל דורך זיינע אָפּטע אָנפֿאַלן. דערשלאָגענע, צושראָקענע פּאַסן זיך צו די געמיינדעס אין יעדער סאַטראַפּיע (פּערסישע שטאָטפֿאַרוואַלטונג) צו די אָרטיקע אָרדנונגען אויסערהאַלב דעם געטאָ און באַהאַלטן זייער טרויעריקן סוד אין זיינע ווענט אין פּאַלעסטינע, וואָס די טערקישע הערשאַפֿט האָט פֿאַרוואַנדלט אין אַ לאַנד פֿון חורבות, קאָנצענטרירן זיך טויזנטער יידישע פֿאַמיליעס אַרום די נעקראָפּאָלן, אָפּהיטנדיק די דאָזיקע מתימשטעט, די הייליקע קברים און לעבנדיק פֿון די נדבות פֿון די אייראָפּייאישע בעלי־צדקות. ירושלים, חברון, צפֿת, טבריה—דאָס איז די טעטראַך (מלוכה פֿון פֿיר) פֿון פֿרומער שנאָרעריי.

פֿריער האָט דאָ, אין די הינטערגעסלאַך פֿון געטאָ, געהערשט דער רבניזם און די אַסקעטישע קבלה; צו סוף פֿון XVIII יאָרהונדערט האָט זיך אַהער אַריינגעריסן פֿון רוסלאַנד און פּוילן די לעבעדיקע מיסטיק פֿון די נייע חסידים פֿון בעשטס שולע, וואָס בילדן באַדייטנדיקע צענטרעס אין חברון און טבריה. אָט אַזוי זעט־אויס דער „רעפֿאָרם”־עלעמענט אין יענער פֿינסטערער פֿאַרוואָרפֿענער מלוכה... און ווייטער, אויף די אומענדליכע שטחים פֿון סיריע, מצרים און בערבעריע (מאַראָקאָ, טוניס, אַלזשיר) ציט זיך אַ קייט פֿון יידישע קאָלאָניעס—די שטומע מאָנומענטן פֿון דער לאַנג אויסגעלאָשענער ציוויליזאַציע, פֿון די גרויסע היסטאָרישע איבערקערענישן. אַ כוואַליע פֿון באַרבאַריזם, טיראַניע און פֿאַנאַטיזם האָט פֿאַרפֿלייצט דעם דאָזיקן גאַנצן שטח פֿון מיטל־ים, דאָס וויגעלע פֿון דער יידישער־און וועלט־קולטור. עס דרעמלט דער מזרח אויפֿן שוועל פֿון שטורמישן 19 יאָרהונדערט... אָבער שפּעטער וועט אויך צו אים דערגיין דער דראַנג פֿון די אייראָפּייאישע באַוועגונגען און איבער די אַלטע קברים וועט זיך דערהערן די בשורה פֿון לעבן.

# אינהאלט:


איינלייטונג. 5

דאס לעבן פון די יידן אין איטאליע ערב דער פראנצויזישער רעוואלוציע 12

די פערטיידיקונג פון ייד. גלייכבארעכטיקונג. 17

דער מסירת-נפשדיקער קאמף פאר פרייהייט. 21

נאפאלעאן און יידן. 21

דער דעקרעט פון 1806. 26

די פערזאמלונג פון „סנהדרין". 31

דער שענדלאבער דעקרעט. 34

די השפעה פון פראנקרייך אויף דייטשלאנד. 41

דער אנהויב פון דער באפרייאונג. 45

דער וועסטפאלישער דעקרעט. 50

האמבורג. 55

די לאגע אין פראנקפורט. 55

בעמען. 62

פארפאמערן. 65

ליבעק. 67

קולטורעלער איבערבּרוך. 75

די מלחמה צווישן פראנקרייך און די פאריינינטע מלוכות 80

עסטרייך. 84

בעמען. 86

זאקסן. 88

אונגארן. 89

האלאנד.

ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. . . . . . 117
די שווייק. . . . . . . . 121
פוילן נאָך דער ערשטער חלוקה. . . . . 127
די צווייטע און די דריטע חלוקה
בערעק יאָסעלאָוויטש . . . . . 129
דאָס יידישע פוילן אין דער עפּאָכע פון די לעצטע [illegible]ות. 140
די שטים פון דער גאַס און די סיים-קאָמיסיע. . . 145
דאָס וואַרשאַווער הערצאָגטום אין די נאַפּאָלעאָנישע רעאַקציע. 155
רוסלאַנד. . . . . . . . . 164
דער נייער יידישער צענטער אין רוסלאַנד. . . . 167
די הערשאַפט פון פּאַוועל I . . . . . 175
די לאַגע פון דער יידישער רעקאָנסטרוקציע
און די לאַגע פון יאָהר 1804 . . . 184
די פאָלגען פון געזעץ פון יאָהר 1804
דאָס אַרויסטרייבן די יידן פון די דערפער . . . 198
דער קריג פון יאָהר 1812 . . . . . 200
דער עקאָנאָמישער צושטאַנד און זיינע קריזיסן. . . 204
די חסידישע שפּאַלטונג און דאָס אַריינמישן זיך פון די רעגירונג 213
דער ראַבּיניזם און דער חסידיזם אין די
קולטור-שטרעמונגען (פון די „בערלינער“) . . 220
די אויטאָבּיאָגראַפיאישע לעגענדער. . . . 228